NOAH E. COTSEN LIBRARY OF
YIDDISH CHILDREN'S LITERATURE

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 13595

DER PRINTS UN DER BETLER

Mark Twain

The original of this title comes from the permanent collection of the YIVO Institute for Jewish Research, New York, NY

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org



מאַרק טווען

(סאמועל קלעמענס).

מאַרק טווען
(סעמועל קלעמענס)

דער פּרינץ און דער בּעטלער

אַ מעשה פאַר יונגוואַרג פון יעדן עלטער

פון ענגליש איבערזעצט דורך ז. ווענדראָף

ווילנע — 1923
ווילנער פאַרלאַג פון ב. א. קלעצקין.

Mark Twen. PRINC i ŻEBRAK.

Drukarnia „Wydawnictwo Wileńskie" B. Kleckina,
M.-Stefańska 23.

די געהאָרכזאמע און ליבע קינדער

שושנה און קלאַראַ קלעמענס

ווידמעט מיט ליבע דאָס בוך

זייער פאָטער,

אינהאַלט.

1) דאָס געבורט פון דעם פּרינץ און פון דעם בעטלער.

2) טאָמס קינדער־יאָרן.

3) טאָמס באַגעגעניש מיטן פּרינץ.

4) דעם פּרינצס צרות הויבן זיך אָן.

5) טאָם אַלס פּרינץ.

6) טאָם ווערט געלערנט שטאַט.

7) טאָמס ערשטער קיניגליכער מיטאָג.

8) מען זוכט דעם מלוכה־שטעמפּל.

9) די פּראָצעסיע אויפן טייך.

10) דער פּרינץ אין דער קלעם.

11) אין ראַטהויז.

12) דער פּרינץ און זיין ערלייזער.

13) דער פּרינץ ווערט פארשוואונדן.

14) געשטאָרבן דער קיניג — זאָל לעבן דער קיניג!

15) טאָם — אַ קיניג.

16) דער פּאַראַד־מיטאָג.

17) דער קיניג פּו־פּו דער ערשטער.

18) דער פּרינץ צווישן שלעפּערס.

19) דער פּרינץ צווישן פּויערים.

20) דער פּרינץ און דער נזיר.

21) הענדאָן קומט צוהילף.

22) דער פּרינץ אַ קרבן פון פּאַרראַט.

23) דער פּרינץ — אַרעסטירט.

24) דאָס אַנטלויפן.

25) הענדאָן־שלאָס.

26) דער אָפּגעלייקנטער.

27) אין געפענגניס.

28) דער קרבן.

29) קיין לאָנדאָן.

30) די קרוינונגס־פּראָצעסיע.

31) דער קרוינונגס־טאָג.

32) עדואַרד אַלס קיניג.

שלוס. שטראָף און באַלוינונג.

פאָרוואָרט.

איך וועל אַייך דאָ פאָרלייגן אַ מעשה ווי זי איז מיר דערציילט געוואָרן ביי אַ מענטשן, וואָס האָט זי געהערט פון זיין פאָטער, וועלכער האָט, דאָסגלייכן געהערט זי פון זיין פאָטער, יענער ווידער, האָט געהאַט דיזעלביקע מעשה במסורה פון זיין פאָטער, און אַזוי ווייטער אַלץ צוריק צו די פאַרגאַנגענע דורות. אין אַ משך פון דריי הונדערט יאָר איז די מעשה איבערגעגאַנגען פון פאָטערס צו זין, ביז זי איז אויף אַזאַ אופן דערגאַנגען צו אונז.

עס קען זיין, אַז די מעשה איז אַן אמתע מעשה און עס קען זיין, אַז ס׳איז ניט מער ווי אַ לעגענדע, אַן אויסגעטראַכטע זאַך. מעגלאַך, אַז דאָס האָט קיינמאָל ניט פאַסירט, אָבער, ווי די מעשה איז, האָט עס געקענט פאַסירן. עס קען געמאָלט זיין, אַז אין די אַלטע צייטן האָבן אין דער געשיכטע געגלויבט קלוגע און געלערנטע מענטשן, און אפשר האָבן נאָר די פשוטע און ניט געלערנטע געגליבט זי און געגלויבט אין איר.

ערשטער קאַפּיטל.

דאָס געבורט פֿון דעם פּרינץ און פֿון דעם בעטלער.

אין דער שטאָט לאָנדאָן איז אין איין הערבסט־פֿרימאָרגן פֿון זעכצנטן יאָר־הונדערט אין אָן אָרימער פֿאַמיליע מיט דעם נאָמען קענטי, געבאָרן געוואָרן אַ ייִנגל, וואָס איז געקומען אין דער הויז־געזינט ווי אַן אומגעבעטענער גאַסט. אין דעם זעלביקן טאָג איז אין אַ רייכער פֿאַמיליע מיט דעם נאָמען טיודאָר אויך געבאָרן געוואָרן אַ ייִנגל, וואָס איז געווען זייער אַן אָנגעלייקטער גאַסט. און ניט נאָר ער איז געווען געוואונטשן פֿאַר זיינע עלטערן— גאַנץ ענגלאַנד האָט זיך געפֿרייט מיט זיין געבורט.

ענגלאַנד האָט אַזוי לאַנג געבענקט נאָך אים, און געוואַרט אויף אים, און געבעטן גאָט פֿאַר אים, אַז ווען ער איז לסוף געקומען אויף דער וועלט, — איז דאָס פֿאָלק כמעט משוגע געוואָרן פֿון שמחה. האַלב־באַקאַנטע מענטשן האָבן זיך אַרומגעכאַפּט אין די גאַסן, געקושט און געהאַלזט זיך פֿאַר גרויס פֿרייד. יעדערער האָט זיך געמאַכט דעם טאָג אַ יום־טוב, יחסנים און פּראָסטע מענטשן, אָרים און רייך, קליין און גרויס האָבן געטאַנצט און געזונגען, געגעסן און געטרונקען, און געדויערט האָט דאָס אייניקע טעג און נעכט.

בייטאָג איז לאָנדאָן געווען אַ פּראַכט צו זען: יעדער טיר און יעדער פֿענסטער איז געווען באַפּוצט מיט פֿלאַטערדיקע פֿאָנען, איבער אַלע גאַסן האָבן זיך געצויגן לוסטיקע פּראָצעסיעס, אומעטום האָט געשפּילט מוזיק. ניט ווייניקער שיין איז די שטאָט געווען ביינאַכט: אויף יעדער ווינקל גאַס האָבן געפֿלאַקערט פֿייערן און

דער אויסגעטרונקענער עולם האָט געטאַנצט און לוסטיק געמאַכט זיך אַרום זיי.

גאַנץ ענגלאַנד האָט פון קיין אַנדער זאַך ניט גערעדט ווי נאָר פון דאָס ניי־געבאָרענע קינד עדואַרד טיודאָר, דעם פּרינץ פון וועלש.

און ער, דער יורש עצר פון ענגלישן טראָן, איז זיך געלעגן פאַרוויקלט אין זיידענס און אַטלאַס... ניט האָבנדיק קיין שום אַנונג פון דעם גאַנצן פּאַראַד, וואָס מען האָט דאָ געמאַכט אַרום אים און ניט חושד זייענדיק, אַפילו אַז די גרעסטע לאָרדן און הויף־דאַמען ניאַנטשען זיך מיט אים, און פּאַסן אים אויף און היטן אים אָפּ ווי דאָס שוואַרצאַפּל פון אויג.

און, דעם אמת געזאָגט, האָט ער זיך ווייניק געקימערט וועגן דעם.

אָבער וועגן דעם צווייטן יינגל, טאָם קענטי האָט קיינער אַ וואָרט ניט גערעדט, אַחוץ אפשר זיין אייגענע אָרימע הויז־געזינט, וועלכער ער האָט מיט זיין קומען געבראַכט פרישע זאָרגן מיט פרישע צרות.

צווייטער קאַפּיטל.

טאָמס קינדער־יאָרן.

איצט לאָמיר איבערהיפּן עטלאַכע יאָר.

לאָנדאָן איז געווען פופצן הונדערט יאָר אַלט און איז, ווערליק יענער צייט, געווען אַ גרויסע שטאָט; זי האָט פאַרמאָגט אַ הונדערט טויזנט איינוואוינער; אַנדערע זאָגן אפילו, אַז צוויי מאָל אזוי פיל. די גאַסן זיינען געווען זייער שמאָל, און געדרייט און שמוציק, איבערהויפּט אין יענער טייל שטאָט, וואו טאָם קענטי האָט געוואוינט — אין דעם געגנט פון „לאָנדאָן־בריק".

די הייזער זיינען געווען הילצערנע, דער צווייטער שטאָק ברייטער פון דעם ערשטן און דער דריטער שטאָק ברייטער פון צווייטן, אזוי, אַז וואָס העכער די געביידע איז געווען, אַלץ ברייטער איז זי געווען אויבן. געבויט זיינען זיי געווען פון גראָבע בעלקעס, צונויפגעלייקט אין דער לענג און דער ברייט, און דער שטח צווישן זיי אויסגעפילט מיט פעסטן מאַטעריאַל און פון אויבן פאַרשמירט מיט זאמד און וואַפּנע. די בעלקעס זיינען גע־פאַרבט געווען רויט, בלוי אָדער שוואַרץ — ווערליק דעם גוסט פון בעל־הבית, וואָס עס האָט צוגעגעבן די הייזער אַ מאַלעריש פריילאַך אויסזען. די פענסטערלאַך אין די הייזער זיינען געווען קלייניקע באַגלאָזט מיט קליינע שייבאַלאַך. געעפנט האָבן זיי זיך דרויסן צו אויף זאַוועסעס, ווי טירן.

דאָס הויז, אין וועלכער טאָמס פאָטער האָט געוואוינט, איז געשטאַנען אין אַ פאַרוקט ווינקל, וואָס האָט געהייסן דער שמוץ־הויף, אין שכנות מיט דער פּרעסער־געסל, אָדער פּודינג־געסל.

דאָס הייזל איז געווען קליין אַלט און האַלב צעפאַלן, אָבער פול געפּאַקט מיט מוראַדיק־אָרימע שכנים. די משפּחה קענטי האָט פאַרנומען אַ צימער אויפן דריטן שטאָק. די מוטער מיטן פאָטער האָבן געהאַט אַ מין בעט אין ווינקל, אָבער טאָם, זיין באָבע און זיינע צוויי שוועסטער, בעט און נען, זיינען נישט געווען באַגרענצט: זיי האָבן געהאַט פאַר זיך די גאַנצע דיל און געקענט שלאָפן, וואו זיי האָבן געוואָלט. זיי האָבן פאַרמאָגט די רעשטלאַך פון אַ פּאָר קאָלדרעס און עטלעכע ביַנטלעך צוריבענע און פאַרפוילטע שטרוי, וואָס זיינען בייטאָג צונויפגעשאַרט געוואָרן אין איין ווינקל, פון וועלכן יעדערער האָט ביינאַכט גענומען פאַר זיך אויף אַ געלעגער, וואָס ס׳איז אים צום האַנט געקומען.

בעט און נען זיינען געווען אַ צווילינג פופצען יאָר אַלט. דאָס זיינען געווען גוטהאַרציקע, אָבגעלאָזענע, אָבגעריסענע און טיף־אומוויסנדיקע מיידלאַך. די מוטער איז אין גאַנצן געווען געראָטן אין די טעכטער, אָבער די באָבע און דער פאָטער זיינען געווען אַ פּאָר אמת׳ע טייוואָלים. זיי פלעגן זיך אָנשכורן ווען זיי האָבן נאָר געהאַט די געלעגנהייט דערצו און פאַרפירן אַ געשלעג צווישן זיך, אָדער מיט יעדערן, ווער עס איז זיי געקומען אונטערן האַנט.

דזשאָן קענטי איז געווען אַ גנב און זיין מוטער—אַ בעטלערקע. פון די קינדער האָבן זיי געמאַכט בעטלער, אָבער מאַכן זיי פאַר גנבים האָט זיך זיי ניט איינגעגעבן.

אין דער זעלביקער הויז, אָבער אָבגעזונדערט פון דער איבעריקער חברה, האָט געוואוינט אַ געוועזענער גלח, וועלכן דער קיניג האָט געלאָזן אויף דער עלטער אָן אַ היים און ברויט מיט אַ פּענסיע פון עטלאַכע גראָשן אַ וואָך. אָט דער אַלטער גלח פלעגט פאַרופן צו זיך די קינדער פון געסל און לערנען זיי געהיים גוטע מידות. דער זעלביקער פאָטער אַנדריו האָט אויך אויסגעלערנט טאָמען לייענען, שרייבן און אַ ביסל לאַטיין. ער וואָלט דאָס זעלביקע געטאָן מיט טאָמ׳ס שוועסטער אויך, אָבער יענע האָבן שטאַרק געציטערט, אַז זייערע חבר׳טעס וועלן זיך דער פון דערוויסן און וועלן חוזק מאַכן פון זיי פאַר זייער מאָדנעם אויפטו.

גאַנץ שמוץ-הויף-געסל איז געווען. פּונקט אַזאַ בינשטאָק ווי די הויז, אין וועלכער טאָם קענטי האָט געוואוינט שכּרות, זידלעריי און געשלעג איז געווען פון די געוויינלאַכסטע זאַכן אין שמוץ-הויף סיי בייטאָג, סיי בייגאַכט. צובראָכענע קעפּ איז דאָרטן געווען אַ טעגליכע ערשיינונג, אַזוי גוט ווי הונגער. פונדעסטוועגן, האָט זיך טאָם ניט געפילט אומגליקלאַך. אמת, עס האָט זיך אים ניט גרינג געלעבט, אָבער ער האָט פון עפּעס בעסערס ניט געוואוסט. דאָס איז געווען דער סאָרט לעבן, וואָס אַלע ייִנגלאַך פון שמוץ-הויף-געסל האָבן געלעבט, און טאָם האָט געמיינט, אַז אַנדערש קען גאָרניט זיין. ער האָט געוואוסט, אַז ווען ער קומט אין אָבנט אַהיים מיט ליידיקע הענט, וועט אים פריער דער טאַטע גוט אָנשילטן און אָנשלאָגן, דערנאָך, אַז דער טאַטע וועט מיד ווערן שלאָגנדיק, וועט זיך די באָבע, די מכשפה, נעמען צו דער אַרבעט און פאַרבעסערן. ער האָט געוואוסט, אַז ביי נאַכט, ווען דאָס גאַנצע הויז-געזינד וועט שוין שנאָרכען אין שווערן שלאָף, וועט זיך די הונגעריקע מאַמע צוגנבענען צו אים און, שטילערהייד, אונטערוקן אַ פּעניצל פאַרטריקענט ברויט אָדער וואָסערע ניט איז שיריים, וואָס זי האָט אָבגעשפּאָרט פון איר אייגענעם מויל, ניט קוקנדיק אויף דעם, וואָס דער מאַן האָט איר ניט איין מאָל געשלאָגן צום טויט, ווען ער האָט זי געכאַפּט ביים האַנט.

ניין, טאָמען האָט זיך געלעבט ניט שלעכט, איבערהויפּט ווען ס'איז געקומען זומער-לעב. ער האָט געבעטעלט נאָר אויף אַזוי פיל, ווי פיל עס איז נויטיג געווען אויסצומיידן דעם טאַטנס און דער באָבעס קלעפּ.—וואָרום די געזעצן זיינען דאַמאָלט געווען שטרייננג און די שטראָף פאַר בעטלען — שווער. — ער האָט אַ רעכט ביסל צייט פאַרבראַכט אין הערן דעם פּאָטער אַנדריוס פראַכטפולע אַלטע מעשהלאַך און לעגענדעס וועגן ריזן און מכשפים, וועגן קאַרליקעס און גלגולים, וועגן פאַרכישופטע שלעסער, וועגן מעכטיקע קסרים און העלדישע פּרינצן. זיין קאָפּ איז פול געווען מיט אָט די אַלע וואונדערפולע געשטאַלטן, און ניט איין נאַכט, ליגנדיק אין דער פינסטער אַ צושלאָגענער, אַ מידער און אַ הונגע-

ריקער, געביסן פון וואַנצן, פליי און אַנדערע פּאַראַזיטן מיט וועל־
כע דאָס ביסל צופּוילטע שטרוי האָט געווירבלט, — האָט ער געלאָזן
זיין פאַנטאַזיע שוועבן און האָט גיך פאַרגעסן אָן אַלע ווייטאָגן
און אַלע יסורים, מאַלנדיק זיך דאָס פּראַכטיקע לעבן פון אַ פּרינץ
אין אַ קייזערליכן פּאַלאַץ.

מיט דער צייט איז זיין גרעסטער וואונטש געוואָרן צו זען
מיט זיינע אייגענע אויגן אַן אמתן לעבעדיקן פּרינץ. דער דאָזיקער
וואונטש האָט אים פאַרפאָלגט טאָג און נאַכט. איינמאָל האָט ער
אַפילו אַרויסגעזאָגט זיין פאַרבאָרגענעם וואונטש פאַר זיינע חברים
פון שמוץ־הויף־געסל, אָבער יענע האָבן אים אַזוי אונרחמנות׳דיק
אויסגעלאַכט, אַז ער האָט שוין פאַרזאָגט אַ צענטן צו ריידן מיט
זיי וועגן אַזעלכע זאַכן. פון דאַמאָלסט אָן האָט ער געהאַלטן זיי־
נע חלומות פאַר זיך.

טאָם האָט אָפט געלייענט דעם אַלטן גלחס אַלטע ביכער
און געבעטן ער זאָל אים זיי פאַרטייטשן און דערקלערן. דאָס
לייענען און דאָס טרוימען האָבן ביסלאַכווייס אַרויסגערופן אין
אים אַ געוויסע פאַרענדערונג. די העלדן, וואָס ער האָט באַשאַפן
אין זיין פאַנטאַזיע זיינען געווען אַזוי שיין און פּראַכטפול, אַז ער
האָט זיך אָנגעהויבן צו שעמען מיט זיינע טראַנטעס און שמוץ
און אים האָט זיך געוואָלט אַליין אויך זיין ריינער און בעסער
אָנגעטאָן. ער האָט ווי פריער געשפּילט אין בלאָטע און הנאה גע־
האַט דערפון אויך; אָבער אָנשטאָט צו פּליושקען זיך אין דער
טעמזע גלאַט אין דער וועלט אַריין, צוליב שטיפעריי, האָט
אים דאָס באַדן זיך אָנגעהויבן צו געפעלן נאָך דערפאַר, וואָס
עס מאַכט ריין.

טאָם האָט שטענדיק געפונען עפּעס אינטערעסאַנטעס אין
דער טשיפּסייד־געגנט און אויף די ירידן. פון צייט צו צייט
איז אים מיט דער איבעריקער באַפעלקערונג פון לאָנדאָן אויסגע־
קומען צו זען ווי מען פירט אַ גרויסן מענטשן איבערן וואַסער
אָדער מיט דער יבשה אין לאָנדאָנער טורם — אַ געפענגעניס פאַר
איידל־לייט. איין זומער־טאָג איז אים אַפילו באַשערט געווען צו
זען ווי מען האָט די אומגליקלאַכע אַננאַ אַסקיו און נאָך דריי

מאַנסביל פאַרברענט אויף אַ שייטערהויפן און געהערט ווי אַ ביסקופ האָט געהאַלטן פאַר די פאַרמשפּטע אַ דרשה, וואָס איז טאָמען גאָר ניט געווען אינטערעסאַנט. יאָ, בכלל איז טאָמס לעבן געווען גענוג אינטערעסאַנט און פאַרשיידנאַרטיק.

ביסלאַכווייס האָט דאָס שטענדיקע לעזן און חלומען וועגן מלכים און פרינצן געמאַכט אויף טאָמען אַזאַ איינדרוק, אַז ער האָט אַליין גענומען שפּילן די ראָלע פון אַ פּרינץ. זיין אַרט ריידן און באַנעמען זיך איז געוואָרן מאָדנע צערעמאָניש און הויף-מעסיק צו דעם גרויסן פאַרגעניגן און פאַרוויילונג פון זיינע חברים און באַקאַנטע. נאָר כאָטש זיי האָבן זיך לוסטיק געמאַכט איבער אים פונדעסטוועגן איז זיין ווירקונג צווישן זיינע חברים געוואַקסן פון טאָג צו טאָג. ביסלאַכווייס האָט מען אויף אים גענומען קוקן מיט התפעלות, ווי אויף אַ וואונדער-קינד. אַ קלייניקייט וואָס ער ווייס און וואָס ער קען אויפטאָן! און חוץ דעם, איז ער אַזוי קלוג און געלערנט! טאָמס באַמערקונגען און טאָמס אויפטועכצן זיינען דורך די קינדער באַוואוסט געוואָרן אויך ביי די עלטערן, וואָס האָבן אויך אָנגעהויבן צו קוקן אויף אים ווי אויף אַ גוואַלדיק-פּעאיקן און אויסערגעוויינלעכן יינגל. דערוואַקסענע מענטשן האָבן אָנגעהויבן צו קומען צו אים אין יעדער פאַרלעגנהייט אַן עצה האַלטן זיך און זיינען געווען אויסער זיך פון דער חכמה און איינפאַלן, וואָס ער ווייזט אַרויס ביים אַרויסזאָגן זיין באַשלוס אָדער זיין פּסק-דין. קורץ, ער איז געוואָרן דער העלד פון גאַנצן געסל, אַחוץ זיין אייגענער פאַמיליע, וואָס האָט אין אים קיין שום באַזונדערס ניט באַמערקט.

אַ ביסל צייט שפּעטער, האָט טאָם שטילערהייד איינגעפירט זיין אייגענעם קייזערלאַכן הויף! עס פאַרשטייט זיך, — ער איז געווען דער פּרינץ, זיינע נאָענטסטע חברים — לייב-היטערס, קאַמערהערן, שטאַל-מייסטערס, לאָרדן, הויף-דאַמען און מיטגלידער פון דער קייזערליכער פאַמיליע. יעדן טאָג האָט דער הויף אויפגענומען דעם נייגעבאַקענעם פּרינץ מיט אַלע צערעמאָניעס, וואָס טאָם האָט אויסגעלייענט אין זיינע ביכער. יעדן טאָג זיינען אין מיניסטעריום פון דעם כלומערשדיקן קיניגרייך באַהאַנדלט געוואָרן אַלע

זוויכטיקע מלוכה=פראַגן און יעדן טאָג האָט זיין צופּלייסנדיקע מאַיעסטעט אַרויסגעגעבן באַפעלן צו זיין פאַנטאַסטישער אַרמיי, פלאָט און שני=למלכים.

נאַכהער פלעגט ער זיך ווייטער אַרויסלאָזן אין זיינע שמאַטעס איבער די גאַסן אויסצובעטלען אַ פּאָר גראָשן, ווידער עסן זיין פאַרדאַרט שטיקל ברויט, נאָך אַמאָל אַריינכאַפּן זיין חלק קלעפּ, און קללות, ביז ער פלעגט אַ פאַל טאָן שפּעט ביינאַכט אויף זיין הויפן פאַרפוילטע שטרוי און ווייטער אָנהויבן לעבן אין זיינע פאַנטאַזיעס און חלומות דאָס לעבן פון אַ פּרינץ.

דערווייל איז דער וואונטש צו זען כאָטש איינמאָל אין לעבן אַן אמתן פּרינץ, אַ לעבעדיקן פּרינץ פון בלוט און פלייש געוואַקסן ביי ט אָ מ ע ן פון טאָג צו טאָג און פון וואָך צו וואָך ביז דערדאָזיקער וואונטש האָט פאַרשלונגען אַלע אַנדערע וואונטשן און איז געוואָרן די איינציקע לוסט פון זיין לעבן.

איינמאָל ווינטער, אין אַ קאַלטן יאַנואַר=טאָג האָט ט אָ ם, ווי געווײנלאַך אַרויסגעלאָזן זיך אויף זיין בעטלער=גאַנג. שעה פאַר שעה האָט ער, אַן אָפּגעריסענער, אַ באָרוועסער און אַ הונגעריקער יאושדיק אַרומגעדרייט זיך הין און צוריק אין געגנט פון מיינסינג=געסל, אַריינקוקנדיק אין די פענסטער פון די גאָרקיכן, וואו עס זיינען ווי אויף צו להכעיס, געווען אויסגעשטעלט טייגאַכצן געפילט מיט געהאַקטע חזיר=פלייש און נאָך אַזעלכע משונהדיקע מאכלים, וואָס כאָטש ער אַליין האָט עס קיינמאָל ניט פאַרזוכט פונדעסטוועגן האָט ער געפילט נאָכן ריח נאָך אַז דאָס זיינען געריכטן ניט פאַר פשוטע מענטשן, און אַז נאָר קיסרים און מלכים קענען זיך פאַרגינען אַזוינס צו עסן.

אַ שפּאָרעוודיק רעגנדל האָט געגאָסן, ווי דורך אַ זיפּ, דער טאָג איז געווען אַ כמאַרער, אַ טרויעריקער, די לופט — אַ נאַסע, אַ דורכנעמענדיקע. ביינאַכט, האָט ער זיך פאַרשלעפּט אַ היים אַזוי דורכגעווייקט, מיד און הונגעריק, אַז אַפילו דער טאַטע מיט דער באָבן האָבן אויף זייער אייגענעם שטייגער אויף אים רחמנות באַקומען און אים ניט לאַנג געפּייניקט: דערלאַנגט אים גלייך אַ גוטן חלק קלעפּ און געשיקט שלאָפן.

אַ לאַנגע צייט האָבן אים די ווייטאָקן און הונגער פון איין זייט און די קולות און געשלעג אין שטוב פון דער צווייטער זייט ניט געלאָזן איינשלאָפן, נאָר ביסלאַכווייס האָבן אים זיינע מחשבות אַוועקגעטראָגן העט ווייט אין אַ צויבער־לאַנד און ער איז איינגע־שלאָפן אין אַ פּראַכטיקן גרויסן פּאַלאַץ צווישן פּרינצלאַך און בני־מלכים, באַשאָטענע פון קאָפּ ביז די פיס מיט דימענטן און ברי־ליאַנטן, אַרומגערינגלט מיט קנעכט, וואָס בוקן זיך צו די פיס און פליען פייל פון בויגן אויסצופילן זייער יעדער באַפעל. עס פאַרשטייט זיך, אַז ער אַליין איז אויך געווען איינער פון די פּרינצן.

אַ גאַנצע נאַכט האָט ער געלעבט דאָס לעבן פון אַ פּרינץ אין קייזאַרלאַכן הויף. ער האָט זיך געבאָדן אין שטראָמען פון ליכט און גלאַנץ, ער האָט זיך באַוועגט צווישן לאָרדן און הויף־דאַמען, איינגעאָטעמט די ריחות פון די פיינסטע בשמים און פּאַרפומען, אויפגענומען די זיסע קלאַנגען פון צויבער־מוזיק און וואו מיט אַ שמייכל, און וואו מיט אַ לייכטן קאָפּ־נויג געענטפערט אויף די אונטערטעניקע בוקונגען פון דעם גלענצנדן עולם, וואָס האָט געמאַכט אַ וועג ביי זיין דורכגאַנג.

און ווען ער האָט זיך אויפגעוואַכט אין דער פרי און דער זען דעם דלות און עלנט אַרום זיך, — האָט עס אים, ווי שטענדיק נאָך אַזעלכע חלומות, אויסגעזען נאָך טויזנט מאָל אָרימער און עלנטער ווי פריער. עס האָט אים פאַרקלעמט ביים האַרצן און ער האָט זיך באַגאָסן מיט ביטערע טרערן.

דריטער קאַפּיטל.

טאָמס באַגעגעניש מיטן פּרינץ.

טאָם האָט זיך אויפגעהויבן אַ הונגעריקער און איז אַרויס פון שטוב אַ הונגעריקער, אָבער זיינע געדאַנקען זיינען אינגאַנצן געווען פאַרנומען מיט דעם שאָטנדיקן גלאַנץ פון זיינע חלומות.

ער האָט געוואַנדערט איבערן שטאָט אַהין און אַהער, אַליין ניט וויסנדיק וואוהין ער גייט און קוים באַמערקנדיק וואָס עס טוט זיך אַרום אים. פאַרבייגייער האָבן אים געשטויסן, אַנדערע האָבן אים געזידלט פאַרוואָס ער זעט ניט וואו ער גייט, אָבער דער פאַרחלומטער יינגל האָט זיך ניט געקימערט וועגן דעם.

פאַרטראַכטערהייט איז ער אַזוי פאַרגאַנגען ביז צו טעמפּל־באַר.—אַזוי ווייט פון דערהיים איז ער נאָך קיינמאָל ניט געווען. ער האָט זיך אָפּגעשטעלט אויף אַ מאָמענט ווי ער וואָלט זיך מישב געווען מיט זיך אַליין, נאָכהער האָט ער זיך ווידער פאַרטראַכט און איז ווייטער אַוועק ביז ער האָט זיך אַרומגעזען, אַז ער געפינט זיך אויסער די טויערן פון לאָנדאָן.

סטראַנד האָט שוין דעמאָלט אויפגעהערט צו זיין אַ דורכפאָר־וועג און האָט זיך שוין גערעכנט פאַר אַ שטאָטיקע גאַס, אָבער אַ מאָדנע גאַס איז דאָס געווען. פון איין זייט גאַס איז אַפילו געשטאַנען אַ שורה הייזער, אָבער אויף דער צווייטער זייט זיינען אויף אַ ווייטן שטח איינס פון דאָס אַנדערע געשטאַנען בלויז עטלאַכע גרויסע געביידעס. דאָס זיינען געווען פּאַלאַצן פון גרויסע לייט מיט גרויסע פּראַכטיקע גערטנער, וואָס האָבן זיך געצויגן ביז צום ברעג טייך. איצט זיינען אויף דעם אָרט פון די אַמאָליקע שאָטנדיקע פּראַכט־גערטנער, אויסגעוואַקסן גאַנצע וויאָרסטן פון כמורע שטיין, ציגל און צעמענט־הייזער.

אינגיכן האָט ער זיך געפונען אין דערפל טשערינג און האָט זיך געזעצט אָפּרוען אויפן פונדאַמענט פון פּראַכטיקן צלם, וואָס אַן אַראָפּגעזעצטער קיסר האָט דאָ אַמאָל אויפגעשטעלט. *) אָפּגערוט אַ ביסל, איז ער זיך לאַנגזאַם אַוועק איבער אַ שטילן, פיינעם וועג, איז פאַרבייגעגאַנגען דעם קאַרדינאַלס גרויסן פּראַכטיקן פּאַלאַץ, ביז ער איז געקומען צו דעם נאָך מער פּראַכטיקן קייזערלאַכן וועסטמינסטער־פּאַלאַץ. **)

מיט אַן אָפּענעם מויל איז טאָם געשטאַנען און מיט מוראדיקער התפעלות געקוקט אויף דעמדאָזיקן וואונדער פון דער בוי־קונסט, אויף דער גרויסער מאַסע גראַניט און מירמל־שטיין, אויף די ווייט־פאַרשפּרייטע נעבן־געביידעס, אויף די שטרענגע טורימס און פעסטונגען, אויף די גוואַלדיק ברייטע טויערן מיט באַגילטע שטאַנגען און מיט גאַנצע שורות קאָלאָסאַלע גראַניטענע לייבן, און אויף די אַנדערע צייכנס און סימבאָלן פון קייזערלאַכער מאַכט.

ניט שוין־זשע וועט זיין גרעסטער וואונטש ניט דערפילט ווערן? ער שטייט געוויס פאַרן קיניגלאַכן פּאַלאַץ, קען ער דען ניט האָפן, אַז דער אויבערשטער וועט אים מזכה זיין צו זען אַ פּרינץ,—אַן אמתן פּרינץ פון פלייש און בלוט?

פון יעדער זייט באַגילטן טויער איז געשטאַנען אַ לעבעדיקע סטאַטוע—אַ גלייכער, גראַציעזער, אומבאַוועגלאַכער וואַך־האַלטער פון קאָפּ ביזן קנאָפּל אין געווער און פּאַנצער פון בלישטשענדיקן שטאָל. פון דערווייטנס, אַנטקעגן טויער זיינען געשטאַנען דאָרפס־לייט און שטאָט־לייט און געוואַרט אויף אַ געלעגנהייט צו כאַפּן אַ קוק אויף ווען עס איז פון דער קייזערלאַכער פאַמיליע. אויסגעפּוצטע דאַמען און הערן, באַגלייט פון פּראַכטפול געקליידעטע דינערשאַפט זיינען אַלע ווײַלע צוגעפאָרן און אָפּגע־

---

*) טשערינג־קראָס (טשערינג־צלם) איז איצט דער מיטל־פּונקט פון לאָנדאָן.

**) וועסטמינסטער איז אין מערב־טייל פון לאָנדאָן. דאָרטן געפינט זיך דער ענגלישער פּאַרלאַמענט אין איינער פון די קייזערלאַכע פּאַלאַצן.

פאָרן צו די אָדער יענע טויערן, וואָס האָבן דורכגעשניטן דעם קייזערלאַכן הויף.

דער אָרימער קליינער טאָם אין זיינע שמאַטעס איז אויך צוגעגאַנגען צום טויער און האָט לאַנגזאַם און הכנעהדיק גענומען באַוועגן זיך פאַרביי די וואַך־האַלטערס. זיין קליין הערצל האָט האַסטיק געקלאַפּט און זיין האָפענונג צו זען אַ לעבעדיקן פרינץ האָט זיך געשטאַרקט. מיט אַמאָל האָט ער דורך די גאָלדענע שטאַנגען דערזען אַ בילד, וואָס האָט אים אַ הויב געטאָן אין דער לופטן און ער האָט נאָך אַ האָר ניט אַ געשריי געטאָן פאַר פרייד; אינעווייניק אין הויף איז געשטאַנען אַ שיין, סימפּאַטיש יינגל, פאַרברוינט און טונקל פון שטענדיקן שפּילן און ספּאָרט־טרייבן אויף דער פרישער לופט; געקליידט איז דאָס יינגל געווען אינגאַנצן אין פראַכטפולן זייד און סאַמעט, באַפּוצט מיט שאַץ־שטיינער; אויפן זייט איז ביי אים געהאַנגען אַ ראַפּיר און אַ שווערד, אינגאַנצן באַשאָטן מיט דימענטן און בריליאַנטן; אויף די פיסלאַך — פיינע שיכלאַך מיט רויטע קנאַפּל און אויפן קאָפּ אַ רויט מיצל, באַפּוצט מיט שטרויס־פעדערן, באַפעסטיקטע צום היטעלע מיט אַ גרויסן שיינענדיקן עדלשטיין. ער איז געווען אַרומגערינגלט פון עטלאַכע פיין־באַפּוצטע הערן — אַוודאי זיינע דינער.

אָ, דאָס איז געוויס אַ פרינץ! אַן אמתער, לעבעדיקער פרינץ! דאָ קען קיין שום ספק ניט זיין! אָ, די תפילה פון דעם קליינינקן, אָרימענקן בעטלערל איז סוף־כל־סוף פאָרט אָנגענומען געוואָרן!

טאָם האָט קוים געקענט דעם אָטעם כאַפּן פון אויפרעגונג זיינע ברייט־אויפגעריסענע אויגן האָבן געשיינט מיט פרייד און באַגייסטערונג. אין זיין נשמה האָט איצט געהערשט נאָר איין פאַרלאַנג; צוגיין נענטער צום פרינץ און גוט אָנקוקן זיך אויף אים. איידער ער האָט נאָך באַרעכנט וואָס ער טוט, איז ער שוין געשטאַנען מיטן פנים צוגעפרעסט צו די צוים־שטאַנגען. אָבער דאָ האָט אים איינער פון די זעלנער אַ כאַפּ געטאָן ביים קאָלנער און דערלאַנגט אַ שליידער צו דער חברה דאָרפישע און שטאָטיקע ליידיק־גייערס, זאָגנדיק דערביי:

— פֿאַרגעס ניט ווי צו באַנעמען זיך, דו יונגער בעטלער!

דער עולם האָט אַ הירזשע געטאָן און געגומען שיטן מיט ווערטלאַך אויף דעם אָרימען יינגל, אָבער אין דערזעלביקער מינוט איז דער יונגער פּרינץ מיט אַ פֿאַרפֿלאַמט פּנים און מיט אויגן, וואָס האָבן געשאָטן פֿונקען, צוגעשפּרונגען צום טויער און אויפֿגעבראַכט אויסגעשריען:

— ווי אַזוי האָסטו זיך געקאָנט דערוועגן אַזוי צו באַגיין זיך מיט אַן אָרים יינגל! ווי האָט דיין האַנט געוואַגט אויפֿהייבן זיך אַפֿילו אויף דעם קלענסטן פֿון מיין פֿאָטערס, דעם קיניגס אונטערטאַנער?! עפֿן די טויערן און לאָז אים אַריין!

איר האָט געדאַרפֿט זען ווי דער זעלביקער המון, וואָס האָט נאָר וואָס חוזק געמאַכט פֿון אָרימען טאָם, האָט אַ ריס געטאָן די היטלען פֿון די קעפּ! איר האָט געדאַרפֿט זען ווי זיי האָבן דאָס אַ ביסל געריסן די העלזער, שרייענדיק: „עס זאָל לאַנג לעבן דער יורש עצר! הורא פֿאַר דעם פּרינץ פֿון וועלש!...״

די וואַך־האַלטערס האָבן געסאַליוטירט מיט זייערע אַלעבאַרדן *) און געעפֿנט דעם טויער. דער פּרינץ פֿון דלות און נויט אין זיינע פֿלאַטערדיקע שמאַטעס איז אַריין אין הויף און באַגריסט זיך פֿאַרן האַנט מיטן פּרינץ פֿון פּראַכט און מאַכט. די זעלנער האָבן ווידער אַמאָל געמאַכט אַ סאַליוט.

און עדוואַרד טיודאָר האָט אַזוי געזאָגט:

— דו זעסט אויס מיד און הונגעריק; דו ביסט שלעכט באַהאַנדלט געוואָרן. קום מיט מיר!

אַ האַלבע טוץ הויף־לייט האָבן זיך אַ וואָרף געטאָן פֿאָרויס— ניט צו דערלאָזן, אַ פּנים.—אָבער דער פּרינץ האָט אויף אַן עכט קיניגלאַכן שטייגער אַ מאַך געטאָן מיטן האַנט, און יעדערער פֿון זיי איז פֿאַרגליווערט געוואָרן אויף זיין אָרט ווי אַ שטיין־בילד.

עדוואַרד האָט אַריינגעפֿירט טאָמען אין אַ רייך־פֿאַרפּוצטן זאַל, וועלכן ער האָט אָנגערופֿן זיין קאַבינעט. אויף דעם פּרינצס באַפֿעל האָט מען טאָמען אַריינגעבראַכט אַ מאָלצייט, וואָס ער

---

*) אַ פֿאַרצייטיקער מין שפּיז און האַק צוזאַמען.

האָט קיינמאָל אַפילו די נעמען פון די שפּייזן ניט געהערט, סיידן אפשר אין ביכער באַגעגנט. מיט אַן עכט קיניגלאַכער איידלקייט און ערצויגנקייט האָט דער פּרינץ אַרויסגעשיקט די דינער פון צימער, כּדי זיין שעמעוודיקער גאַסט זאָל זיך ניט שטערן צו עסן. דאַן האָט ער זיך אַליין געזעצט לעבן טאָמען און, אין דער צייט וואָס יענער האָט געגעסן, גענומען פאַרנאַנדערפרעגן אים:

— ווי רופט מען דיך, יינגעלע?

— טאָם קענטי, — אויב עס געפעלט דיר, גנעדיקער האַר.

— אַ מאָדנער נאָמען, און וואו וואוינסטו?

— אין שטאָט, איך בעט דיך, גנעדיקער האַר אין שמוץ-הויף, וואָס אין פּרעסער-געסל.

— שמוץ-הויף, הם... ווידער אַ מאָדנער נאָמען! און עלטערן האָסטו?

— עלטערן האָב איך, סער, און אַ באָבע אויך, אָבער איך האָב זי ניט ליב, שטראָף מיך גאָט ניט פאַר די רייד, און צוויי שוועסטער, אַ צווילינג, בעט און נען, האָב איך.

— דיין באָבע איז, ווי איך פאַרשטיי, ניט שטענדיק פריינדלאַך צו דיר.

— זי איז צו קיינעם קיינמאָל ניט פריינדלאַך, גנעדיקער האַר, איר האַרץ איז שלעכט און אירע מעשים זיינען שלעכט אַלע טעג פון איר לעבן.

— שלאָגט זי דיר?

— עס טרעפן צייטן, ווען עס רוט איר האַנט, דאָס איז ווען שלאָף אָדער שכּרות נעמט אויף איר די אויבערהאַנט, אָבער ווען איר זין איז קלאָר, באַצאָלט זי מיר דאָפּלט.

די אויגן פון דעם קליינינקן פּרינץ האָבן אַ בליץ געטאָן מיט פייער.

— וואָס! זי שלאָגט דיך?

— אָ, יאָ, גנעדיקער האַר.

— שלאָגן דיך, אַזאַ קליינינקן און שוואַכינקן! הער-זשע צו

מיינע רייד: איידער די נאַכט װעט אָנקומען, װעט זי געפינען איר אָרט אין געפענגניס. מיין פאָטער דער קיניג...

— דו טוסט פאַרגעסן, גנעדיקער האַר, אַז זי איז פון נידעריקן שטאַם און דער טורעם איז נאָר פאַר די איידעללייט.

— אמת, דו ביסט גערעכט. איך האָב גאָר פאַרגעסן װעגן דעם, אָבער איך װעל שוין אויסטראַכטן אַ שטראָף פאַר איר. איז דיין פאָטער גוט צו דיר?

— ניט בעסער פון דער באָבען, סער.

— אַ פּנים, אַז אַלע טאַטעס זיינען גלייך. מיין פאָטער איז אויך ניט װייכהאַרציק: זיין האַנט איז שװער, אָבער מיך טוט ער שוינען. ער קאַרגט אָבער ניט פאַר מיר קיין שטראָף־רייד.

— און װי באַגייט זיך מיט דיר דיין מוטער?

— זי איז גוט־האַרציק, סער, און פאַרשאַפט מיר ניט קיין לייד און קיין פּיין. דאָס גלייכן מיינע שװעסטער בעט און נען זיינען אינגאַנצן געראָטן אין איר.

— װי אַלט זאָלן דיינע שװעסטער זיין?

— פופצן יאָר, גנעדיקער האַר.

— די ליידי עליזאַבעט, מיין שװעסטער איז פערצן יאָר אַלט און די ליידי דזשעני גריי, מיין קוזינע, איז אין מיינע יאָרן. זיי זיינען ליבענסװירדיק און שיין, אָבער מיין שװעסטער, די ליידי מערי איז אַן ערנסטע און אַ שטרענגע און... זאָג נאָר: דיינע שװעסטער פאַרבאָטן אויך זייערע דינסטן צו לאַכן, כּדי זיי זאָלן חלילה ניט פאַרזינדיקן דערמיט זייערע נשמות?

— מיינע שװעסטער? מיינסטו, גנעדיקער האַר, אַז זיי האָבן דינסטן?

דער קלייניקער פּרינץ האָט אַ װיילע געקוקט אויף דעם קליינינקן בעטלער און געזאָגט:

— איך בעט דיך, פאַרװאָס ניט? װער־זשע העלפט זיי אויסטאָן זיך פאַרן שלאָף און װער טוט זיי אָן אינדערפרי?

— קיינער ניט, גנעדיקער האַר, װילסטו זיי זאָלן אויף דער נאַכט אויסטאָן זייערע קליידער און שלאָפן נאַקעטע, װי די חיות?

— זייערע קליידער? — האָבן זיי דען מערניט ווי צו איין קלייד?

— אָ, גנעדיקער האר! וואָס וואָלטן זיי דען געטאָן מיט צוויי קליידער? האָבן זיי דען צו צוויי לייבער?

— דאָס איז אַ פיינער געדאַנק און אַ גוטער איינפאַל! זיי מיר מוחל, איך בין ניט אויסן געווען צו מאַכן שפּאַס פון דיר. אָבער דיין גוטע נען און בעט וועלן האָבן אי קליידער, אי די־ערשאַפט און גאָר אינגיכן אויך. מיין שאַצהאַלטער וועט שוין דאָס באַזאָרגן. אָ, ניין, ניין, דאַנק מיר נישט. דאָס איז אַ קלייניקייט. דו רעדסט שיין און האָסט טאַלאַנט דערצו. ביסט דו געלערנט?

איך ווייס ניט צו איך בין געלערנט אָדער ניט, גנעדיקער האַר. דער גוטער גלח אַנדריו איז געווען אַזוי פריינדלאַך צו לערנען מיך פון זיינע ביכער.

— פאַרשטייסטו לאַטיין?

— זייער ווייניק, דוכט זיך, גנעדיקער האַר.

— לערן לאַטיין, יינגעלע, לערן. דאָס איז נאָר פון אָנ־פאַנג שווער. גריכיש איז אַ סך שווערער. נאָר ניט די־דאָזיקע שפּראַכן, ניט אַנדערע לשונות זיינען פאַר דער ליידי עליזאַבעט און פאַר מיין קוזינע שווער. דו האָסט געדאַרפט אַ ביסל הערן די פריילנס ריידן אין פרעמדע שפּראַכן! אָבער דערציייל מיר בעסער פון דיין שמוץ־הויף. פאַרברענגסטו דאָרטן עפּעס פריילאַך די צייט?

— דעם אמת געזאָגט — זייער פריילאַך, סער, ווען איך בין נאָר ניט הונגעריק. מיר האָבן דאָרטן באַלאַגאַנעס און אַלערליי פאָרשטעלונגען, היינט אָבעזיאַנקעס! — אָ, וואָס פאַר אַ קאָמישע ברואימלאַך דאָס זיינען! און ווי פיין זיי זיינען אָנגעטאָן! עס זיי־נען פאַראַן פאָרשטעלונגען, אין וועלכע אַלע קאָמעדיאַנטן שרייען און שלאָגן זיך ביז זיי פאַלן אַלע טויט, און דאָס אַלץ אָנצוקוקן, קאָסט בלויז איין פאַרטינג (אַ קאָפּיקע) — ניט מער, אמת ס'איז נאָך געוויס שווער צו באַקומען דעם פאַרטינג, אייער גנאָד.

— דערציייל נאָך עפּעס.

— מיר, יינגלאַך פון אונזער געסל, פירן אָפט מלחמה איינע

מיט די אַנדערע און שלאָגן זיך אויף שלאָג-שטעקנס, ווי די האַנט-ווערקער-געזעלן.

דעם פּרינצס אויגן האָבן אַ בליק געטאָן, און ער האָט גע-זאָגט:

— דערויף וואָלט איך אויך אַ בעלן געווען. דערציייל נאָך, איך בעט דיך.

— מיר שפּילן אין פערדלאַך צו זען ווער פון אונז לויפט געשווינדער.

— דערפון וואָלט איך זיך אויך ניט אָפּגעזאָגט. ווייטער.

— זומערצייט בראָדזשען מיר און שווימען אין די קאַנאַלן און אין טייך, מיר טונקען איינער דעם אַנדערן און באַשפּריצן זיך מיט וואַסער, און גרונטעווען, און מאַכן אַלערליי קאָזליקעס אין וואַסער און..,

— מיין פאָטערס גאַנצע מלוכה וואָלט איך אוועקגעגעבן פאַר איינמאָל פאַרזוכן אַזאַ פאַרווייליונג! אָבער דערציייל ווייטער, איך בעט דיך.

— מיר זינגען און טאַנצן אַרום דעם מיי-דראָנג אין טשיפּ-סייד; מיר שפּילן זיך אין זאַמד, באַדעקנדיק איינער דעם אַנדערן פון קאָפּ ביז די פיס; אַמאָל מאַכן מיר קיכאַלאַך פון בלאָטע. אָ, די ליבע בלאָטע! קיין בעסערע זאַך ווי צו שפּילן זיך דערמיט איז גאָר אויף דער גאַנצער וועלט ניטאָ! מיר באָדן זיך פּשוט אין בלאָטע!—ניט אין געגנוואַרט פון אייער גנאָד צו דערמאָנען.

— אָ, האָב רחמנות, רייד מערניט!—האָט דער פּרינץ אויס-געשריען, עס איז געטלאַך! אָ, ווען איך וואָלט געקענט אָנטאָן צע-ריסענע קליידער ווי דו, אַראָפּנעמען די שיך פון מיינע פיס און קייקלען זיך אין בלאָטע, כאָטש איין איינציקן מאָל, און קיינער זאָל מיר דאָס ניט פאַרבאָטן און קיינער זאָל מיר קיין אויסרייד ניט מאַכן. איך וואָלט, דוכט זיך, די קרוין אַוועקגעגעבן דערפאַר!

— און ווען איך וואָלט געקענט כאָטש איינמאָל אָנטאָן אַזעלכע קליידער ווי דיינע, זיסער האַר—בלויז איין איינציק מאָל!

— האָט טאָם פון זיין זייט אויסגערופן.

— אָהאָ! דו וואָלסט עס געוואָלט! טו זאָל עס געשען! וואַרף

אַראָפּ די שמאַטעס און צי אָן אויף זיך אָט די גאַנצע פּראַכט יונגלינג! דיין גליק וועט זיין ניט דויערהאַפט, אָבער ער וועט צוליב דעם קלענער ניט זיין. לאָמיר זיך בייטן, כל-זמן מיר קענען און מיר ווען זיך צוריק איבערטאָן, איידער עמיצער האָט אונז געשטערט.

אייניקע מינוט שפּעטער איז דער פּרינץ פון וועלש געווען אָנגעטאָן אין טאָמס הענגענדיקע שטיקלאַך און ברעקלאַך, און דער פּרינץ פון דלות איז געשטאַנען אין די פּראַכטיקע קייזערלאַכע קליידער. ביידע זיינען צוגעגאַנגען און געשטעלט זיך זייט ביי זייט אַנטקעגן אַ גרויסן שפּיגל. און, אָ, אַ וואונדער! עס האָט אויסגעזען ווי זיי וואָלטן זיך גאָר קיינמאָל ניט געביטן מיט די קליידער! זיי האָבן זיך איינער דעם אַנדערן נייגעריק אָנגעקוקט. דערנאָך אַריינגעקוקט אין שפּיגל און ווידער אַמאָל אָנגעקוקט זיך, דאַן האָט דער פאַרוואונדערטער פּרינץ געזאָגט:

— וואָס זאָגסטו דערצו?

— אָ, אייער גנאָד, צווינג מיך ניט צו ענטפערן! עס פּאַסט ניט, אַז איינער פון מיין שטאַנד זאָל זיך דערוועגן אַזוינס אַרויסצוזאָגן.

— אויב אַזוי, וועל איך זאָגן. דו האָסט די זעלביקע אויגן, די זעלביקע האָר, די זעלביקע שטימע, דאָס זעלביקע באַנעמען און האַלטן זיך, דעם זעלביקן פּנים און דעם זעלביקן געשטאַלט וואָס איך. ווען מיר זאָלן ביידע אַרויסגיין נאַקעט, וועט קיינער ניט קענען זאָגן ווער פון אונז איז דו און ווער איז דער יורש עצר— דער פּרינץ פון וועלש, און איצט, ווען איך בין אָנגעטאָן אין דיינע קליידער, קען איך ערשט רעכט פילן וואָס דו האָסט איבערגעלעבט, ווען דער שלעכטער זעלנער... זע נאָר, וואָס איז עס פאַר אַ צייכן אויף דיין האַנט?

— יאָ, אָבער ס'איז גאָרנישט. און אייער גנאָד ווייס דאָך, אַז דער אָרימער וואַך-האַלטער...

— שווייג שטיל! דאָס איז געווען מיאוס און שלעכט פון זיין זייט!—האָט דער קליינער פּרינץ אַ טופּע געטאָן מיטן פיסל,— אויב דער קיניג... ניט ריר זיך פון אָרט, ביז איך וועל צוריקקומען. דאָס איז אַ באַפעל!

אין אַ מינוט האָט ער אַ כאַפּ געטאָן פון טיש און באַהאַלטן עפּעס אַ זאַך פון גרויס מלוכה־וויכטיגקייט, איז פּייל פון בויגן אַרויסגעלאָפן אין זיינע שמאַטעס און האָט זיך געלאָזן איבערן פּאַלאַץ־גאָרטן גלייך צום טויער, מיט אַ פאַרפלאַמטן פּנים און ברענענדיקע אויגן. צוגעלאָפן צום טויער, האָט ער זיך אָנגעכאַפּט אָן די ריגלען און טרייסלענדיק געשריען:

— עפן אויף די טויערן, ריגל אָפּ די ריגלען!

דער זעלנער, וואָס האָט פריער אַ שליידער געטאָן ט אָ מ ע ן, האָט גלייך געפּאָלגט דעם באַפעל, און ווען דער פּרינץ איז אין זיין קיניגלאַכן צאָרן דורכגעלאָפן פאַרביי אים, — האָט ער אים דערלאַנגט אַזאַ רייב אין אויער, אַז ער איז אַרויסגעפלויגן ווי אַן אונטערגעשאָסענער אַזש ביז צום מיטן גאַס.

— דאָס האָסטו פון מיר, דו שלעפּערשע קישקע, פאַר דעם אויסרייד, וואָס איך האָב צוליב דיר געכאַפּט פון זיין מאַיעסטעט דעם פּרינץ! — האָט אים דער זעלנער נאָכגעשריען.

דער עולם האָט געלאַכט, דער פּרינץ האָט זיך אויפגעהויבן פון בלאָטע און מיט כּעס אַ געשריי געטאָן אויף דעם זעלנער:

— איך בין דער פּרינץ פון וועלש, דער ענגלישער טראָנ־פאָלגער. מיין פּערזאָן איז הייליג און דיך וועט מען הייגען פאַר דיין אַרויפלייגן אַ האַנט אויף מיר.

דער זעלנער האָט גענומען די ביקס ווי מען נעמט ביי ערע אָבגעבן און האָט מיט שפּאָט געזאָגט:

איך גריס אייער קיניגלאַכע מאַיעסטעט!

און באַלד מיט כּעס און שוין ערנסט אויסגעשריען:

— טראָג אָב דיינע ביינער, דו משוגהנער שלעפּער!

דאָ האָבן די חברה ליידיגגייער, וואָס האָבן זיך שטענדיק געדרייט אַרום פּאַלאַץ, אַרומגערינגלט דעם קליינעם אָרימען פּרינצל און באַגלייט אים אַראָב־וועג מיט קולות און געלעכטער:

— מאַכט אַ וועג פאַר זיין קיניגלאַכער מאַיעסטעט! אַ וועג פאַר דעם יורש עצר, דעם פּרינץ פון וועלש! הוראַ — אַ!!...

פערטער קאַפּיטל.

דעם פּרינצם צרות הויבּן זיך אָן.

עטלאַכע שעה נאָכאַנאַנד האָט דער ווילדער המון נאָכגע־יאָגט דעם פּרינץ און חוזק געמאַכט פון אים. אַזוי לאַנג ווי ער האָט זיך געכּעסט און געסטראַשעט דעם המון מיט זיין קייזער־לאַכער שטראָף,—האָט ער געגעבּן אַלץ פרישע שטאָף צו רייצן אים. אָבּער ווי נאָר ער האָט שוין מער קיין כּוח ניט געהאַט צו ענטפערן אויף דעם שפּאָט, — איז ער פאַר זיי מער ניט געווען אינטערעסאַנט און זיי האָבּן זיך געזוכט אַנדערע פאַרווייַלונגען. ער האָט זיך אַרומגעקוקט אַרום זיך און דערזען, אַז ער געפינט זיך אין אַן אומבּאַקאַנטער געגנט. דאָס איינציקע וואָס עס איז פאַר אים קלאָר געווען איז, אַז ער איז אין לאָנדאָן גופא. ער האָט ווייטער געוואַנדערט צוועקלאָז בּיז ער איז געקומען צו אַ פאָרשטאָט. די הייזער זיינען געוואָרן שיטערער און די דורכ־גייער—זעלטענער. ער האָט אויסגעוואַשן זיינע צעבּלוטיקטע פיס אין אַ טייכל, וואָס האָט געפלאָסן אויף דעם אָרט, וואו עס גע־פינט זיך איצט פערינגדאָן גאַס, זיך אָפּגערוט אַ ווײַלע און איז אַוועק ווייטער. אינגיכן האָט ער דערגרייכט אַ גרויסן פּלאַץ, אויף וועלכן עס זיינען געשטאַנען צעוואָרפן עטלאַכע הייזער, איבּער וועלכע עס האָט זיך אויפגעהויבּן אַ גרויסע קירך. ער האָט דערקענט דעם קלויסטער. די קירך האָט געהאַלטן אין איבּער־בּויען זיך און איז אינגאַנצן געווען אַרומגערינגלט מיט רישטע־וואַניעס, אויף וועלכע עס האָבּן געאַרבּעט און בּאַוועגט זיך מוי־ערער און טאָג-אַרבּעטער.

דער פּרינץ האָט פרייער אָפּגעעטעמט. איצט וועט נעמען אַ סוף צו זיינע פּלאָגונגען: דאָס איז דאָך די אַלטע פראַנציסקאַ־

בער קירך, וואָס זיין פֿאָטער, דער קיניג, האָט אָפּגענומען ביי די מאָנאַכן און געלאָזט איבערבויען אויף אַ קינדערהיים פֿאַר אָרימע און פֿאַרלאָזענע קינדער, אַ נאָמען געבנדיק עס די „קריסטוס־היים." זיי, די אָרימע, וועלן מיט גרויס פֿאַרגעניגן באַהילפֿיק זיין דעם זון פֿון יענעם, וואָס האָט מיט זיי געטאָן אַזאַ וואוילטאַט, בפֿרט, ווען ער אַליין איז איצט אַזוי עלנט און פֿאַרוואָגלט, ווי די קינדער, וואָס געפֿינען אָדער וועלן ווען עס איז געפֿינען שוין דאָ אין דעם הויז. אין אַ מינוט אַרום איז ער שוין געשטאַנען צווישן אַ לעבעדיקע חברה ייִנגלאַך, וואָס זיינען אומגעלאָפֿן, גע־שפּרונגען, געשפּילט אין פּילקעס און שפּרינג־פֿראָש מיט גרויס טומל און געפּילדער, געקליידט זיינען זיי געווען אַלע אויף איין שטייגער, ווי עס פֿלעגן זיך צו יענער צייט אָנטאָן לערן־ייִנגלאַך און דינערשאַפֿט. אָנשטאָט אַ היטל האָט יעדערער געטראָגן אויפֿן שפּיץ קאָפּ אַ מין פֿלאַכע יאַרמלקע, די גרויס ווי אַ טעצל, וואָס האָט ניט באַשיצט און ניט באַשיינט דעם קאָפּ, פֿון אונטער דאָס היטל איז געפֿאַלן אויפֿן שטערן אַ פֿלאָנטער ניט פֿאַרקאַמטע האָר, אונטערגעשאָרן אין אַ קרייזל, אויפֿן האַלז — אַ האַלזבאַנד ווי עס טראָגן די גייסטלאַכע, אַ לאַנגן, שמאָלן, בלאָען מלבוש מיט ברייטע אַרבל, אַ ברייטן, רויטן גאַרטל, העל־געלבע זאָקן מיט זאָקן־בענדלאַך איבער די קני און שיך מיט גרויסע מעטאַלענע שפּראָנזש־קעס. בכלל איז עס געווען אַ גענוג מיאוסע הלבשה.

די ייִנגלאַך האָבן איבערגעהאַקט די שפּיל און אַרומגע־רינגלט דעם פּרינץ, וואָס האָט מיט געבאָרענער זעלבסטווירדע געזאָגט:

— גוטע קינדער, לאָזט זאָגן אייער עלטסטן, אַז עדוואַרד דער פּרינץ פֿון וועלש וויל ריידן מיט אים.

אַ הילכיק געלעכטער איז געווען דער ענטפֿער אויף דעם פּרינצס מעלדונג און איין אומגעלומפּערטער חברה־מאַן האָט געזאָגט:

— זאָג נאָר, שלעפּער דו איינער, ביסטו עס דעם פּרינצס שליח?

דעם פּרינצס פּנים האָט זיך אָנגעצונדן מיט כּעס און זיין

האַנט האָט פון זיך אַליין אַ וואָרף געטאָן זיך צום זייט, אָבער דאָרטן איז קיין געווער ניט געהאַנגען.

דאָס האָט אַרויסגערופן אַ פרישן שטורם פון געלעכטער.

— האָט איר געזען? — האָט איין ייִנגל כלומרשט ערנסט געזאָגט,— ער האָט זיך געכאַפּט פאַרן שווערד. אַפנים, אַז דאָס איז טאַקע, דער פּרינץ גופא.

די חברה האָט זיך פשוט געקייכט פון געלעכטער.

דער פּרינץ האָט זיך שטאָלץ אויסגעגלייכט און געזאָגט:

— איך בין באמת דער פּרינץ, און עס איז זייער ניט שיין אַז איר, וואָס עסט מיין פאָטער, דעם קיניגס ברויט, זאָלט מיך אַזוי באַהאַנדלען.

דאָס האָט ערשט רעכט געווילט די ייִנגלאַך און דער חברה־מאַן, וואָס האָט דער ערשטער גערעדט, האָט אויסגעשריען צו זיינע חברים:

— ע, איר חזירים, קנעכט, ברויט־פרעסער, פון זיין מאַיעס־טעטס פאָטער, דעם קיניג! נידער אויף אייערע מאַרך־ביינער און בוקט זיך צו זיין פּרינצלאַכער גרויסקייט און זיינע קייזערלאַכע טראַנטעס! אַלע ביז איינעם אויף די קני!...

מיט גרויס טומל און געלעכטער זיינען זיי אַלע ווי איינער אַ פאַל געטאָן אויף די קני כלומרשט אויסדריקנדיק אונטערטע־ניקייט און כבוד צו זייער קרבן.

דער פּרינץ האָט אַ שטויס געטאָן איינעם פון די ייִנגלאַך מיטן פוס און אין גרויס כעס אויסגעשריען:

— דערווייל, נעם דאָס, מאָרגן וועל איך באַפעלן אויסצו־בויען פאַר דיר אַ תליה!

אָ, דאָס איז שוין גאָר קיין געלעכטער ניט. דאָס גייט שוין צו ווייט. דער געלעכטער האָט זיך גלייך אָפּגעהאַקט און זיין אָרט האָט פאַרנומען אַ ווילדער כעס, אַ גאַנצע טוץ שטימען האָבן מיט איינמאָל אויסגעשריען:

— האַלט אים! נעמט אים! אין טייך אַריין! וואַרפט אים אין טייך! ע, וואו זיינען די הינט? ע, לייאָן, פּאַנגס, אַהער!

נאָכהער איז פאָרגעקומען עטוואָס אַזוינס, וואָס ענגלאַנד האָט נאָך קיינמאָל ניט געזען: די הייליקע פּערזאָן פון דעם ענג-לישן יורש-עצר איז גראָב אָנגעגריפּט געוואָרן דורך די הענט פון פּראָסטע מענטשן: מען האָט אים געשלאָגן און גערייצט אויף אים הינט.

ווען די נאַכט איז אָנגעשטאַנען, האָט זיך דער פּרינץ גע-פונען אין דער געדיכטסטער טייל פון לאָנדאָן. זיין גאַנצער גוף איז געווען צעביילט, די הענט האָבן געבלוטיקט און זיינע שמאַ-טעס אינגאַנצן פאַרשמירט אין בלאָטע און שמוץ. ער האָט גע-וואַנדערט אַלץ ווייטער און ווייטער, פאַרפּלאָנטערנדיק זיך אַלץ מער און מער און קוים שלעפּנדיק די פיס פון הונגער און מיד-קייט. ער האָט אויפגעהערט פאַרנאַנדערצופרעגן פאַרבייגייער דעם וועג, ווייל חוץ זידלעריי און שפּאָט האָט עס אים קיין זאַך ניט געבראַכט. ער האָט נאָר געמורמלט צו זיך אַליין: שמוץ-הויף — אַזוי הייסט עס. ווען איך זאָל נאָר אויסגעפינען וואו דאָס איז, איידער די כּוחות גייען מיר אויס, — דאַן בין איך געראַטעוועט: זיינע עלטערן וועלן מיך געוויס גלייך אָפּפירן אין פּאַלאַץ און באַווייזן, אַז איך בין ניט איינער פון זייער משפּחה, און איך וועל צוריק קומען אויף מיין ריכטיקן אָרט".

פון צייט צו צייט פלעגט ער זיך דערמאָנען אָן דעם צופאַל לעבן קריסטוס-היים און ער האָט געטראַכט: ווען איך וועל זיין קיניג וועלן די ייִנגלאַך האָבן ניט נאָר ברויט פאַר זייערע מיילער און אַ דאַך איבער זייערע קעפּ, נאָר אויך שפּייז פאַר זייערע נשמות. איך וועל זיי לאָזן לערנען פון די ביכער. וואָרים אַ זאַטער מאָגן איז אַ סך ניט ווערט, ווען דאָס האַרץ איז הונגעריק און דער קאָפּ איז פּוסט. איך וועל זען, אַז דער הייַנטיקער טאָג זאָל אויף שטענדיק בלייבן אין מיין זכּרון און מיין פאָלק זאָל עפּעס דערפון געניסן, וואָרים וויסן מאַכט ווייך דאָס האַרץ און איידל די זיטן.

די פייערלאַך אויף די גאַסן האָבן אָנגעהויבן צו פינקלען.

עס האָט געגומען רעגענען און עס איז אָנגעשטאַנען אַ קאַלטע און נאַסע נאַכט. דער היימלאָזער פּרינץ, דער היימלאָזער נאָכ־פאָלגער פון ענגלישן טראָן האָט אַלץ טיפער און טיפער אריינ־געדרונגען אין דעם פלאָנטער פון שמאָלע און צעדרייטע געסלאַך, וואו נעסטן פון דלות און עלנט זיינען געווען אָנגעזעצט איינער אויף דעם אַנדערן, ווי בינשטאָקן.

מיטאַמאָל האָט אים אַ גרויסער, אומגעלומפּערטער שכורער פאַרשוין אַ כאַפּ געטאָן פאַרן קאָלנער און מיט אַ הייזעריקער שטי־מע אויסגעשריען:

— ווידער אַרומגעשלעפּט זיך ביז האַלבע נאַכט און אַוודאי אַ גראָשן ניט געבראַכט אַהיים! זאָג איך דיר, אויב איך האָב גע־טראָפן, איז מיין נאָמען ניט דזשאָן קענטי, אויב איך וועל ניט צעברעכן אַלע ביינער אין דיין דאַר נפשל!

דער פּרינץ האָט זיך אַ ריס געגעבן פון דעם שכורס האַנט און אויסגערופן.

— אָ, ביסטו עס זיין פאָטער?! גאָט זאָל געבן איך זאָל קיין טעות ניט האָבן. אויב אַזוי, וועסטו מיך אָפּפירן אין פּאַלאַץ און אים נעמען אַהיים.

— זיין פאָטער — האָט דער שכור געשטאַמלט, — איך ווייס ניט וואָס מיינסטו דערמיט. איך ווייס נאָר, אַז איך בין דיין פאָטער, ווי דו וועסט זיך באַלד איבער...

— אָ, שפּאַס ניט, וויל ניט, לייג ניט אָפּ! האָט דער פּרינץ מיט תחנונים אויסגעשריען, — איך בין מיד, איך בין צעביילט און צעשלאָגן, איך קען מער ניט אויסהאַלטן! פיר מיך שנעל אָפּ צום קיניג, מיין פאָטער, און ער וועט דיך גליקלאַך מאַכן מער וויפל דו האָסט ווען עס איז געחלומט. גלויב מיר מענטש דו איינער, אַז איך טרייב קיין שפּאַס ניט, אַז איך זאָג דעם ריי־נעם אמת! שטרעק אויס דיין האַנט און ראַטעווע מיך! איך בין באמת דער פּרינץ פון וועלש!

דער פאַרשוין האָט אַ ביסל צעטומלט באַטראַכט דאָס יינגל און שאָקלענדיק מיטן קאָפּ געזאָגט:

— ער איז דאָך משוגע ווי יעדער משוגענער פון משוגעים הויז!

דערנאָך האָט ער אים ווידער אַנעם געטאָן פאַרן קאָלנער אין מיט זידלעריי און ווילדן געלעכטער געזאָגט:

— משוגע ניט משוגע, נאָר איך מיט דער באָבע קענטי, וועלן באַלד געפינען די ווייכע ערטער אין דיין פוילן נפשל, ווי איך בין אַ מענטש!

און אזוי ריידנדיק, האָט ער אַוועקגעשלעפּט דעם דער־שראָקענעם און צאַפּלדיקן פּרינץ, באַגלייט פון אַ כאָפּטע ווייסע חברהניקעס און אַלערליי מענטשלאַכע ווערים.

פינפטער קאַפּיטל.

טאָם אַלס פּרינץ.

איבערגעבליבן אַליין אין פּרינצס קאַבינעט, האָט טאָם קענטי גענומען אויסנוצן די גוטע געלעגנהייט. ער האָט זיך געדרייט פאַרן גרויסן שפּיגל אַהין און אַהער, אָנקוקנדיק פון זיינע פּרינצלאַכע קליידער; ער האָט, קוקנדיק אין שפּיגל, גענומען נאָכמאַכן דעם פּרינצס שטאָלצן גאַנג און באַנעמען, ער האָט אַרויסגענומען דעם שווערד פון שייד, פאַרנייגט זיך און אַ קוש געטאָן דעם קלינגל, צודריקנדיק דעם שווערד צום האַרצן, ווי ער האָט געזען טאָן אַ ריטער באַגריסנדיק דעם קאָמענדאַנט פון פעסטונג, בעת ער האָט אים איבערגעגעבן די געפאַנגענע, די גרויסע לאָרדן נאָרפאָלק און סוררי. טאָם האָט זיך געשפּילט מיט דער באַגילטער און באַפּערלטער ראַפּירע, וואָס איז געהאַנגען אויף זיין זייט; ער האָט באַטראַכט די טייערע און זעלטענע מעבל אין צימער; ער האָט זיך צוגעזעצט אויף יעדער שטול, קלערנדיק ווי גליקלאַך ער וואָלט זיך געפילט, ווען שמוץ-הויף-געסל וואָלט געקענט אַריינקוקן כאָטש דורך אַ שפּעלטעלע און זען זיין גדלות. ער האָט געקלערט וועגן דעם, צו וועט מען אים גלויבן, ווען ער וועט אין דערהיים דערציילן די וואונדערלאַכע פּאַסירונג, וואָס עס האָט מיט אים פּאַסירט, אָדער זיי וועלן צושאָקלען מיט די קעפּ און זאָגן, אַז זיין איבערגעשטרענגטע פאַנטאַזיע האָט אים, נעבאַך, געבראַכט צו משוגעת.

אַז ס׳איז אַוועק אַ האַלבע שעה, האָט זיך טאָם געכאַפּט, אַז דער פּרינץ זאַמט זיך עפּעס צו לאַנג, און ער האָט זיך גלייך דערפילט איינזאַם. נאָך אַ ווײַלע שפּעטער, האָט ער גענומען צו-

הערן זיך, צו גייט ניט דער פּרינץ און האָט אויפגעהערט צו שפּילן מיט די קאָסטבאַרע קלייניקייטן אַרום אים. ער האָט זיך דערפילט אומבאַקוועם, דערנאָך אומרואיק און צום סוף דערשלאָגן. וואָס וועט זיין, אַז עמיצער קומט אַריין און געפינט אים אין דעם פּרינצס קליידער? און דער פּרינץ, וואָס זאָל ערקלערן די איבערקערעניש, איז ניטאָ דערביי! וועלן זיי אים ניט אויפהענגען גלייך אויפן אָרט און דערנאָך ערשט באַטראַכטן דעם ענין? ער האָט געהערט, אַז גרויסע לייט עסקן זיך ניט לאַנג מיט אַזעלכע קלייניקייטן. זיין שרעק איז וואָס ווייטער געוואַקסן אַלץ מער און מער און ציטערנדיק ווי אַ בלאַט, האָט ער שטיל געעפנט די טיר אין פּאָדער-צימער, באַשלאָסן צו לויפן אויפזוכן דעם פּרינץ און דורך אים געפינען שוץ און פרייהייט. זעקס קאַמערהערן און צוויי יונגע הויכגעבאָרענע פּאַזשן, אויסגעפּוצטע ווי ליאַלקעס זיינען אויפגעשפּרונגען פון זייערע ערטער און טיף פאַרנייגט זיך, ווי נאָר ער האָט זיך באַוויזן ביים טיר. ער איז שנעל אָפּגעטראָטן אַהינטער און צוריק צוגעמאַכט די טיר.

— אָ, זיי לאַכן פון מיר! איצט וועלן זיי גיין און דערציילן. אָ, צו וואָס בין איך גאָר אַהער געקומען? צו וואָס בין איך אַליין געגאַנגען זוכן מיין טויט?

ער האָט געשפּרייזט הין און צוריק איבערן דיל פול מיט שווערן פאָרגעפיל, ציטערנדיק ביי יעדער שאָרך. באַלד האָט זיך אַן עפן געטאָן די טיר און איינער פון די פּאַזשן האָט געמאָלדן:

— די ליידי דזשעני גריי!

די טיר האָט זיך צוגעמאַכט און אַ ליבנסווירדיק יונג, רייך געקליידט מיידל איז צוגעלאָפן צו טאָמען מיט אויסגעשפּרייטע אָרימס. מיטאַמאָל האָט זי זיך אָפּגעשטעלט און אומרואיק געפרעגט:

— אָ, וואָס פעלט דיר, מיין לאָרד?

טאָמען האָט דער אָטעם פאַרכאַפּט. אָבער ער האָט זיך אָנגענומען מוט און אויסגעשטאַמלט:

— אָ, האָב מיטלייד מיט מיר! איך בין ניט קיין לאָרד, נאָר בלויז דער אָרימער טאָם קענטי פון שמוץ-הויף, וואָס

אין שטאָט. איך בעט דיך, לאָז מיר זען דעם פּרינץ און ער וועט מיט זיין גנאָד צוריק אומקערן מיך צו מיינע אָרימע שמאַטעס און פריי לאָזן מיך פונדאַנען אומבאַשעדיקט. אָ, זיי דו גוטהאַרציק און ראַטעווע מיך!

טאָם איז אַ פאַל געטאָן אויף די קני בעטנדיק מיט די אויגן און מיט די אויסגעשטרעקטע הענט אַזוי גוט ווי מיטן צונג. דאָס יונג מיידל איז ווי פאַרשטיינערט געוואָרן פון שרעק. זי האָט אויסער זיך אויסגעשריען:

— אָ, מיין לאָרד! דו אויף די קני און פאַר מיר!

אַ דערשראָקענע אויף טויט איז זי אַרויסגעלאָפן פון צימער, איבערלאָזנדיק טאָמען נאָך מער פאַרצווייפלט ווי פריער.

— נישטאָ קיין הילף, נישטאָ קיין האָפענונג. איצט וועלן זיי קומען און אַרעסטירן מיך—האָט ער געמורמלט.

אין דער צייט, וואָס טאָם איז דאָ געלעגן אַן אָפּגעשטאָר־בענער פון שרעק, האָט זיך איבערן פּאַלאַץ פאַרשפּרייט די שרעק־לאַכע נאַכריכט. פון דינער צו דינער, פון לאָרד צו הויף־דאַמע, פון סאַלאָן צו סאַלאָן, פון שטאָק צו שטאָק איז איבער אַלע קאָ־רידאָרן בסוד איבערגעגעבן געוואָרן: „דער פּרינץ איז פון זינען אַראָפּ, דער פּרינץ איז משוגע!”

באַלד זיינען אין יעדער סאַלאָן, אין יעדער מראַמאָר־זאַל געשטאַנען גרופּן גלענצנדע לאָרדן, דאַמען און ווייניקער וויכטיקע הויף־לייט, שעפּטשנדיק זיך מיט טרויעריקע פּנימער.

אין אַ ווײַלע אַרום איז אַ הויף־מאַרשאַל פאַרבייגעגאַנגען די קופּקעס מענטשן און פייערלאַך אויסגערופן:

— אין נאָמען פון דעם קיניג! אונטער געפאַר פון טויט־שטראָף זאָל זיך קיינער ניט דערוועגן צו גלויבן דעם פאַלשן און נאַרישן קלאַנג, ניט ריידן וועגן דעם און ניט פונאַנדער־טראָגן עס אויסער די ווענט פון פּאַלאַץ. אין נאָמען פון דעם קיניג!

די שעפּטשעריי איז אָפּגעהאַקט געוואָרן פּונקט ווי אַלע וואָלטן מיט איינמאָל שטום געוואָרן.

מיטאַמאָל איז געוואָרן אַ הוזשעריי איבער אַלע קאָרידאָרן:

— דער פּרינץ! זעט, דער פּרינץ גייט!

דער אָרימער טאָם איז לאַנגזאַם געגאַנגען פאַרביי נידעריק־פאַרנייגטע קעפּ, מאַטערנדיק זיך צו ענטפערן אויף די באַגריסונגען און אונטערגעביק און איבעראַשט קוקנדיק אויף די אַרומיקע מיט פאַרוואונדערטע און דערשראָקענע אויגן. גרויסע אַדללייט זיינען געגאַנגען פון ביידע זייטן, אונטערהאַלטנדיק אים אונטער די הענט. הינטן זיינען נאָכגעגאַנגען עטלאַכע דינער און הויף־דאָקטוירים.

מען האָט אַריינגעפירט טאָמען אין איינעם פון די פּראַכטיקע צימערן אין פּאַלאַץ און פאַרמאַכט די טיר.

אַרום אים איז געשטאַנען די גאַנצע סוויטע און פון פאָרנט האָט זיך צו אים אָנגעבויגן פון אַ סאָפע אַ גרויס־געוויקסיקער, זייער דיקער מענטש מיט אַ ברייטן, אָנגעבלאָזענעם פּנים און שטרענגן אויסזען. זיין גרויסער קאָפּ איז געווען גרייז־גראָ און זיין באָרד, וואָס האָט אַרומגענומען דעם פּנים ווי אַ ראַמל איז אויך געווען גראָ. זיינע קליידער זיינען געווען פון טייערן שטאָף, אָבער אָפּגעניצט און אין איניקע ערטער אָפּגעריבן. איין פוס איז ביי אים געווען געשוואָלן און איז אַ פאַרבינטעוועטער געלעגן אויף אַ קישן. אַלע זיינען געווען שטיל און יעדער קאָפּ, אַחוץ דעם אַלטן מאַנס קאָפּ, איז געווען נידריק געבויגן. אָט דער אינוואַליד מיטן שטרענגן אויסזען איז געווען דער גרויזאַמער הענרי דער אַכטער, קיניג פון ענגלאַנד.

ער האָט אָנגעהויבן צו ריידן און זיין שטרענגער פּנים איז גלייך צאַרט געוואָרן.

— וואָס איז מיט דיר, מיין לאָרד עדוואַרד, מיין פּרינץ? עס האָט זיך דיר פאַרגלוסט אַ שפּאַס טרייבן מיט דיין גוטן פאָטער, דעם קיניג, וואָס ליבט דיך אַזוי און באַגייט זיך מיט דיר אַזוי פריינדלאַך?

דער אָרימער טאָם האָט זיך צוגעהערט צו דעם אָנהויב פון די רייד אויף וויפל זיין שרעק און צומישונג האָבן אים ערלויבט, אָבער ווען זיינע אויערן האָבן געכאַפּט די ווערטער: „דיין

גוטן פאָטער דעם קיניג״ איז ער בלייך געוואָרן ווי קרייד, איז אַ פּאַל געטאָן אויף די קני, ווי כּון אַ קויל געטראָפן, און, אויפ־הויבנדיק די הענט מיט געבעט אויסגעשריען:

— דו,—דער קיניג! דאָן בין איך פאַרלאָרן!

דידאָזיקע ווערטער האָבן געטראָפן דעם קיניג ווי אַ דונער. זיינע אויגן האָבן צוועקלאָז געוואַנדערט פון פּנים צו פּנים, ווי ער וואָלט געזוכט הילף, דערנאָך האָבן זיי זיך דערשראָקן אָפּגעשטעלט אויף דעם ייִנגל, וואָס איז געשטאַנען פאַר אים און ער האָט מיט טיפער אַנטוישונג געזאָגט:

ליידער זיינען די קלאַנגען ניט ווייט פון אמת. און איך האָב געגלויבט אַז ס׳איז איבערגעטריבן.

ער האָט טיף אָפּגעזיפצט און צאַרט געזאָגט:

— דו ביסט ניט געזונט, מיין קינד. קום צו מיר, דיין פאָטער.

אַ פּאָר לאָרדן האָבן אונטערגעכאַפּט טאָמען אונטער די הענט און אַוועקגעשטעלט אים אויף די פיס. אונטערטעניק און ציטערנדיק האָט ער זיך דערנענטערט צום הערשער פון ענגלאַנד, דער קיניג האָט אַריינגענומען טאָמס צעשראָקענעם פּנים צווישן זיינע ווייכע הענט, האָט אים אַ ווײַלע ערנסט און מיט ליבע אָנגעקוקט, ווי ער וואָלט אין אים געזוכט אַ צייכן פון צוריקגעקערטן פאַרשטאַנד, נאָכהער האָט ער צוגעדריקט דעם געגרייזלטען קאָפּ צום ברוסט און, צערטלאַך גלעטנדיק דאָס קעפּל, געזאָגט:

— דערקענסטו ניט דיין פאָטער, קינד? ברעך ניט מיין אַלט האַרץ. זאָג, אַז דו דערקענסט מיך. דו דערקענסט מיך יאָ. ניט אַזוי?

— יאָ, דו ביסט מיין גנעדיקער האַר, דער קיניג, גאָט זאָל דיך באַשיצן!

— אמת, אמת—דאָס איז גוט—זײַ־זשע רואיק, ציטער ניט אַזוי. דאָ איז ניטאָ קיינער, וואָס זאָל דיר שלעכטס טאָן, דאָ איז ניטאָ קיין איינער וואָס זאָל דיר ניט ליבן. דו ביסט שוין בעסער איצט. דיין שלעכטער חלום איז פאַרביי, ניט וואַר, מיין קינד? דו ווייסט שוין איצט ווער דו ביסט, ניט וואַר? דו וועסט זיך

שוין מערב־ט אָנרופן מיט פרעמדע נעמען, ווי דו האָסט געטאָן אַ ווײַלע צוריק, יאָ, מײַן קינד?

— איך בעט פון דײַן גנאָד, גלויב מיר, מײַן מעכטיקער הערשער, אַז איך האָב געזאָגט דעם אמת. איך בין דער אומווירדיקסטער פון דײַנע אונטערטאַנער,—אַ בעטלער פון געבורטס־טאָג אָן, און נאָר אַן אומגליקלאַכער צופאַל האָט מיך געבראַכט אַהער, אָבער איך האָב קיין שלעכטס ניט געטאָן. איך בין נאָך אַזוי יונג צו שטאַרבן, און דו קענסט מיר שענקען דאָס לעבן מיט איין קליינעם וואָרט דײַנעם. אָ, זאָג־זשע דאָס וואָרט, גרויסער האַר!

— שטאַרבן? רייד ניט אַזעלכע רייד, מײַן זיסער פּרינץ. רוע, רוע צו דײַן אומרואיק קאָפּ. דו וועסט ניט שטאַרבן!

טאָם איז אַפּאַל געטאָן אויף די קני מיט אַ פריידנס־אויסגעשריי.

— גאָט זאָל דיר באַצאָלן פאַר דײַן גוט האַרץ, אָ, מײַן קיניג, זאָל ער דיר געבן לאַנגע יאָרן אויף דעם גליק פון דײַן לאַנד.

נאָכהער איז טאָם צוריק אויפגעשפּרונגען אויף די פיס און, ווענדנדיק זיך מיט אַ גליקלאַך פּנים צו די צוויי לאָרדן, וואָס האָבן אים באַדינט, האָט ער מיט פרייד אויסגעשריען:

— האָט איר געהערט?—איך וועל ניט שטאַרבן: דער קיניג אַליין האָט אַזוי געזאָגט.

אַלע האָבן מיט גרויס דרך ארץ אָנגעבויגן די קעפּ, אָבער קיינער האָט זיך ניט גערירט פון אָרט און אַ וואָרט ניט געזאָגט. טאָם האָט אַ ווײַלע געקווייקלט, נאָכהער האָט ער זיך אונטערטעניק געווענדט צום קיניג:

— קען איך איצט גיין?

— גיין? געוויס קענסטו, אויב דו ווילסט. אָבער פאַרוואָס זאָלסטו ניט פאַרווײַלן מיט אונז נאָך אַ ביסל? וואוהין ווילסטו גיין?

טאָם האָט אַראָפּגעלאָזן די אויגן און אונטערטעניק געזאָגט:

— פיליכט האָב איך אַ טעות געהאַט, אָבער איך האָב געמיינט אַז איך בין פריי און האָב געוואָלט צוריק אומקערן זיך צו

דער אָרימער חורבה. וואו איך בין געבאָרן און ערצויגן געוואָרן אין אָרימקייט. אָבער אין יענעם אָרימען ווינקל וואוינען מיין מוטער און מיינע שוועסטער און ס'איז דעריבער מיין היים, צו די רייכקייט און לוקסוס פון דיין פּאַלאַץ בין איך אָבער ניט גע־וואוינט. אָ, איך בעט דיר, גנעדיקער האַר, לאָז מיר גיין אַהיים!

דער קיניג האָט זיך פאַרטיפט אין געדאַנקען און זיין פּנים האָט אויסגעדריקט טיפן צער און אומרואיקייט. נאָכהער האָט ער מיט אַ שוואַכע האָפענונג אין זיין שטים געזאָגט:

— אפשר איז ער נאָר גערירט אויף דעם איין פּונקט און אין אַלעס איבעריקנס איז ער קלאָר. זאָל גאָט געבן עס זאָל אַזוי זיין. לאָמיר נאָר פּרובירן.

ער האָט געשטעלט טאָמען אַ פראַגע אין לאַטיין און טאָם האָט אים שוואַכלאַך געענטפערט אין דערזעלביקער שפּראַך.

דער קיניג איז געוועזן העכסט צופרידן און האָט עס אַרויס־געוויזן. די לאָרדן און דאָקטוירים האָבן אויך אַרויסגעוויזן זייער צופרידנקייט.

דער קיניג האָט ווייטער גערעדט:

— דער ענטפער איז אַפילו ניט נאָך זיינע פעאיקייטן און געלערנטקייט, אָבער דאָס באַווייזט, אַז זיין פאַרשטאַנד איז נאָר צומישט אַ ביסל, אָבער ניט אינגאַנצן פאַרלאָרן. וואָס זאָגט איר, סער? — האָט ער זיך געווענדט צום הויפּט־דאָקטאָר:

דער דאָקטאָר האָט זיך טיף פאַרנייגט און געענטפערט:

— די מיינונג פון אייער קייזערלאַכער מאַיעסטעט שטימט מיט מיין איבערצייגונג, אייער השערה איז ריכטיק.

דער קיניג איז געווען שטאַרק צופרידן מיט דער מיינונג פון אַזאַ אויטאָריטעטן מענטשן, ווי דער הויפּט־דאָקטאָר איז, און ער האָט גוטמוטיק געזאָגט:

— איצט זייט אַלע אויפמערקזאַם. מיר וועלן אים ווייטער פאַרהערן.

ער האָט געשטעלט טאָמען אַ פראַגע אין פראַנצויזיש. טאָם איז אַ ווײַלע געשטאַנען שטיל, פילנדיק זיך אומבאַקוועם,

וואָס אַזוי פיל אויגן זיינען אויף אים געווענדעט; נאַכהער האָט ער פעסט געזאָגט:

די דאָזיקע שפּראַך איז מיר פרעמד, זאָל עס מיר אייער מאַיעסטעט פאַרגעבן.

דער קיניג איז צוריק אַ פאַל געטאָן אויפן סאָפע. די דינער האָבן זיך אַ וואָרף געטאָן העלפן אים, אָבער ער האָט זיי אָפּגעשטופּט אָן אַ זייט און געזאָגט:

— לאָזט מיך צורו. ס׳איז ניט מער ווי אַ קליינע שוואַכקייט. הייבט מיך אונטער! אָט אַזוי... קום אַהער, מיין קינד. לייג אַוועק דיין אָרים, קראַנק קעפּל אויף דיין פאָטערס ברוסט און זאָל עס דיך באַרואיקן, אָט אַזוי... דו וועסט אינגיכן געזונט זיין. ס׳איז ניט מער ווי אַן איבערגאַנג... האָב קיין פורכט, מיין קינד. דו׳סט זיין געזונט...

נאַכהער האָט ער זיך אַ קער געטאָן צו די אָנוועזנדע און זיין צערטלאַכקייט איז מיטאַמאָל פאַרשוואונדן. זיינע אויגן האָבן געבליצט מיט מאַכט און גרויזאַמקייט, ווען ער האָט געזאָגט:

— הערט צו, איר אַלע! מיין זון איז משוגע, אָבער דאָס איז ניט אויף שטענדיק. דאָס איז אים געקומען פון צופיל לערנען און פון צו ווייניק זיין אויף דער פרישער לופט. אַוועק מיט די ביכער און מיט די לערערס! — איר זאָלט עס שוין אויפּפּאַסן. פאַרנעמט אים מיט ספּאָרט, פאַרווייַלט אים מיט שפּילערייען, זיין געזונט זאָל זיך שטאַרקן.

ער האָט זיך אויפגעהויבן נאָך העכער אויף זיין געלעגער און האָט נאָך שטרענגער און ענערגישער געזאָגט:

— ער איז משוגע, אָבער ער איז מיין זון און דער יורש פון ענגלישן טראָן? — און — משוגע אָדער ניט משוגע — הערשן וועט ער!... און האָרכט איר אַלע ווייטער און לאָזט עס וויסן די איבעריקע. ווער עס וועט לאָזן פאַלן אַ וואָרט וועגן זיין קראַנקהייט, — יענער טרעט אַרויס געגן דעם פרידן און אָרדנונג פון דער מלוכה, און וועט געשיקט ווערן אויף דער תּליה!... גיט מיר אַ טרונק... איך ברען!... דער אומגליק האָט אויסגעזויגן מיינע קרעפטן... אָט אַזוי... נעמט צו דעם בעכער... האַלט מיך אונטער...

אָט אַזוי... איצט איז גוט... משוגע איז ער? ער מעג טויזנט מאָל זיין משוגע, בלייבט ער אַלץ דער פּרינץ פון וועלש און איך, דער קיניג, וועל עס באַשטעטיקן! מאָרגנדיקן טאָג זאָל ער אָפּי- ציעל פּראָקלאַמירט ווערן אַלס טראָנפאָלגער לויט אַלע אַלטע צערעמאָניעס און מנהגים. גיב גלייך אָפּ אַ באַפעל וועגן דעם, מיין לאָרד הערטפאָרד!

איינער פון די לאָרדן האָט געקניט פאַר דעם קיניגס סאָפע און געזאָגט:

— אייער מאַיעסטעט דער קיניג ווייס, אַז דער גרויס-מאַר- שאַל פון ענגלאַנד ליגט געפאַנגען אין פעסטונג און עס פּאַסט ניט, אַז איינער, וואָס...

— שוויג שטיל! באַליידיקט ניט מיינע אויערן מיט דעמ- דאָזיקן פאַרהאַסטן נאָמען! ניט שוין-זשע וועט דער מאַן אייביק לעבן? איז מיין ווילן ניט ערפילט צו ווערן? אָדער וועט דער פּרינץ בלייבן ניט באַשטעטיקט אין זיינע רעכט, ווייל אין מיין קיניגרייך פעלט אַ הויפּט-מאַרשאַל, וואָס זאָל אויף אים אַרויפ- לייגן די צייכנס פון זיין ראַנג? ניין, ביי דעם אַלמעכטיקן גאָט! וואָרן מיין פּאַרלאַמענט, אַז איידער די זון וועט אויפגיין, זאָל אַרויסגעטראָגן ווערן דעם לאָרד נאָרפאָלקס טויט-אורטייל, ווען ניט, וועלן זיי דערפאַר טייער באַצאָלן!

דער לאָרד האָט געזאָגט:

— דעם קיניגס ווילן איז אַ געזעץ.

און, אויפהויבנדיק זיך פון די קני, האָט ער זיך אומגע- קערט צו זיין אָרט.

ביסלאַכווייז איז דער אויסדרוק פון צאָרן פאַרשוואונדן פון קיניגס פּנים, און ער האָט ווייך געזאָגט:

— קוש מיך, מיין פּרינץ. אָט אַזוי... וואָס האָסטו מורא? בין איך דען ניט דיין ליבנדער פאָטער?

— דו ביסט גוט צו מיר, דעם אומווירדיקן, אָ, דו מעכ- טיקער און באַרמהערציקער הערשער — דאָס ווייס איך, אָבער... אָבער עס שמערצט מיר צו וויסן, אַז ער דאַרף שטאַרבן און...

— אָ, דאָס איז ענלאַך צו דיר, דו ביסט עס. איך דערקען

דיין האַרץ. כאָטש דיין זין איז געריררט, אָבער דיין האַרץ איז געבליבן דאָס זעלביקע: דו האָסט שטענדיק געהאַט אַ גוט האַרץ. אָבער דער־דאָזיקער הערצאָג האָט זיך געשטעלט דיר אין וועג. ער האָט זיך געשטעלט צווישן דיר און דיינע רעכט. איך וועל געפינען אויף זיין אָרט אַן אַנדערן, וואָס וועט ניט פאַרפלעקן די הויכע שטעל מיט פאַרראַט. זאָרג ניט מיין פרינץ, און זאָל זיך דיין אָרים קאָפּ ניט באַומרואיקן מיט אַזעלכע זאַכן.

— אָבער דאָס בין ניט איך, וואָס דערנעענטערט זיין טויט? וויפל וואָלט ער נאָך געלעבט ווען ניט איך?

ניט קלער וועגן אים, מיין פרינץ, ער האָט עס ניט פאַר־דינט. קוש מיר נאָך אַמאָל און גיי צו דיינע שפּילצייג און פאַר־ווײַלונגען, וואָרים מיין קראַנקהייט האָט מיך אויסגעפּייניקט. איך בין מיד און וויל אָפּרוען. גיי מיט דיין פעטער דעם לאָרד הערט־פאָרד און די איבעריקע און קום ווידער, ווען איך וועל אָפּ־רוען.

מיט אַ שווער האַרץ האָט טאָם פאַרלאָזן דאָס צימער. דער באַפעל צו קומען ווידער איז געווען אַ טויט־קלאַפּ פאַר זיין שוואַ־כער האָפענונג פריי צו ווערן. דורכגייענדיק די זאַלן און קאָ־רידאָרן האָט ער ווידער געהערט אַ הוזשעריי: „דער פרינץ, דער פרינץ גייט!

ער איז אַלץ מער און מער געפאַלן ביי זיך: איצט איז ער זיכער געווען, אַז ער בלייבט אויף אייביק געפאַנגען אין דער גאָלדענער שטייגל, אַן איינזאַמער און עלנטער פרינץ. סיידן גאָט אַליין וועט אויף אים רחמנות האָבן און פריי מאַכן.

און וואוהין ער האָט זיך ניט געקערט, איז פאַר זיינע אויגן געשטאַנען דער אָפּגעהאַקטער קאָפּ און דער באַקאַנטער פּנים פון דעם גרויסן לאָרד נאָרפאָלק מיט אויגן פול מיט פאָרוואורף געווענדט צו אים.

ווי אָנגענעם זיינען געווען זיינע אַלטע פאַנטאַזיעס און חלומות, און ווי שרעקלאַך איז די ווירקלאַכקייט!

זעקסטער קאַפּיטל.

טאָם ווערט געלערנט שטאַט.

טאָם איז אַריינגעפירט געוואָרן אין דעם הויפּט־זאַל פון די קייזערלאַך־אויפגערוימטע צימערן און איז אַוועקגעזעצט גע־וואָרן. אַ זאַך, וואָס ער וואָלט זייער ניט געוואָלט טאָן אין דער געגנוואַרט פון די אַלטע און וויכטיקע פּערזאָנען, וואָס זיינען געשטאַנען אַרום אים. ער האָט געבעטן זיי זאָלן זיך אויך זעצן, אָבער זיי האָבן זיך בלויז מיט דאַנק פאַרנייגט און ווייטער גע־בליבן שטיין. ער האָט נאָכאַמאָל געבעטן זיצן, אָבער זיין „פּעטער" דער מאַרקיז הערטפאָרד האָט אים איינגערוימט אין אויער:

— איך בעט דיך, מיין הערשער, ניט צוצושטיין צו זיי, עס איז ניט פּאַסיק זיי זאָלן זיצן אין דיין געגנוואַרט.

— דער לאָרד סענט־דזשאָן! — האָט געמאָלדן אַ הויף־דינער.

נאָכדעם ווי דער לאָרד סענט־דזשאָן האָט זיך טיף פאַר־נייגט, —האָט ער געזאָגט:

— איך קום פון קיניג אין שליחות וועגן אַן ענין, וואָס פאָדערט צו בלייבן בסוד. וועט אייער קייזערלאַכע גנאָד באַווי־ליגן צו באַפעלן, אַז אַלע, וואָס זיינען אָנוועזנד דאָ, אַחוץ דעם מאַרקיז הערטפאָרד, זאָלן פאַרלאָזן דאָס צימער?

זעענדיק, אַז טאָם ווייס ניט וואָס ער זאָל דאָ טאָן, האָט דער מאַרקיז הערטפאָרד אים איינגערוימט, אַז ער דאַרף בלויז אַ מאַך טאָן מיטן האַנד, ניט געבנדיק זיך די מי צו ריידן. אויב ער האָט דערצו קיין לוסט ניט. ווען אַלע זיינען אַרויס, האָט דער לאָרד סענט־דזשאָן געזאָגט:

— זיין מאַיעסטעט, דער קיניג האָט באַפוילן אַז צוליב גע-
העריקע און וויכטיקע מלוכה-טעמים זאָל דער פּרינץ אויף אַלע
מעגלאַכע אופנים באַהאַלטן זיין צייטווייליקע שוואַכקייט, ביז זי
וועט זיך פעלן און דער פּרינץ וועט געזונט ווערן ווי פריער.
בעמלאַך, ער זאָל מער ניט לייקענען, אַז ער איז דער אמתער
פּרינץ און טראָנפאָלגער פון ענגלישן טראָן; ער זאָל מער ניט
אָפּווענדן מיט קיין וואָרט אָדער באַוועגונג די צייכנס פון ערע
און אויפמערקזאַמקייט, וואָס עס ווערט אים אַרויסגעוויזן פון זיי-
נע אונטערטאַנער און וועלכע עס קומט אים לויט זיין ראַנג און
איז פאַרהייליקט דורך טראַדיציע; ער זאָל אויפהערן צו ריידן
וועגן זיין, כלומרשט, נידריקע אָפּשטאַמונג און לעבן, וואָס זיין
קראַנקע פאַנטאַזיע שטעלט זיך פאָר; ער זאָל זיך מיט אַלע
קרעפטן באַמיען אַרויסצורופן אין זיין זכרון יענע פּנימער און
געשטאַלטן, וואָס ער האָט געוואוינט צו קענען, און ווען דאָס וועט
אים ניט געלינגען, זאָל ער בעסער שווייגן, נאָר ניט אַרויסווייזן
מיט קיין וואָרט אָדער צייכן, אַז ער דערקענט עמיצן ניט אָדער,
אַז ער האָט עפּעס פאַרגעסן; באַזונדער פאַרזיכטיק זאָל ער זיין
אין דער עפנטלאַכקייט, אַ שטייגער אין דער צייט פון גרויסע
אויפנאַמעס אָדער פּאַראַדן: יעדן מאָל ווען ער וועט זיין אין ספק
בנוגע צו זיין האַנדלונג אָדער רייד, זאָל ער ניט אַרויסווייזן קיין
שום צייכנס פון פאַרלעגנהייט, נאָר ער זאָל זיך באַראַטן מיטן
מאַרקיז הערטפאָרד אָדער מיט מיר, דיין אונטערטעניגן דינער,
וואָס זייַנען טאַקע דערויף צוגעשטעלט געוואָרן צו דיין פּרינצ-
לאַכע הויכקייט ביז עס וועט זיך פעלן די נויטווענדיקייט אין
אונזער דינסט. אַזוי האָט געזאָגט זיין קיניגלאַכע מאַיעסטעט,
וואָס שיקט דיין קיניגלאַכער הויכקייט זיין גרוס און ברכה און
וואָס טוט מתפלל זיין צו גאָט, אַז ער זאָל דיר שיקן אַ גיכע
רפואה און זאָל דיך פון היינט אָן און אייביק באַשיצן אונטער
זיינע פליגלען.

דער לאָרד סענט-דזשאָן האָט זיך ווידער פאַרנייגט און
איז אָפּגעטראָטן אָן אַ זייט. דאַן האָט טאָם אונטערגעביק גע-
זאָגט:

— דער קיניג האָט אַזוי געזאָגט. ווער־זשע קען לייכט־שעצן דעם קיניגס באַפעל, אָדער אויסטייטשן אים ווי פאַר זיך איז בעסער, צו מיט געשיקטקייט אויסמיידן אים? דעם קיניגס וואָרט וועט געהאַרכט ווערן!

איצט האָט דער לאָרד הערטפאָרד גערעדט:

— באַרירנדיק זיין מאַיעסטעט, דעם קיניגס, פאַראָרדנונג וועגן ביכער און נאָך אַזעלכע ערנסטע זאַכן, וועט אפשר אייער גנאָד באַוויליקן צו פאַרברענגען די צייט אין לייכטע פאַרווייילונ־גען, כדי ניט קומען מיד אויפן באַנקעט, וואָס דאָס קען שאַטן אייער געזונט?

טאָמס פנים האָט אויסגעדריקט וואונדער: וואָס פאַר אַ באַנ־קעט מיינט ער? און באַמערקנדיק דעם לאָרד סענט־דזשאָנס צער־פולן בליק געווענדט אויף אים, איז ער נאָך מער צומישט גע־וואָרן און רויט געוואָרן.

דער לאָרד סענט־דזשאָן האָט געזאָגט:

— דיין זכרון האָט דיך ווייטער פאַרפירט; און דו האָסט אַרויסגעוויזן איבעראַשונג. אָבער האָב קיין צער ניט און באַמי זיך ניט צו דערמאָנען—דאָס וועט ניט אייביק אַזוי זיין: עס וועט זיך פעלן צוזאַמען מיט דיין קראַנקהייט. דער לאָרד הערטפאָרד רעדט פון דעם באַנקעט, וואָס די שטאָט גיט פון אייער קיניגלאַכן גנאָדס וועגן, זיין מאַיעסטעט. דער קיניג האָט נאָך מיט אַ חדשים צוויי צוריק פאַרשפּראָכן, אַז אייער גנאָד וועט באַערן דעם באַנ־קעט מיט זיין אָנוועזנהייט. איצט דערמאָנסטו זיך שוין?

— עס טוט מיר לייד מודה צו זיין, אַז איך האָב באמת פאַרגעסן—האָט טאָם געזאָגט און איז ווידער רויט געוואָרן.

אין דעמדאָזיקן מאָמענט איז געמאָלדן געוואָרן אַז די פּרינ־צעסין עליזאַבעט און די ליידי דזשעני גריי ווינען גע־קומען.

די צוויי לאָרדן האָבן זיך אָנגעקוקט איינער דעם צווייטן מיט אַ פיל באַדייטנדן בליק און דער לאָרד הערטפאָרד איז שנעל אָפּגעטראָטן צום טיר.

ווען די צוויי פריילנס זיינען פאַרבייגעגאַנגען, האָט ער שטיל געזאָגט:

— איך בעט אייך מייני לײדיס, האַלטן זיך אַזוי ווי איר וואָלט קיינזאַך ניט באַמערקט, און ניט אַרויסווייזן קיין שום אי. בעראַשונג ווען זיין זכרון וועט אים פעלשן—עס וועט אייך לייד טאָן צו באַמערקן ווי ער פאַרגעסט יעדער קלייניקייט.

דער לאָרד סענט-רזשאָן האָט דערוויייל געדעדט טאָמען אויפן אויער:

— איך בעט דיך, מיין הערשער, גוט צו האַלטן אין זינען זיין מאַיעסטעט דעם קיניגס פאַרלאַנג: געדענק אַלץ וואָס דו קענסט נאָר געדענקען און וואָס דו געדענקסט ניט,—מאַך זיך, אַז דו געדענקסט, לאָז זיי ניט באַמערקן, אַז דו האָסט זיך אַסך געענדערט אין דיינע געוואוינהייטן, וואָרים דו ווייסט דאָך ווי איינגעבאַקן דו ביסט אין האַרצן ביי דיין שוועסטער און שפּיל-חבר ליידי דזשעני און וויפל צער דיין שוואַכקייט וואָלט זיי פאַר-שאַפן. באַווילגסט דו, מיין הערשער, איך און דיין פעטער זאָלן לעבן דיר פאַרבלייבן?

מיט אַ באַוועגונג און אַ וואָרט האָט טאָם אויסגעדריקט זיין הסכמה, ער האָט שוין פאַרשטאַנען וואָס מען פאַרלאַנגט פון אים און אין זיין ערלאַך האַרץ איז שוין פעסט געווען דער באַשלוס צוצופאַסן זיך און ווי ווייט ער וועט נאָר קענען אויספירן דעם קיניגס באַפעל.

ניט קוקנדיק אויף די וואָרנונג און פאָרזיכטיקייט, איז דער שמועס צווישן טאָמען און די יונגע ליידיס, פון צייט צו צייט, אָפּגעהאַקט געוואָרן.

מער ווי איינמאָל האָט טאָם געהאַלטן ביי אונטערגעבן זיך און ערקלערן זיך פאַר אומפעאיק צו שפּילן אַזאַ שווערע ראָלע. אָבער דער פּרינצעסין עליזאַבעטס טאַקטיש באַנעמונג אָדער אַ וואָרט פון איין אָדער דעם אַנדער לאָרד, אַריינגעוואָרפן אין דער ריכטיקער צייט, האָט אים פאַרהיט דערפון.

איינמאָל האָט זיך די ליידי דזשעני געווענדט צו אים מיט אַ פראַגע, וואָס האָט אים אינגאַנצן פאַרווירט.

— האָסטו שוין היינט דערפילט דיין פליכט צו איר מאַ־יעסטעט דער קיניגין, מיין לאָרד?

טאָם האָט געקווייגקלט, איז צומישט געוואָרן און איז שוין גרייט געווען אַזאָג צו טאָן וואָס עס וועט אים קומען אויפן זי־נען, ווען דער לאָרד סענט־דזשאָן האָט זיך אַריינגעמישט און, מיט די לייכטקייט און טאַקט פון אַ הויף־פּאָליטיקער, וואָס איז געוואוינט צו אַלערליי איידעלע סיטואַציעס און צו געפינען אַן אויסוועג פון אַלע שוועריקייטן, האָט ער געזאָגט:

— געוויס האָט ער באַזוכט, מיין ליידי, און די קיניגין האָט אים געמוטיקט און געטרייסט, ניט וואַר, אייער גנאָד?

טאָם האָט אַ מורמל געטאָן אַזוינס, וואָס האָט געדאַרפט באַדייטן צושטימונג, אָבער ער האָט געפילט, אַז ער טרעט אַרויף אויף אַ געפערלאַכן באָדן.

שפּעטער אַביסל איז געקומען צו רייד, אַז טאָם דאַרף איצט אויפהערן זיינע לימודים, ווען די פּרינצעסין האָט באַמערקט:

— אַ שאָד, זייער אַ שאָד! דו האָסט געמאַכט אַזעלכע פּאָר־שריטן! אָבער האָב געדולד, עס איז ניט אויף לאַנג. דו וועסט נאָך זיין געבענטשט מיט קענטעניש ווי דיין פאָטער און וועסט נאָך באַהערשן אַזוי פיל שפּראַכן ווי ער, מיין לאָרד.

— מיין פאָטער!?—האָט טאָם, פאַרגעסנדיק זיך אויף אַ מאָמענט, אויסגעשריען.—איך גלויב, אַז ער קען זיין אייגענעם לשון ניט ריידן גוט גענוג, אַז אימיצער, אַחוץ דעם חזיר אין זיין חזיר־שטעלכל, זאָל פאַרשטיין וואָס ער מיינט; און וואָס איז שייך צו אַנדערע...

ער האָט זיך אָפּגעהאַקט, איז רויט געוואָרן, און שטיל און טרויעריק צוגעגעבן:

— אַך, מיין קראַנקייט האָט מיך ווידער אָנגעכאַפּט, און מיין זכרון בלאָנדזשעט אויף ס'ניי... איך בין ניט אויסן געווען קיין אומכבוד פאַר זיין קיניגלאַכן מאַיעסטעט.

— מיר ווייסן עס, סער—האָט די פּרינצעסין עליזאַבעט געזאָגט, נעמענדיק איר „ברודערס" האַנט צווישן אירעביידע

הענט—זיי רואיק. די שולד פאַלט ניט אויף דיר, נאָר אויף דיין קראַנקייט.

— דו ביסט אַ צאַרטע טרייסטערין, מיין לידי,—האָט טאָם מיט דאַנקבאַרקייט געזאָגט, — און ערלויב מיר צו דאַנקען דיר פאַר דיין גוטהאַרציקייט, אויב איך מעג זיין אַזוי דרייסט.

איינמאָל האָט די לייכטזיניקע קליינע לידי דזשעני אַ שאָס געטאָן אויף טאָמען מיט אַ גריכישע פראַזע. דער פרינצעסין עליזאַבעטס שאַרף אויג האָט גלייך געזען, אַז די פייל איז איבערגעפלויגן פאַרביי, האָט זי גלייך אַ שאָט געטאָן פון טאָמס וועגן צוריק מיט אַ גאַנצן זאַלפּ גריכיש און שנעל איבערגעביטן דעם שמועס אויף עפּעס אַנדערש.

די צייט איז פאַרבייגעגאַנגען גאַנץ אָנגענעם און, אין אַלגעמיין, גענוג גלאַט. שטרויכלונגען און שטערונגען זיינען געוואָרן אַלץ ווייניקער און טאָם, זעענדיק, אַז יעדערער באַמיט זיך צו העלפן אים און ניט צו באַמערקן זיינע פעלערן,—האָט זיך געפילט אַלץ בעסער און בעסער.

ווען עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז די פרינצעסין עליזאַבעט און די לידי דזשעני וועלן אים באַגלייטן אויפן שטאָטבאַנקעט, האָט זיך זיין האַרץ אַ הויב געטאָן פון פרייד. ער האָט געפילט, אַז מיט זיי וועט ער ניט זיין עלנט און פאַרלאָרן אין דער גרויסער פאַרזאַמלונג פון פרעמדע און אומבאַקאַנטע, אין דער צייט וואָס מיט אַ שעה פריער, וואָלט דער איין געדאַנק, אַז זיי וועלן מיט אים מיטגיין, אַרויפגעוואָרפן אויף אים אַ טויט-שרעק.

טאָמס מלאכי השרות—די צוויי לאָרדן — האָבן פון דער אונטערהאַלטונג געהאַט ווייניקער פאַרגעניגן ווי די איבריקע אין דער קליינער געזעלשאַפט. זיי האָבן זיך געפילט ווי זיי וואָלטן אָנפירן אַ גרויסע שיף דורך אַ געפערלאַכן קאַנאַל; זיי זיינען כסדר געווען אויף דער וואַך און האָבן אויסגעפונען, אַז זייער אויפגאַבע איז ניט קיין קינדערשפּיל. דעריבער, ווען דער וויזיט פון די צוויי לידיס האָט געהאַלטן ביים ענדיקן זיך און איינער פון די דינער האָט געמאָלדן, אַז דער לאָרד גילפאָרד דודליי בעט אָנגענומען צו ווערן, — האָבן זיי ניט נאָר דערפילט אַז עס

קלעקט זיי פּאַר היינטיקס טאָג, נאָר אַז זיי זיינען ניט אומשטאַנד נאָכאַמאָל דורכצומאַכן די גאַנצע רייזע צוריק. זיי האָבן דעריבער געראַטן טאָמען ער זאָל זיך אַנטשולדיקן און ניט אָננעמען דעם לאָרד גילפאָרד, ניט אַכטנדיק דערויף, וואָס דער אָפּזאָג אָנצונעמען דעם פּראַקטיקן יונגינקן לאָרד האָט אַרויסגערופן אַן אויסדרוק פון אַנטוישונג אויף דער ליידי דזשעניס פּנים.

אַלע זיינען מיט איינמאָל שטיל געוואָרן, ווי זיי וואָלטן אויף עפּעס געוואַרט. טאָם האָט ניט פאַרשטאַנען וואָס דאָס באַ־דייט. ער האָט אַקוק געטאָן אויף דעם לאָרד הערטפאָרד, וואָס האָט אים געגעבן אַ צייכן, אָבער ער האָט דעם צייכן אויך ניט פאַרשטאַנען. דאַן איז די געשיקטע פּרינצעסין עליזאַבעט מיט איר געוויינלאַכער לייכטקייט געקומען צו הילף.

— האָבן מיר די ערלויבעניש פון דעם פּרינץ, מיין ברו־דער, אָפּשייד צו נעמען?

און טאָם האָט געזאָגט:

— געוויס! איר קענט ביי מיר בעטן וואָס איר ווינטשט, מיינע ליידיס, איר דאַרפט נאָר זאָגן וואָס איר ווילט, דאָך, וואָלט איך אייך בעסער געגעבן יעדער אַנדער זאַך, וואָס עס ליגט נאָר אין מיין אָרימער קראַפט, איידער געבן אייך די ערלויבעניש אַוועקצוגעמען פון מיר די ליכט און לייטזעליקייט פון אייער אָנ־וועזנהייט. זייט וואויל און גאָט זאָל זיין מיט אייך!

און טאָם האָט אינערלאַך געשמייכלט, טראַכטנדיק: נאָך אַלעמען האָב איך ניט אומזיסט געלעבט צווישן פּרינצן און פּרינ־צעסינס אין מיינע פאַנטאַזיעס און האָב געלערנט מיין צונג צו באַנוצן זייער פיינע און באַפּוצטע שפּראַך.

ווען די צוויי הויכגעבוירענע פרייליַנס זיינען אַרויסגעגאַנ־גען, האָט זיך טאָם מיד געווענדט צו זיינע אויפפּאַסער און געזאָגט:

— וועלן די הויכגעבאָרענע לאָרדן באַוויליגן צו ערלויבן מיר גיין ערגעץ אין אַ ווינקל און אָפּרוען?

דער לאָרד הערטפאָרד האָט געענטפערט:

— ווי אייער גנאַד ווינטשט. עס איז פאַר אייך צו באַפעלן

און פֿאַר אונז צו געהאָרכן. אַז דו זאָלסט רוען איז זייער נייטיק, ווייל דו מוזט אינגיכן פאָרן אין שטאָט אויפֿן באַנקעט.

ער האָט אַ קלוגג געטאָן און ס׳איז אַריין אַ פּאַזש, וועלכן ער האָט באַפוילן אַריינצובעטן סער ו ו י ל י אַ ם ה ע ר ב ע ר ט. דערדאָזיקער קאַמער-הער איז גלייך אַריין און אָפּגעפירט ט אָ מ ע ן אין אַ פּראַכטיקן צימער. דאָס ערשטע וואָס ט אָ ם האָט געטאָן, איז געווען צו כאַפּן אַ גלאָז וואַסער, אָבער אַ זייד-און-סאַמעט-געפּוצטער דינער האָט אונטערגעכאַפּט דעם בעכער און, פאַלנדיק אויף איין קני, דערלאַנגט עס אים אויף אַ גאָלדענעם טאַץ. נאַכהער האָט דער מידער געפאַנגענער אַנידערגעזעצט זיך און, בעטנדיק מיט די אויגן ערלויבעניש, גענומען אויסטאָן די שיך, אָבער אַ צווייטער זייד-און-סאַמעט פּאַרשוין איז אַ פּאַל געטאָן אויף די קני און גענומען די טירחה אויף זיך. ער האָט נאָך צוויי-דריי מאָל געמאַכט אַ פּאַרזוך צו טאָן עפּעס אַליין, אָבער זעענדיק, אַז יעדעס מאָל כאַפּן זיי די אַרבעט פון האַנט, האָט ער זיך אונטערטעניק אונטערגעגעבן און געמורמלט:

— פאַרשאָלטן זאָל איך זיין, אויב איך פאַרשטיי וואָס דאָ טוט זיך, ס׳איז מיר אַ חידוש וואָס זיי עטעמען ניט פון מיינטוועגן אויך!

אויסגעטאָן פון זיינע טאָג-קליידער און איינגעוויקלט אין קאָסטבאַרע נאַכט-קליידער, האָט ער זיך לסוף געלייגט אָפּרוען, אָבער ניט שלאָפן, ווייל זיין קאָפּ איז געווען צו פול מיט געדאַנקען און דאָס צימער—מיט מענטשן. ער האָט ניט געקענט לייז ווערן פון די ערשטע זיי זיינען פאַרבליבן; ער האָט ניט געוואוסט ווי אַזוי אָפּצושאַפן די לעצטע, זיי זיינען אויך פאַרבליבן, — צו זיין און אויך צו זייער—גרויסן באַדויערן.

ווען ט אָ מ ס נאָבעלע צוויי שומרים זיינען געבליבן אַליין, האָבן זיי זיך אַ ווײלע פאַרטראַכט, שאָקלענדיק מיט די קעפּ און, שפּרייזנדיק הין און צוריק. דערנאָך האָט לאָרד ס ע נ ט-ד ז ש אָ ן געזאָגט:

— אָפן גערעדט, וואָס זאָגסטו דערצו?

— אויב אָפן גערעדט, שטייט עס אַזוי:

— דער קיניג איז נאָנט צו זיין סוף. מיין פלימעניק איז משוגע—אַוואַנזיניקער וועט ער באַשטייגן דעם טראָן און אַוואַנזיניקער וועט ער אויף אים פאַרבלייבן. גאָט באַשיץ ענגלאַנד, וואָרים שווך וועט זי שטאַרק דאַרפן.

— ריכטיק זיינען דיינע רייד; אַזוי זעט עס טאַקע אויס. אָבער... ערוועקן זיך ניט ביי דיר קיין ספקות בנוגע צו... צו...

ער האָט אַ ווילע געקווינקלט און נאָכהער שטיל געבליבן. ער האָט קענטיק געפילט, אַז ער באַרירט דאָ זייער אַן איידעלע מאַטעריע. דער לאָרד הערטפאָרד האָט זיך אָפּגעשטעלט קעגן אים, אַ קוק געטאָן אויף אים מיט אַ קלאָרע, פרייע אויג און געזאָגט:

— רייד ווייטער, דאָ איז קיינער אַחוץ מיר, ניטאָ. ספקות וועגן וואָס?

— איך וואָלט געוואָלט פאַרמיידן צו פאַסן אין ווערטער דאָס, וואָס איך האָב אין די געדאַנקען, איבערהויפּט פאַר דיר, וואָס איז מיט אים פון איין בלוט, מיין לאָרד. אָבער בעטנדיק מחילה, אויב איך באַליידיק, וויל איך פרעגן: זעט עס ניט אויס וונדערבאַר, אַז משוגעת זאָל אַזוי ענדערן זיין האַלטונג און מאַניערן? אמת, זיין האַלטונג איז נאָך איצט אויך פרינצלאַך, אָבער עס אונטערשיידט זיך, אין דער אָדער יענער קלייניקייט פון זיין פריערדיקער האַלטונג און געוואוינהייטן. זעט עס ניט אויס מאָדנע, אַז משוגעת זאָל אָפּמעקן פון זיין זכרון אַפילו די געזיכטסציגע פון זיין פאָטער, די זיטן און מנהגים פון די אַרומיקע און איבערלאָזן אים זיין לאַטיין, אָפּמעקנדיק אין דער זעלביקער צייט פראַנצויזיש און גריכיש? מיין לאָרד, זיי ניט באַליידיקט, פאַרגרינגער מיר מיינע ספקות, באַרואיק מיינע געדאַנקען און נעם אָן מיין דאַנק. עס פאַרפאָלגט מיך זיין באַהויפּטונג, אַז ער איז ניט, דער פרינץ און...

— רוע, מיין לאָרד! גענוג! דיין צונג רעדט פאַרראַט!

האָסטו פאַרגעסן דעם קיניגס באַפעל? געדענק, אַז איך בין אַנ־טיילנעמער אין פאַרברעכן, אויב איך הער דיך בלויז אויס.

לאָרד סענט־דזשאָן איז בלאַס געוואָרן און האָט זיך גע־איילט צו פאַרענטפערן:

— איך בין שולדיק, איך בין מודה. פאַראַט מיך ניט. טו מיט מיר דעם חסד אויס פון דיין גנאָדלאַכקייט, און איך פאַר־שפּרעך דיר קיינמאָל ניט צו ריידן און ניט צו דענקען אַפילו פון דעם מער. באַגיי זיך ניט שטרענג מיט מיר, מיין לאָרד, ווען ניט בין איך פאַרלאָרן.

— איך בין צופרידן, מיין לאָרד—האָט האַרטפאָרד גע־ענטפערט,—אָבער געדענק, ניט צו דערמאָנען מער פון דעם דאָ אָדער אין די אויערן פון אַנדערע, דאַן וועט עס זיין ווי דו וואָלסט קיינמאָל דערפון ניט גערעדט. אָבער דו דאַרפסט ניט צווייפלען: ער איז דער זון פון מיין שוועסטער. איז זיין שטים, זיין פּנים, זיין גאַנצע געשטאַלט ניט ענלאַך צו מיר פון וויגעלע אָן? משוגעת קען מאַכן די אַלע ווידערשפּרעכיקע ערשיינונגען, וואָס דו זעסט אין אים און נאָך מער געדענקסטו ניט ווי אַזוי דער אַלטער באַ־ראָן מאַרליי האָט אין זיין משוגעת פאַרגעסן זיין אייגענעם פּנים, וועלכן ער האָט געקענט זעכציק יאָר נאָכאַנאַנד און האָט געטענהט, אַז עס געהערט צו אַן אַנדערן? נאָך מער, ער האָט געהאַלטן, אַז ער איז אַ זון פון מאַריאַ מאַגדאַלינאַ און, אַז זיין קאָפּ איז געמאַכט פון שפּאַנישן גלאָז. און געדענקסטו ווי ער האָט קיינעם ניט געלאָזן צורירן זיך צום קאָפּ, מורא האָבנדיק מען זאָל עס דורך אומפאָרזיכטיקייט ניט צעברעכן? גיב אָפּ דיי־נע ספקות, מיין גוטער לאָרד, דאָס איז דער אמתער פּרינץ — איך קען אים גוט—און ער וועט אינגיכן זיין קיניג, עס קען ניט שאַטן דו זאָלסט עס גוט געדענקען און קלערן וועגן דעם מער ווי וועגן עפּעס אַנדערש...

נאָך אַ ווייטערדיקן שמועס, אין וועלכן דער לאָרד סענט־דזשאָן האָט זיך מיט אַלע כּוחות געמאַטערט צו פאַרגלעטן זיין פריערדיקע אומפאָרזיכטיקייט, איבערחזרנדיק, עטלאַכע מאָל, אַז ער איז פעסט איבערצייגט און קיינזאַך וועט אים שוין קיין ספקות

ניט אַרויסרופן, — האָט דער לאָרד הערטספּאָרד אָפּגעלאָזן זיין מיטהיטער און איז פאַרבליבן אויף דער וואַך איינער אַליין. ער האָט זיך טיף פאַרטראַכט, און וואָס לענגער ער האָט געטראַכט אַלץ אומרואיקער איז ער, קענטיק געוואָרן. ער האָט גענומען שפּרייזן איבערן דיל און מורמלען צו זיך אַליין:

— באַ! ער מוז זיין דער פּרינץ! קען ווער אין גאַנצן לאַנד באַהויפּטן, אַז עס קענען זיין צוויי ניט פון איין בלוט און פלייש אַזוי וואונדערבאַר ענלאַך, פּונקט ווי אַ צווילינג און אַפילו ווען ס'וואָלט יאָ געמאָלט זיין, איז עס ניט נאָך אַ גרעסערע רעטעניש, אַז דער גורל זאָל אַריינוואַרפן איינעם אויף דעם אָרט פון צווייטן? ניין, עס איז דומהייט, דומהייט!

אין אַ ווײַלע אַרום האָט ער ווייטער צו זיך גערעדט:

— ווען ער וואָלט געווען אַ באַטריגער און וואָלט זיך אַרויסגעגעבן פאַרן פּרינץ — דאָס וואָלט געווען פאַרשטענדלאַך; דאָס וואָלט געהאַט אַ זין. צו האָט אָבער אַמאָל געלעבט אויף דער וועלט אַ באַטריגער, אַ פאַלשער פּרינץ, וואָס ווערט פון קיניג גערופן פּרינץ, פון הויף גערופן פּרינץ, פון יעדערן גערופן פּרינץ און ער זאָל עס לייקענען און שרייען גוואַלד ער איז ניט קיין פּרינץ און פאַרדינט ניט די ערע? ניין! ביי דער נשמה פון הייליקן סוויטן — ניין! דאָס איז דער אמתער פּרינץ, נאָר משוגע!

זיבעטער קאַפּיטל.

טאָמס ערשטער קיִזערלאַכער מיטאָג.

אַן ערך איינס בייטאָג האָט טאָם געהאָרכזאַם געלאָזן זיך אָנטאָן צו מיטאָג. ער איז פֿאַרפּוצט געוואָרן אַזוי פֿיין ווי פֿריִער אָבער יעדער זאַך אַנדערש,—יעדער זאַך, פֿון מיטץ ביז די זאָקן, איבערגעביטן. אינגיכן איז ער מיט גרויס פּאַראַד אַרייַנגעפֿירט געוואָרן אין אַ גרויסן און פּראַכטיק-געצירטן צימער, וואו אַ טיש איז שוין געווען געגרייט פֿאַר איין פּערזאָן. די מעבל אין צימער איז געווען פֿון מאַסיוון גאָלד און באַפּוצט מיט אויסקריצונגען און צייכנונגען—אַרבעט פֿון דעם באַרימטן מייסטער בענווענוטאָ, וואָס האָט צוגעגעבן די אַלע זאַכן אַן אומשאַצבאַרן ווערט. דאָס צימער איז האַלב פֿול געווען מיט אַן אַדעליקער סוויטע. אַ קאַפּעלאַן האָט געזאָגט די תּפֿילה, און טאָם, וואָס האָט זיך גוט אויסגעהונגערט, איז שוין גרייט געווען אַנעם טאָן זיך צו דער אכילה,—ווען דער לאָרד מאַרקיז פֿון בערקעליי, האָט אים אָפּגעשטעלט און פֿאַרבונדן אַ סערוועטל אַרום זיין נאַקן — פֿאַרבינדן דאָס סערוועטל איז געווען אַן ערן-פּאָסטן, וואָס איז פֿון דור צו דור איבערגעגאַנגען אין דערדאָזיקער נאָבעלער משפּחה. דער שר-המשקים איז געשטאַנען ביים זייט און האָט אונטערגעכאַפּט דעם כּוס יעדעס מאָל, ווען טאָם האָט זיך געוואָלט אַליין מטריח זיין אָנצוגיסן וויין; דער קיניגלאַכער פֿאַרזוכער איז אויך געשטאַנען ביים זייט, גרייט צו פֿאַרזוכן ביי דער ערשטער פֿאָדערונג. יעדן פֿאַרדעכטיקן געריכט, ריזיקירנדיק פֿאַרסמט צו ווערן, דעם אמת געזאָגט, איז דער פֿאַרזוכער, צו יענער צייט, געווען ניט מער ווי צוליב אַלטע טראַדיציע וועגן, און איז זייער זעלטן באַנוצט געוואָרן צו פֿאַרזוכן די עסנס, עס זייַנען אָבער געווען

צייטן, און ניט מיט אַסך דורות צוריק, ווען די שטעלע פון די פאַרזוכער האָט געהאַט אירע געפערלאַכע זייטן און איז געווען פון די יחוסן, נאָך וועלכע מען האָט זיך ניט געיאָגט פאַרוואָס מען האָט צו דער געפערלאַכער אַרבעט פון אַ פאַרזוכער ניט באַנוצט אַ הונט אָדער אַ פוקס איז טאַקע אַ מאָדנער חידוש, אָבער אַלע מנהגים און זיטן פון קיניגס זיינען מאָדנע... חוץ דעם סערוועטל-פאַרבינדער און באָקאַל-האַלטער, און פאַרזוכער איז דאָ געווען דער מילאָרד ד׳אַרסי, דער ערשטער קאַמער-דינער. צוליב וואָס, און וואָס האָט ער געהאַט צו טאָן, דער גוטער יאָר ווייס אים—נאָר ווי די מעשה איז, ער איז דאָ געווען, און גאָר! הינטערן שטול איז געשטאַנען דער לאָרד הויפּט-קעלערמאַן וואָס האָט אונטער דער אויפזיכט פון דעם לאָרד הויפּט-הויז-פאַרוואַלטער און דעם לאָרד הויפּט-קוכער, אויפגעפּאַסט דעם טיש-צערעמאָניאַל, טאָם האָט אַחוץ זיי געהאַט נאָך דרייהונדערט און פיר-און-אַכציק דינער, אָבער זיי זיינען פאַרשטייט זיך, ניט אַלע געווען אין צימער, אַפילו ניט אַ פערט-חלק פון זיי. ער האָט אַפילו איצט נאָך ניט געוואוסט, אַז זיי זיינען איבערהויפּט פאַראַן אויף דער וועלט.

אַלע אָנוועזנדע זיינען גוט געוואָרנט געוואָרן צו געדענקען אַז דער פּרינץ איז צייטווייליק ניט ביים פולן זינען און דעריבער זאָל זיך קיינער ניט דערוועגן אַרויסצווייזן סמנים פון איבעראַשונג ביי זיינע משונהדיקע גענג. די משונהדיקע גענג זיינע האָבן זיך גלייך אַרויסגעוויזן, אָבער דאָס האָט ביי די אָנוועזנדע בלויז אַרויסגערופן מיטגעפיל און צער, אָבער ניט קיין שפּאַס. אַלעמען האָט געטאָן זייער באַנג צו זען דעם באַליבטן פּרינץ אין אַזאַ טרויעריקן צושטאַנד.

דער אָרימער טאָם האָט מייסטנטיילס זיך באַנוצט מיט די פינגער אָנשטאָט גאָפּל, אָבער דאָס האָט ביי קיינעם ניט אַרויסגערופן קיין שמייכל. קיינער האָט אַפילו ניט אַרויסגעוויזן, אַז ער האָט עס באַמערקט. ער האָט נייגעריק און מיט גרויס אינטערעס באַטראַכט דאָס סערוועטל, וואָס איז געווען פון זייער פיינעם ליינוואַנט

און מיט פשוטקייט געזאָגט: — איך בעט אייך, נעמט עס צו, אַז ניט קען איך נאָך אין מיין צושטרייטקייט, דאָס שמוציק מאַכן.

דער סערוועט־מייסטער האָט מיט גרויס רעספּעקט און ערפורכט צוגענומען דאָס סערוועטל, אָן אַ שום צייכן פון ווידער־שפּרוך.

ער האָט באַטראַכט די סאַלאַט און די ווייסע ריבן און גע־פרעגט וואָס אַזוינס איז עס און צו קאָן מען עס עסן. די פראַגן זיינען פאַרענטפערט געוואָרן מיט ערנסטן רעספּעקט אָן אַ שום סימן פון וואונדער.

ווען ער האָט געענדיקט עסן, האָט ער אָנגעשאָטן פולע קעשענעס מיט ניס, אָבער עס האָט אויסגעזען ווי קיינער וואָלט עס ניט באַמערקט אָדער זיין איבעראַשט דערפון. אָבער באַלד האָט ער אַליין זיך דערפילט זייער אומבאַקוועם און צוטראָגן פון דעם. ניס דאָס איז געווען די איינציקע זאַך, וואָס מען האָט אים געלאָזן אומגעשטערט אַליין נעמען מיט די אייגענע הענט, — און ער איז זיכער געווען, אַז ער האָט באַגאַנגען אַ העכסט אומפּאַ־סיקע זאַך און געגן דעם כבוד פון אַ פּרינץ.

אין דעמזעלביקן מאָמענט האָט אים אָנגעהויבן צו צופּן די מוסקלען פון נאָז און דער שפּיץ פון דעמדאָזיקן נייטיקן אבר האָט זיך אָנגעהויבן צו קנייטשן און צו הייבן. דאָס האָט געדויערט אַ היפּשע ווייל און טאָם האָט אָנגעהויבן אַרויסצואווייזן אַ גרויסע אומרואיקייט. ער האָט מיט אַנגסט געקוקט דאָ אויף איינעם, דאָ אויפן צווייטן לאָרד, און זיינע אויגן זיינען פול געוואָרן מיט טרערן. מיט צעשראָקענע פּנימער זיינען זיי צוגעשפּרונגען צו אים, בעטנדיק ער זאָל זיי זאָגן וואָס אים פעלט. טאָם האָט מיט אמתן אַנגסט אין זיין קול געזאָגט:

— איך בעט אייך פּאַרצייט מיר, מיינע הויכגעשעצטע לאָרדן: עס בייסט מיר גוואַלדיק אין נאָז. ווי איז דאָ דער מנהג אין אַזעלכע פאַלן? אָבער, איך בעט אייך, ענטפערט גיכער, וואָרים איך קען זיך קוים איינהאַלטן.

קיינער האָט ניט געשמייכלט. אָבער אַלע זיינען געווען אין דער גרעסטער פאַרלעגנהייט, און אין גרויס באַטריבונג געבעטן

מיט די אויגן איינער ביי דעם אַנדערן אַן עצה. אַ קלייניקייט דאָס איז: מען איז דאָ געשטאַנען פאַר אַ טויטע וואַנט, אין דער גאַנצער פריערדיקער ענגלישער געשיכטע איז ניט געווען קיין שום אָנווייזונג ווי אַזוי צו האַנדלען אין אַזעלכע פאַלן. דער צערעמאָניע-מייסטער איז גראָד ניט געווען דערביי, עס איז אויך ניט געווען קיין איין מענטש, וואָס זאָל זיך פילן זיכער גענוג אַוועקצולאָזן זיך אויף דעם דאָזיקן ניט אויסגעפאָרשטן ים פון זיטן און מנהגים, אָדער וואָס זאָל נעמען אויף זיך די ריזיקע פון לייזן די דאָזיקע וויכטיקע פראָבלעם. אַך, ליידער איז אין קייזערלאַכן הויף, ניט געווען קיין ערבלאַכער נאָז-קראַצער!

די טרערן זייַנען דערווייל אַריבער די ברעגעס און האָבן אָנגעהויבן צו פליסן איבער טאָמס באַקן. דער קיצעלדיקער נאָז האָט מער ווי פריער זיך גענויטיקט אין פאַרלייכטערונג — און דאָ ווייס קיינער ניט וואָס צו טאָן. אָבער דאָ האָט די נאַטור לסוף געבראָכן אַלע צוימען פון עטיקעט: בעטנדיק אין האַרצן מחילה, טאָמער באַגייט ער אַ זינד, — האָט טאָם זיך געמאַכט אַ האַרץ, אויפגעהויבן די האַנט און אַליין זיך אָפּגעווישט דעם נאָז.

נאָכן עסן האָט אים איינער פון די לאָרדן אונטערגעטראָגן אַ ברייטע, פלאַכע גאָלדענע וואַזע מיט דופטיקע רויז-וואַסער צו שוויינקען דערמיט דאָס מויל און וואַשן די הענט, און דער לאָרד סערוועט-מייסטער איז געשטאַנען מיט אַ סערוועטל, גרייט אויסצווישן אים די הענד. טאָם האָט אַ ווײַלע געקוקט ווי צוטומלט אויף דער וואַזע, נאָכהער האָט ער עס אונטערגעטראָגן צו די ליפּן, אַ רעכטן זופּ געטאָן, צוריק אָבגעגעבן דעם לאָרד און געזאָגט:

— ניין, עס געפעלט מיר ניט, מיין לאָרד: שמעקן שמעקט עס גאַנץ פיין, אָבער ס'איז ניט שטאַרק גענוג.

דערדאָזיקער נייער באַווייז פון דעם פרינצס משוגעת האָט זיך מיט ווייטאָג אָבגערופן ביי יעדערן אין האַרצן, אָבער עס האָט ביי קיינעם קיין געלעכטער ניט אַרויסגערופן.

טאָמס צווייטער טעות איז געווען אויפצוהויבן זיך פון טיש פונקט דאַמאָלסט, ווען דער קאַפּעלאַן האָט זיך געשטעלט הינטער זיין שטול און מיט אויפגעהויבענע הענט און אויפגעהויבענע אויגן

געקליבן זיך בענטשן. דאָך האָבן אַלע ווי ניט באַמערקט, אַז דער פּרינץ האָט געטאָן אַן אומגעוויינליכע זאַך.

אויף זיין אייגענער בקשה, האָט מען אונזער קליינעם פריינד אָפּגעפירט אין זיין פּריוואַט-קאַבינעט און איבערגעלאָזן איינעם אַליין. אין דעם דאָזיקן קאַבינעט איז אויף דעמבענע טאַפעלן געהאַנגען אַ זאַמלונג פון בלישטשעדיקע זעלטענע געווער און קריגס-אַמוניציע, אין גאַנצן באַפּוצט מיט פּראַכטיקע צייכנונגען. איינגעפאַסט אין גאָלד. די דאָזיקע געווער-זאַמלונג האָט געהערט צום אמתן פּרינץ—אַ מתנה פון דער קייזערין. טאָם האָט אָנגעפאַסט די פיס-פאַנצערס, און די הענט-שיצער, און די קאָפּ-קאַסקע מיט די גרויסע פעדערן און אַלע איבעריקע כּלי-זיין, וואָס ער האָט געקענט אָנטאָן אויף זיך אָן זייטיקער הילף. איין מאָמענט האָט ער שוין געוואָלט רופן עמיצן ווער עס זאָל אים העלפן אָנצוטאָן זיך אין פולער קריגס-פאָרמע, אָבער דאָ האָט ער זיך דערמאָנט אָן די ניס, וואָס ער האָט מיטגעבראַכט און וואָס פאַר אַ פאַרגעניגן עס וועט זיין צו עסן זיי אָן טויזנטער הענט צו העלפן אים און אָן טויזנטער אויגן צו קוקן אויף אים; ער האָט שנעל אויפגעהאַנגען די כּלי-זיין אויף זייערע ערטער און זיך גענומען קנאַקן ניס. ער האָט געגעסן די ניס און דאָס ערשטע מאָל פאַר דער גאַנצער צייט, זינט גאָט האָט אים פאַר זיינע זינד געמאַכט פאַר אַ פּרינץ, — געפילט זיך כמעט גליקלאַך.

אָבגעפאַרטיקט זיך מיט די ניס, האָט ער זיך אָנגעשטויסן אויף עטליכע שיינע ביכער אין אַן אַלמער, צווישן וועלכע עס איז געווען איין בוך וועגן הויף עטיקעט פון ענגלישן הויף. דאָס איז פאַר אים געווען אַן אמתער געפינס. ער האָט זיך אַוועקגעלייגט אויף אַ ברייטער קאַנאַפּע און מיט גרויס התמדה גענומען זיך צו שטודירן דאָס בוך.

לאָמיר זשע דערווייל איבערלאָזן אים דאָרטן אַליין.

אַכטער קאַפּיטל

מען זוכט דעם מלוכה־שטעמפּל.

אַרום פינף אַזייגער האָט זיך הענרי דער אַכטער אויפגעכאַפּט פון אַ שווערן דרעמל, מורמלענדיק צו זיך אַליין:

אומרואיקע חלומות, אומרואיקע חלומות!... מיין סוף איז שוין נאָנט... די חלומות זיינען אַוואָרנונג פאַר מיר, און דער אָפּגעשוואַכטער פולס באַשטעטיקט עס...

באַלד נאָכדעם האָט אַ בייזער פייערל אויפגעפלאַקערט אין זיינע אויגן און ער האָט אויסגערופן:

— דאָך וועל איך ניט שטאַרבן, ביז ער וועט פריער ניט אַוועקגיין פון דער וועלט.

באַמערקנדיק, אַז דער קיניג האָט זיך אויפגעכאַפּט, האָט איינער פון זיינע אויפּפּאַסער געמאָלדן, אַז דער לאָרד־קאַנצלער וואַרט אין פאָדער־צימער און צי וועט דער קיניג ניט באַווילקן אויפצונעמען אים.

— ברענג אים אַריין, ברענג אים אַריין!—האָט דער קיניג ענערגיש אויסגערופן.

דער לאָרד־קאַנצלער איז אַריין, געקניט לעבן קיניגס קאַנאַפּע און געזאָגט:

— איך האָב געהייסן, און ווערליק דעם קיניגס באַפעל האָבן די פערן פון דיין קיניגרייך אַרויסגעטראָגן דעם הערצאָג פון נאָרפאָלק זיין טויט־אורטייל. איצט שטייען זיי אַלע אין זייערע שטאַטס־קליידער ביי די טויערן פון פאַרלאַמענט און וואַרטן אונטערטעניק דיין מאַיעסטעטס ווייטערדיקן באַפעל אין דעם ענין.

דעם קיניגס פנים איז באַלויכטן געוואָרן מיט אַ גרויזאַמער פרייד.

און ער האָט אַזוי געזאָגט:

— הויבט מיך אויף! אַליין וועל איך גיין פאַר מיין פאַר־לאָמענט און מיט מיין אייגענער האַנט וועל איך חתמענען דעם אורטייל, וואָס באַפרייט מיך פון...

זיין שטים האָט זיך מיטאַמאָל אָפּגעריסן; אַ טויט־בלאַסקייט האָט אָפּגעווישט די שוואַכע פאַרב פון זיינע באַקן. די דינער האָבן אים צוריק אַוועקגעלייגט אויף די קישנס און גיך אונטער־געטראָגן אים הייל־געטראַנקען.

דער קיניג האָט אַ ווײַלע אָפּגערוט און באַטריבט געזאָגט:

— אַך, ווי איך האָב געלעכצט נאָך דערדאָזיקער זיסער שעה! און—אָ! עס קומט צו שפּעט, און איך בין געראַבט פון דער אַזוי לאַנג־באַגערטער פרייד... אָבער איילט זיך, איילט זיך! זאָלן אַנדערע טאָן דידאָזיקע זיסע פליכט, וואָס איז מיר ניט באַ־שערט צו טאָן. איך גיב איבער דעם גרויסן מלוכה־שטעמפּל אַ קאָמיסיע. קלייב דו אויס די לאָרדן וואָס וועלן זיצן אין איר, און נעמט זיך צו דער אַרבעט, אייל זיך, מענטש דו אייגער! איידער די זון וועט אויפגיין און צוריק פאַרגיין, זאָלסטו מיר ברענגען זיין קאָפּ איך זאָל אים קענען אָנקוקן.

— ווי דער קיניג האָט באַפוילן, אַזוי וועט געשען. וועט דער קיניג באַוויליגן, מען זאָל מיר איצט אַרויסגעבן דעם שטעמפּל איך זאָל קענען גלייך צוטרעטן צו דער אַרבעט?

— דער שטעמפּל? ווער היט דעם שטעמפּל, אויב ניט דו?

— איך בעט מחילה ביי אייער מאַיעסטעט, אָבער איר האָט עס ביי מיר מיט צוויי טעג צוריק צוגענומען, זאָגנדיק, אַז עס וועט פריער ניט געברויכט ווערן, ביז אייער אייגענע קיניגלאַכע האַנט וועט עס ניט באַנוצן אויף דעם הערצאָג פון נאָרפאָלקס אורטייל.

— יאָ, אַזוי האָב איך טאַקע געטאָן. איך געדענק ניט וואו האָב איך עס אַהינגעטאָן?... איך בין זייער שוואַך... מיין זכרון

פאַראַט מיך אַזוי אָפּט די לעצטע טעג... ס'איז מערקווירדיק, מערקווירדיק...

דער קיניג האָט אָנגעהויבן צו מורמלען אומפאַרשטענדלאַכע ווערטער, שאָקלענדיק פון צייט צו צייט מיט זיין גראָען קאָפּ און באַמיענדיק זיך צו דערמאָנען וואָס האָט ער געטאָן מיטן שטעמפּל. צום סוף האָט זיך דער לאָרד הערטפאָרד דערוועגט צו קניען און מאַכן אַ מעלדונג.

— מיין הערשער, אויב איך מעג זיין אַזוי דרייסט, וואָלט איך דערמאָנען אייער מאַיעסטעט, אַז דאָ זיינען פאַראַן נאָך אייניקע, וואָס געדענקען, אַז איר האָט איבערגעגעבן דעם גרויסן שטעמפּל אין די הענט פון זיין גנאָד, דעם פּרינץ פון וועלש, צו האַלטן עס אויף דעם פאַל, ווען עס וועט קומען דער טאָג...

— אמת, אמת! — האָט דער קיניג איבערגעשלאָגן — ברענג עס אַריין! גיי, די צייט לויפט!

לאָרד הערטפאָרד איז אַוועקגעלאָפן צו טאָמען, אָבער ער האָט זיך אינגיכן צוריק אומגעקערט מיט ליידיקע הענט און זייער צוטראָגן. ער האָט אַזוי געזאָגט:

— עס טוט מיר זייער באַנג, מיין הערשער און קיניג, צו ברענגען דיר אַזאַ טרויעריקע און שווערע בשורה. אָבער עס איז גאָטס ווילן, אַז דעם פּרינצס קראַנקייט זאָל נאָך אָנהאַלטן, און ער קען זיך ניט דערמאָנען, ער זאָל האָבן באַקומען דעם שטעמפּל. איך האָב זיך דעריבער געאיילט צו קומען און מעלדן עס צו אייער קייזערלאַכער מאַיעסטעט, רעכענענדיק, אַז די צייט איז טייער און עס האָט קיין זינען צו זוכן עס אין דער לאַנגער רייע פון זאַלן און אַפּאַרטאַמענטן, וואָס געהערן צו זיין קיניגלאַכער הויז...

אַ ביטערער קרעכץ פון דעם קיניג האָט איבערגעריסן דעם לאָרדס רייד. אין אַ ווייַלע אַרום האָט ער מיט אַ טיפן טרויער אין קול געזאָגט:

— באַאומרואיק אים ניט מער, אָרים קינד! גאָטס האַנט ליגט שווער אויף אים און מיין האַרץ גייט מיר אויס פון רחמנות צו אים. אָ, ווי איך באַדויער וואָס איך קען ניט טראָגן זיין

שווערע לאַסט אויף מיינע אַלטע, פון זאָרג־געבויגטע פּלייצעס און דערמיט ברענגען פרידן צו אים!

ער האָט פאַרמאַכט די אויגן, האָט עפּעס געמורמלט און איז שטיל געוואָרן, אין אַ ווײַלע אַרום האָט ער ווידער געעפנט די אויגן, זיין בליק האָט צווועקלאָז געוואַנדערט איבערן צימער, ביז ער האָט זיך אָפּגעשטעלט אויף דעם קעניגלעכן לאָרד־קאַנצלער. זיין פּנים האָט זיך גלייך אָנגעצונדן מיט כּעס:

— וואָס, דו ביסט נאָך אַלץ דאָ?! און דו גייסט ניט ענדיקן די זאַך וועגן יענעם פאַררעטער? אין נאָמען פון גאָט, דיין מיטץ וועט מאָרגן זיין פריי, ווייל זי וועט ניט האָבן קיין קאָפּ צו באַצירן!

דער פאַרציטערטער קאַנצלער האָט געענטפערט:

— גוטער קיניג, איך בעט רחמים! איך האָב בלויז געוואַרט אויף דעם שטעמפּל.

— מענטש איינער! ביסטו פון זינען אַראָפּ? דער קלײנער שטעמפּל, וועלכן איך האָב געוואָלט מיטנעמען מיט זיך אויף מיין רייזע נאָך אויסלאַנד ליגט אין מיין שאַצקאַמער. און וויבאַלד דער גרויסער שטעמפּל איז פאַרשוואונדן, וועט דער שטעמפּל ניט גענוגן? ביסטו ביי דיין פאַרשטאַנד? פאַרשווינד! און—געדענק—קום ניט מער פאַר מיינע אויגן, ביז דו וועסט מיר ניט ברענגען זיין קאָפּ!

דער אָרימער קאַנצלער האָט ניט געמאַכט קיין גרויס שהיות און איז פאַרשוואונדן פון דער געפערלאַכער שכנותשאַפט. די קאָמיסיע האָט אויך ניט לאַנג געטראַכט און געגעבן איר הסכּמה צו דעם אורטייל וואָס דער קנעכטישער פאַרלאַמענט האָט אַרויסגעטראָגן דעם עלטסטן ענגלישן פער—דעם אומגליקלאַכן הערצאָג פון נאָרפאָלק, באַשטימענדיק מאָרגנדיקן טאָג צו קעפּן אים.

נײַנטער קאַפּיטל

די פּראָצעסיע אויפֿן טײַך.

אַ זייגער נײַן אין אָוונט האָט דער גאַנצער ברעג טײַך אין גאָר זײַן לענג געפֿינקלט מיט פֿײַערן. דער טײַך אַליין איז, ווי ווײַט דאָס אויג האָט געקענט כאַפּן צום שטאָט-צו, געווען געדיכט באַדעקט מיט שיפֿלאַך און לוסט-באַרקן, באַפּרענזט מיט פֿיל-פֿאַרביקע לאַמטערנעס, וואָס האָבן זיך לײַכט באַוועגט פֿון די כוואַליעס, אַזוי אַז ער האָט אויסגעזען ווי אַן ענדלאָזער בלומען-גאָרטן באַוועגט פֿון אַ לײַכטן זומער-ווינטל. די גראַנדיעזע שטיין-טרעפּ, וואָס האָבן געפֿירט פֿון פּאַלאַץ צום וואַסער און וואָס זײַנען געווען גרויס גענוג אויפֿצוהאַלטן אויף זיך אַ גאַנצע אַרמיי פֿון אַ דײַטשן פֿירסטנטום,—איז געווען אַ בילד אָנצוקוקן, מיט די צײַלן קיניגלאַכע אַלעבאַרדן-טרעגער אין בלישטשעדיקע געווער, מיט די פּראַכטיק און פֿאַנטאַסטיש, געקליידעטע דינערשאַפֿט, וואָס זײַנען גאַנצע מחנות ווייז געלאָפֿן הין און צוריק, אַרויף און אַראָפּ, פֿאַרבערייטנדיק זיך צום פּאַראַד.

מיטאַמאָל איז אָפּגעגעבן געוואָרן אַ באַפֿעל — און יעדער לעבעדיקע באַשעפֿעניש איז פֿאַרשוואונדן פֿון די טרעפּ. אַפֿילו די לופֿט גופֿא איז פֿול געוואָרן מיט שפּאַנונג און ערוואַרטונג. ווי ווײַט דער בליק האָט דערגרייכט, האָט מען געקענט זען טויזנטער און צענטויזנטער מענטשן, וואָס האָבן זיך אויפֿגעשטעלט אין זייערע שיפֿלאַך און באַשיצנדיק מיט די הענט די אויגן פֿון די לאַמטערן און פֿאַקל-פֿײַערן, געקוקט אַהין, צום פּאַלאַץ צו.

— אַ צייל פֿון וואָסערע פֿערציק אָדער פֿופֿציק קיניגלאַכע יאַכט-שיפֿן האָבן זיך צוגעשיפֿט צו די מראַמאָר-טרעפּ. זיי זײַנען

געווען רייך באַגילט, די פּאָדערטיילן און רודערס באַדעקט מיט
קונציקע שניצערייען. אייניקע פון זיי זיינען געווען דעקאָרירט
מיט פאָנען און פלאַגן; אַנדערע זיינען געווען באַהאַנגען מיט
גאָלד=געוועבטע שטאָפן און מאַטעריעס מיט אַלערליי געווער אויס·
געשטיקט אויף זיי. איבער אייניקע האָבן געפלאַטערט זיידענע
פאָנען, באַהאַנגען מיט זילבער=גלעקלאַך אָן אַ צאָל, וואָס האָבן
פריילאַך, צאַרט געקלונגען יעדן מאָל, ווען דער ווינט האָט זיי
באַרירט. ביי אַנדערע ווידער, פון נאָך אַ העכערער, מדרגה, מחמת
זיי האָבן געהערט צו נאָבל=לייט, וואָס זיינען געווען צווישן דעם
פרינצס נאָענטסטע סוויטע,—זיינען די זייטן פון די שיפלאַך גע=
ווען באַדעקט מיט פּראַכטיקע פאַמיליען-הערבן. יעדער שטאַטס=
יאַכטע איז געשלעפּט געוואָרן פון אַ באַדינונגס=שיפל. חוץ די
רודערערס איז אין יעדער באַדינונגס=שיפל געזעסן אַ קאָמאַנדע
סאָלדאַטן אין בלישטשעדיקע קאַסקעס און מיט ברוסט=פּאַנצערס
אויף די ברוסט, און אַן אָרקעסטער מוזיקאַנטן.

די ערשטע אין דער פּראָצעסיע האָבן זיך באַוויזן אַ מילי·
טער=אָפּטיילונג פון אַלעבאַרדיסטן. זיי זיינען געווען אָנגעטאָן
אין שוואַרצע און טונקל-ברוינע זאָקן אין פאַסן און סאַמעטענע
היטעלאַך, באַפּוצט ביים זייט מיט זילבער-ראָזן, אין קאַמיזאָלן
פון טונקל-רויטע און בלויע געוואַנט, אויף די קאַמיזאָלן איז פון
הינטן און פון פאָרנט געווען מיט גאָלד אויסגענייט צו דריי פּע·
דערן—דעם פרינצס הערב.—די העלמלאַך פון די אַלעבאַרדן זיי·
נען באַדעקט געווען מיט פּורפּור=סאַמעט, פאַרפעסטיקט מיט גאָלד=
נעגל און באַצירט מיט גאָלד=קוטאַסן. די אַלעבאַרדיסטן האָבן
זיך אין צוויי לאַנגע שורות אויסגעצויגן לינקס און רעכטס פון
פּאַלאַץ=טויער ביזן ברעג טייך. דעם פרינצס דינער אין פּורפּור
און גאָלד=ליוורייען, האָבן פונאַנדערגעוויקלט אַ דיקן בונטען טעפּיך.
גלייך נאָך דעם האָט זיך פון פּאַלאַץ=זייט דערהערט אַ טראָמפּייטן=
שאַל, אויף וואָס די מוזיקאַנטן אויפן וואַסער האָבן געענטפערט
מיט אַ פריילאַכן פאָרשפּיל. פון פּאַלאַץ=טויער האָבן זיך די ערש=
טע באַוויזן צוויי הויף-מאַרשאַלן, וואָס זיינען מיט גרויס שטאַט
געגאַנגען פאָראויס מיט די ווייסע קיניגלאַכע בולאַוועס אין די

הענט; הינטער זיי האָט אַ באַאַמטער געטראָגן דעם בירגער־רוט און אַ צווייטער באַאַמטער—דעם שטאָט־שווערד. נאָך זיי זיינען געקומען סערזשאַנטן פון דער שטאָט־וואַך אין פולער פּאַראַד־פּאָר־מע און מיט בענדער אויף די אַרבל.

דערנאָך זיינען געגאַנגען העראָלדן פון פאַרשיידענע ריטער־לאַכע אָרדענס אין זייערע וואָפן־קליידער און מיט שפּיצן־בענדער אויף די אַרבל, באַגלייט פון זייערע וואָפן־טרעגער; דערנאָך זיי־נען געקומען די ריכטער אין זייערע רויטע ריכטער־מאַנטלען און היטעלאַך; דערנאָך איז געגאַנגען דער ענגלישער לאָרד־קאַנצלער אין זיין רויטן קאַנצלער־מאַנטל אָפן פון פאָרנט און באַנייט מיט האָזן־פעלץ, אַ דעפּוטאַציע פון שטאָטישע ראַטמענער אין רויטע מאַנטלען, און צום סוף — פאָרשטייער פון אַלערליי געזעלשאַפט־לאַכע אינסטיטוציעס און קאָרפּאָראַציעס אין זייערע פּאַראַד־קליי־דער. נאָך זיי אַלעמען, האָבן זיך אַראָפּגעלאָזן פון די טרעפּ צוועלף פראַנצויזישע אַדל־לייט, אָנגעטאָן אין גאָלד־געשטריקטע קאַמיזאָלן פון פראַכטיקן ווייסן דאַמאַשק־זייד, אין קורצע מאַנטלען פון פּור־פּור־סאַמעט, אונטערגעשלאָגן מיט זייד פון ליליען־פאַרב און אין קורצע לייב־פאַרביקע סאַמעט הויזלאַך. דאָס איז געווען די סוויטע פון דעם פראַנצויזישן געזאַנדטן, הינטער וועלכער עס איז געגאַנ־גען די סוויטע פון שפּאַנישן געזאַנדטן, אָנגעטאָן אין שוואַרצע סאַמעטענע קליידער אָן שום באַצירונג. הינטער זיי זיינען ווידער געגאַנגען עטלאַכע ענגלישע אַדל־לייט מיט זייערע סוויטעס און וואָפן־טרעגער.

עס האָט זיך ווידער דערהערט אַ שטורם פון טראָמפּייטן, און אין טויער פון קייזערלאַכן הויף האָט זיך באַוויזן דעם פּרינצס פעטער, דער צוקינפטיקער גרויס־הערצאָג פון ס אָ מ ע ר ע ס ט. אָנ־געטאָן אין אַ שוואַרצן מיט גאָלד געוועבטן קאַמיזאָל, אין אַ פּור־פּור־מאַנטל איינגעוועבט מיט גאָלד־בלומען און אַרומגענייט מיט אַ זילבער־נעץ. ער האָט זיך אומגעקערט מיטן פּנים צום הויף, אַראָפּגענומען. דעם פעדער־הוט, טיף פאַרנייגט זיך און הינטער־ווײלעכטס אַראָפּגעלאָזן זיך פון די טרעפּ, נידעריק בוקנדיק זיך אויף

יעדער טרעפּל. אַ נייער שטאַרקער טראָמפּייטן=שאַל און נאָכהער אַן אויסרוף:

— מאַכט וועג פאַר דעם הויכגעבאָרענעם און מעכטיקן לאָרד עדואַרד, דעם פּרינץ פון וועלש!

צו דערזעלביקער צייט האָבן אויף די ווענט פון פּאַלאַץ-הויף אויפגעפלאַמט מיט אַ דונער-קלאַפּ אַ צייל פייערן און דער טויזנט=קעפּיקער פאָלקס-געזעמל אויפן טייך האָט אויסגעבראָכן אין ענטוזיאַסטישע באַגריסונגס-אויסרופן.

און טאָם קענטי, דער העלד פון דעמדאָזיקן גרויסן יום-טוב, האָט זיך באַוויזן פאַרן פאָלק און האָט לייכט פאַרנייגט זיין „קיניגלאַכן" קאָפּ...

ער איז געווען געקליידט אין אַ פּראַכטפולן קאַמיזאָל פון ווייסן אַטלאַס מיט אַ ברוסטדעקל פון פּורפּור-שטאָף, באַשאָטן מיט בריליאַנטן און אַרומגענייט מיט הערמעלין; אויף זיינע אַקסלען איז געווען אַרויפגעוואָרפן אַ מאַנטל פון ווייסן בראָקאַט אויף אונטערשלאַק פון בלויען אַטלאַס, באַפּוצט מיט „דריי פעדערן" — די עמבלעמע פון פּרינץ, דער מאַנטל איז אינגאַנצן באַשאָטן געווען מיט פּערל און שאַץ=שטיינער און האָט זיך פאַרשפּילעט מיט אַ בריליאַנטענעם האָקן. אויפן האַלז האָט ער געטראָגן דעם צייכן פון „זאָקן=בענדל-אָרדען" — אַן אָרדען אין וועלכן עס זיינען אָנגענומען געוואָרן מיטגלידער פון קיניגלאַכן יחוס — און אַנדערע אויסלענדישע אָרדענס, אַלע באַשאָטן מיט דימענטן און בריליאַנטן, וואָס האָבן געפינקלט און געשפּילט געגן די שטראַלן פון דער זון.

אָ, טאָם קענטי, געבאָרן אין אַ חורבה דערצויגן אין לאָנדאָנער רינשטאָקן, גוט באַקאַנט מיט טראַנטעס, שמוץ און דלות, — וואָס פאַר אַ וואונדערבילד דו זעסט פאַר דיינע אויגן!

צענטער קאַפּיטל.

דער פּרינץ אין דער קלעם.

מיר האָבן איבערגעלאָזן דזשאָן קענטי, שלעפּנדיק דעם אמתן פּרינץ אין שמוץ-געסל מיט אַ טומלדיקן און לוסטיקן המון הינטער זיך. צווישן דעם גאַנצן המון האָט זיך געפונען בלויז איין מענטש, וואָס האָט אַריינגעוואָרפן אַ גוט וואָרט פאַר אים, אָבער קיינער האָט זיך אויף אים ניט אומגעקוקט. ס'איז אַ ספק צי האָט מען אים איבערהויפּט געהערט — אַזוי גרויס איז געווען דער טומל און די קולות פון המון, פאַר וועלכן יעדער צופאַל איז אַן אומזיסטע פאַרווײַלונג.

דער פּרינץ האָט ניט אויפגעהערט צו ראַנגלען זיך פאַר זיין פרייהייט און פּראָטעסטירן קעגן דער אכזריותדיקער באַהאַנדלונג, ביז דזשאָן קענטי האָט פאַרלאָרן דאָס ביסל געדולד, וואָס ער האָט נאָך געהאַט און האָט אויפגעהויבן זיין דעמבענעם שטעקן איבער דעם פּרינצס קאָפּ. דאָ איז דעם פּרינצס איינציקער באַשיצער אונטערגעשפּרונגען אָפּצוווענדן קענטיס האַנט, און די דובינע איז געפאַלן אויף זיין אייגענעם אָרם.

— דו וועסט זיך מיר אַריינמישן, וועסטו זיך? — נאַ דיר-זשע! — האָט דזשאָן קענטי אויסגעשריען, און מיטן גאַנצן כוח אַראָפּגעלאָזן די דובינע אויף דעם באַשיצערס קאָפּ.

עס האָט זיך דערהערט אַ קרעכץ און אַ טונקעלע געשטאַלט האָט זיך אַראָפּגעלאָזן אויף דער ערד צווישן די פיס פון המון וואָס איז דורך דעמדאָזיקן צופאַל אויף קיין איין האָר ניט געשטערט געוואָרן אין זיין פאַרווײַלונג.

אינגיכן האָט דזשאָן קענטי אַריינגעשלעפּט דעם פּרינץ

צו זיך אין דירה, פאַרשליסנדיק די טיר הינטער זיך. ביי דעם שוואַכן שיין פון אַ חלב-ליכטל האָט דער פרינץ ווי עס איז געקענט באַטראַכטן דעם עקלהאַפטן גנבים און שלעפער-נעסט און זיינע איינוואוינער. אין איין ווינקל זיינען געזעסן צוגעטוליעט צום וואַנט צוויי שמוציקע, ניט פאַרקאַמטע מיידלאַך און אַ מיטליאָריקע פרוי. אויף זייערע פנימער איז געלעגן דער אויסדרוק פון שרעק ווי ביי חיות, וואָס זיינען געוואוינט צו שלעכטער באַהאַנדלונג און וואָס וואַרטן יעדער מינוט אויף קלעפ. פון אַ צווייטן ווינקל האָט זיך אַרויסגערוקט אַן אַלטע מכשפה מיט פונאַנדערגעלאָזענע גראָע האָר און מיט בייזע אויגן.

דזשאָן קענטי האָט זיך געווענדט צו דער אַלטער:

— האָרך נאָר! אַ פיינע קאָמעדיע האָבן מיר דאָ! שלאָג אים ניט איבער ביז דו וועסט זיך ניט רעכט פאַרווילן. דערנאָך לאָז אים פילן דיין שווערע האַנט, וויפל דיין האַרץ גלוסט. קום נאָר אַהער, דו יאַט! לייג נאָר אַרויס דיין משוגעת נאָכאַמאָל. זאָג ווי רופט מען דיר און ווער דו ביסט.

רויט ווערנדיק פון כעס, האָט דער פרינץ אויפגעהויבן זיין צאָרנדיקן און פעסטן בליק אויף קענטין און געזאָגט:

— נאָר דיין אומערצויגנקייט קען דיר ברענגען דערצו, אַז אַזעלכע ווי דו זאָלן מיר באַפוילן צו ריידן. איך זאָג דיר נאָכאַמאָל דאָס זעלביקע וואָס איך האָב פריער געזאָגט: איך בין עדוואַרד, דער פרינץ פון וועלש און ניט קיין אַנדערער.

פון גרויס איבערראַשונג איז די אַלטע מכשפה ווי צוגעוואָקסן צו דער ערד געוואָרן און עס האָט איר אַזש דער אָטעם פאַרכאַפּט. זי האָט געקוקט אויף דעם פרינץ מיט נאַריש פאַרוואונדערטע אויגן, וואָס האָט זייער אַמוזירט איר מערדערישן זון, און ער האָט אויסגעשאָסן אין אַ ווילדן געלעכטער. אָבער אויף טאָמס מוטער און שוועסטער האָט עס געמאַכט גאָר אַן אַנדער איינדרוק. ניט קוקנדיק אויף זייער מורא פאַר קלעפּ, זיינען זיי פאַרצווייפלטע און דערשראָקענע צוגעלאָפן צום פרינץ, אויסרופנדיק:

— אָ, אָרימער טאָם, אָרים קינד!

די מוטער איז אַ פּאַל געטאָן פאַרן פּרינץ אויף די קני און, קוקנדיק אויף אים מיט טרערן־פאַרלאָפענע אומרואיקע אויגן, האָט זי געזאָגט:

— אָ, מיין אָרים ייִנגעלע! דיין נאַריש לייענען האָט עס געבראַכט דערצו! די ביכלאַך האָבן ביי דיר דיין פאַרשטאַנד געראַבעוועט! אָ, פאַרוואָס ס'טו מיר ניט געפאָלגט, ווען כ'האָב דיר געוואָרנט לאָזט אַזוי פיל ניט לייענען?

דער פּרינץ האָט אַריינגעקוקט אין איר פּנים און צערט־לאַך געזאָגט:

— דיין זון איז געזונט און איז ניט משוגע, גוטע פרוי. זיי געטרייסט. לאָז מיך צום פּאַלאַץ, וואו ער איז איצט, און דער קיניג, מיין פאָטער, וועט דיר אים גלייך צוריקשיקן.

— דער קיניג, דיין פאָטער!—האָט די מוטער פאַרבראָכן די הענט,—אָ, מיין קינד! ניט רייד אַזעלכע ווערטער, וואָרים זיי שמעקן מיט טויט פאַר דיר און מיט אומגליק פאַר אַלע, וואָס זיינען נאָענט צו דיר! טרייסל אָפּ פון זיך דעמדאָזיקן בייזן חלום, רוף צו הילף דיין פאַרלאָרענעם זכרון. גיב אַ קוק אויף מיר: בין איך דען ניט דיין מוטער. וואָס האָט דיך געבוירן און ליבט דיך?

דער פּרינץ האָט צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ און אומווילליק געזאָגט:

— איין גאָט ווייס, אַז איך וואָלט געוואָלט פאַרהיטן דיין האַרץ פון שמערץ, אָבער עס איז וואַר, אַז איך האָב קיינמאָל ביז איצט דיין פּנים ניט געזען.

די פרוי האָט זיך אַראָפּגעלאָזן אויף דער ערד און, פאַר־דעקנדיק דעם פּנים מיט די הענט גענומען יאָמערן און קלאָגן.

— זאָל די פאָרשטעלונג ווייטער אָנגיין! — האָט קענטי אויסגעשריען,—נאַן, בעט, איר אומערצויגענע מוידרילעס! וואָס פאַר אַ העזה צו שטיין אין דעם פּרינצס געגנוואַרט?! אויף די קני, איר שלומפּערס, און בוקט זיך צו אים!

און ער האָט ווידער אויסגעשאָסן מיט אַ היִרזשעריי ווי אַ פערד.

די מיידלאַך האָבן גענומען אומדרייסט בעטן פאַר זייער ברודער, און נאַן האָט געזאָגט:

— ווען דו וואָלסט אים געלאָזן לייגן זיך, פאָטער. שלאָף און רו וועט היילן זיין משוגעת! זע, לאָז אים!

— טו דאָס, פאָטער—האָט בעט אויך געבעטן — ער איז היינט מער מיד ווי געוויינלאַך. מאָרגן וועט ער צו זיך קומען, וועט ער בעטלען פלייסיקער ווי שטענדיק און וועט שוין ניט קומען אַהיים מיט ליידיקע הענט.

דידאָזיקע באַמערקונג האָט אויסגעניכטערט קענטין פון זיין פריילאַכקייט און געגעבן זיינע געדאַנקען אַ מער פראַקטישע ווענדונג. ער האָט זיך מיט כעס געווענדט צום פרינץ און געזאָגט:

— מאָרגן דאַרפן מיר צאָלן צוויי פעניס דעם באַלעבאָס פון דעראָזיקער לאָך. צוויי פעניס—דו פאַרשטייסט—פאַר אַ האַלב יאָר דירה-געלט. ווען ניט, שליידערט מען אונז פונדאַנען אַרויס. ווייז נאָר וואָס האָסטו אויפגעקליבן מיט דיין פוילער בעטלעריי.

באַליידיק מיר ניט מיט דיינע געמיינע געשעפטן, — האָט דער פרינץ געזאָגט,—איך זאָג דיר נאָכאַמאָל: איך בין דעם קיניגס זון.

אַ זעץ מיט זיין געזונטער לאַפע איבערן אַקסל האָט אָפגעוואָרפן דעם פרינץ אין די אָרעמס פון דער פרוי קענטי, וואָס האָט אים צוגעדריקט צו איר ברוסט. אונטערשטעלנדיק איר איי־גענעם קערפער אונטער דעם האָגל קולאַקעס און סטוסאַקעס, וואָס האָבן געזאָלט פאַלן אויף איר „קינד.”

די דערשראָקענע מיידלאַך האָבן זיך אָפגערוקט אין זייערע ווינקלען, אָבער די באָבע איז אייפעריג צוגעגאַנגען פאָראויס און גענומען העלפן איר זון.

דער פרינץ איז אָפגעשפרונגען פון מיסיס קענטי און אויס־געשריען:

— דו זאָלסט ניט ליידן דורך מיר, מאַדאַם. זאָלן דידאָזיקע שוויינען טאָן זייער ווילן איבער מיר אַליין.

דידאָזיקע ווערטער האָבן אַזוי אויפגעקאָכט די „חזרים”, אַז

זיי האָבן זיך גענומען צו דער אַרבעט ניט פאַרלירנדיק קיין צייט. פריער האָבן זיי גוט צעהרגעט דעם יינגל, דערנאָך האָבן זיי זיך גענומען פאַר די צוויי מיידלאַך און זייער מוטער דערפאַר, וואָס יענע האָבן אַרויסגעוויזן מיטגעפיל צו דעם קרבן.

— נו און איצט — שלאָפן! אַלע ביז איינעם! די פאַרווייַלונג האָט מיר מיד געמאַכט.

די ליכט איז אויסגעלאָשן געוואָרן און די גאַנצע פאַמיליע האָט זיך צעלייגט. ווי נאָר דאָס שנאָרכען פון ק ע נ ט י און זיין מוטער האָבן אָנגעזאָגט, אַז זיי זיינען איינגעשלאָפן, זיינען די יונגע מיידלאַך צוגעפויזעט צו דעם פרינצס געלעגער און איינגעדעקט אים מיט שטרוי און שמאַטעס אים זאָל ניט קאַלט זיין. זייער מוטער האָט זיך אויך צוגערוקט צו אים, געגלעט אים די האָר, געוויינט איבער אים און געשעפטשעט אין זיין אויער געבראָכענע טרייסט-ווערטער און צערטלאַכקייט. זי האָט פאַר אים אָפגעשפאָרט עפעס צו עסן אויך, אָבער זיינע ווייטאָקן האָבן ביי אים אָפגענומען דעם אַפעטיט — ווייניקסטנס, האָט ער קיין חשק ניט געהאַט צו פאַרדאַרטע שטיקלאַך שוואַרץ ברויט. ער איז גערירט געוועזן פון איר מוטיקע באַשיצונג, פאַר וועלכער זי האָט אַזוי טייער באַצאָלט און פון איר מיטגעפיל. אין איידעלע און עכט-פרינצלאַכע ווערטער האָט ער איר געדאַנקט פאַר איר גוטהאַרץ, געבעטן גיין שלאָפן און באַמיען זיך צו פאַרגעסן אירע צרות. ער האָט צוגעגעבן, אַז זיין פאָטער, דער קיניג, וועט ניט לאָזן איר פריינדלאַכקייט און איבערגעבנקייט אומבאַלוינט.

די צוריק-געקומענע „משוגעת" האָט אויף דאָס ניי צעבראָכן איר האַרץ. זי האָט אים ווידער און ווידער געדריקט צו איר האַרצן און איז אַוועק אויף איר געלעגער, באַגיסנדיק זיך מיט ביטערע טרערן.

ליגנדיק פאַרטיפט אין טרויעריקע געדאַנקען און באַטראַכטנדיק אַלץ, וואָס דאָ איז געשען, — האָט זיך צו איר פאַרגנבעט אַ געדאַנק, אַז אין דעם יינגל איז פאַראַן עטוואָס אַזוינס, וואָס עס איז ניט געוועזן אין ט אָ מ ע ן, אַ קלאָרן אָדער אַ משוגענעם. זי וואָלט עס ניט געקענט אויסדריקן, זי וואָלט ניט געקענט זאָגן אַקוראַט

וואָס אַזוינס איז עס, אָבער איר איידעלער מוטער־אינסטינקט האָט עס געפילט און פאַרשטאַנען.

וואָס, אויב דערדאָזיקער יינגל איז טאַקע ניט איר זון? „אָ, נאַרישקייטן!" ניט קוקנדיק אויף איר צער און זאָרג, האָט זי כמעט אַ שמייכל געטאָן ביי דעם געדאַנק.

אָבער ניט אַכטנדיק אויף די „נאַרישקייט" פון דעם געדאַנק האָט ער איר פאַרפאָלגט, באַאומרואיקט, געפייניקט און ניט געלאָזן באַפרייען זיך פון אים, צום סוף האָט זי פאַרשטאַנען אַז כל־זמן זי וועט ניט געפינען עפּעס אַ מיטל וואָס זאָל איינמאָל פאַר אַלעמאָל און אָן שום ספק קלאָר מאַכן צי דער יינגל איז איר זון אָדער ניט,—וועט זי פון דעם פיינפולן געדאַנק קיין רו ניט האָבן. יאָ, דאָס איז דער איינציקער אויסוועג פון דער פאַרלעגנהייט. זי האָט זיך דעריבער גלייך גענומען אויסצוטראַכטן דעם פרוב־מיטל. אָבער ס'איז גרינגער געווען צו באַשליסן זיך, איידער אויסצופירן עס. זי האָט צוגעטראַכט איין פרוב נאָכן צווייטן. אָבער זי האָט זיי געמוזט איינס נאָכן אַנדערן אָפּוואַרפן, ווייל קיין איינער איז ניט געווען גוט גענוג און זיכער גענוג. און אַ ניט אומבאַדינגט זיכערע פראָבע וועט איר ניט צופרידנשטעלן. אומזיסט, אַ פנים, ברעכט זי דעם מוח: זי וועט גאָרנישט אויסקלערן. ווען דערדאָזיקער טרויעריקער געדאַנק האָט דורכגעשוועבט איר מוח, האָט איר אויער געכאַפּט דעם יינגלס רעגלמעסיקן אָטעמען, און זי האָט פאַרשטאַנען, אַז ער איז איינגעשלאָפן. און ווי זי איז אַזוי געלעגן און צוגעהערט זיך, איז דאָס רעגלמעסיקע אָטעמען איבערגעבראָכן געוואָרן דורך אַ לייכטן, דערשראָקענעם געשריי, ווי איינער שרייט אויס אין אַ שלעכטן חלום. דידאָזיקע צופעליקע געשעעניש, האָט איר פלוצלונג געגעבן אַ פלאַן וואָס איז ווערט געווען מער וויפל אַלע אירע פריערדיקע פלענער צוזאַמענגענומען. זי האָט זיך גלייך גענומען שטיל אָבער איילנדיק אָנצוצינדן אַ ליכט, מורמלענדיק צו זיך אַליין: „ווען איך זאָל אים נאָר זען בעת־מעשה, וואָלט איך גלייך געוואוסט צו ער איז מיין זון אָדער ניט. זינט יענעם טאָג, ווען פאַר זיין פנים האָט אויפגעריסן פולווער, — האָט קיין איין מאָל ניט

פּאַסירט ער זאָל ניט פאַרשטעלן מיטן האַנט די אויגן יעדעס מאָל, ווען מען שלאָגט אים פּלוצלונג איבער זיינע געדאַנקען אָדער ער דערשרעקט זיך אין שלאָף, פּונקט מיט דער זעלביקער באַוועגונג ווי דעמאָלט, ניט ווי אַלע מענטשן מיט דער האַנטפלאַכע אינוויי־ניק, נאָר שטענדיק פאַרקערט: מיט דער האַנטפלאַכע אויסוויי־ניק — איך האָב עס געזען הונדערט מאָל און עס איז קיינמאָל אַנ־דערש ניט געווען און קיינמאָל ניט פאַרפעלט. יאָ, איך וועל זיך באַלד איבערצייגן".

זי האָט פּאַוואָלינקע אונטערגעפּויזעט צום יינגל, פאַר־שטעלנדיק די ברענענדיקע ליכט מיטן האַנט. זי האָט זיך פאַר־זיכטיק אָנגעבויגן איבער אים. קוים אָטעמענדיק פון איינגעהאַל־טענער אויפרעגונג. נאָכהער האָט זי מיטאַמאָל אַוועקגענומען די האַנט אַזוי, אַז דאָס ליכט האָט אים אַ בליק געטאָן גלייך אין פּנים אַריין, און האָט אַ קלאַפּ געטאָן מיטן האַנט אָן פאַדלאָגע האַרט לעבן זיין אויער. דער פּרינץ האָט ברייט אויפגעעפנט די אויגן, געוואָרפן אַ צעשראָקענעם בליק אַרום זיך, אָבער קיין שום באַ־זונדערע באַוועגונג מיטן האַנט ניט געמאַכט.

די אומגליקלאַכע פרוי איז ווי פון אַ דונער געטראָפן גע־וואָרן פון צער און איבעראַשונג. אָבער זי האָט זיך באַמיט צו פאַרבאָרגן אירע געפילן און איינצושלעפערן דאָס יינגל אויפסניי. דאַן איז זי צוריק געגאַנגען אויף איר אָרט און גענומען באַ־טראַכטן דעם טרויעריקן רעזולטאַט פון איר פּראָבע. זי האָט זיך געמאַטערט איינריידן, אַז טאָמ ס משוגעת האָט אויך אָפּגעמעקט זיין געוויינלאַכע האַנטבאַוועגונג, אָבער זי האָט עס ניט געקענט: „ניין — האָט זי זיך געזאָגט, — זיינע הענט זיינען ניט משוגע און זיי וואָלטן ניט געקענט פאַרגעסן אַזאַ אַלטע געוואוינהייט אין אַזאַ קורצע צייט. אָ, וואָס פאַר אַ שווערער טאָג היינט איז פאַר מיר!"

דאָך האָט די האָפנונג איצט ניט געוואָלט אָבטרעטן, ווי פריער דער ספק. זי האָט בשום אופן ניט געקענט צווינגען זיך צו גלויבן אין דעם רעזולטאַט פון איר פּראָבע, און זי האָט נאָך אַמאָל און ווידער אַמאָל פּלוצלונג געוועקט און געשראָקן דאָס

ייִנגל, אָבער דער רעזולטאַט איז יעדעס מאָל געווען דער זעל־ביקער. דאַן האָט זי זיך אַוועקגעשלעפּט צו איר געלעגער און איז אַ פּאַל געטאָן שלאָפן, זאָגנדיק צו זיך אַליין: „אָבער איך קען זיך פון אים ניט אָפּזאָגן! אָ, ניין, איך קען ניט, איך קען ניט, ער מוז זיין מיין קינד!

ווען די אומגליקלאַכע מוטער האָט אויפגעהערט צו שטערן דעם פּרינצס שלאָף און זיינע ווייטאָקן זיינען ביסלאַכווייז קלענער געוואָרן,—איז ער פון גרויס מידקייט צום סוף איינגעשלאָפן מיט אַ פעסטן, דערקוויקנדיקן שלאָף. שעה נאָך שעה איז פאַרבייגע־גאַנגען און ער האָט אַלץ געשלאָפן ווי אַ טויטער. אַזוי האָט ער אָפּגעשלאָפן אַ שעה פיר אָדער פינף. נאָכהער האָט זיין פאַרגלי־ווערונג געזומען פאַרבייגיין. און ער האָט האַלבשלעפעריק האַלב־וואַך, געמורמלט:

— סער ווילי אַם!...

און אין אַ מינוט אַרום ווייטער:

— ע, סער ווילי אַם הערבערט! דערנענטער זיך נאָר אַהער און האָרך וואָס פאַר אַ מאָדנער חלום... סער ווילי אַם! טוסטו האָרכן?... מענטש איינער, מיר האָט זיך אויסגעדוכט, אַז איך בין פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ בעטלער... ע, ווער איז דאָרטן? וועכטער! סער ווילי אַם! וואָס? אַפילו קיין דעזשורנער לאַקיי איז ניטאָ? אָ, דאָס וועט זיי גלאַט ניט...

— וואָס פעלט דיר—האָט אים עמיצער שטיל געפרעגט,— וועמען רופסטו?

— ווילי אַם הערבערט רוף איך. און ווער ביסטו?

— ווער זאָל איך זיין, אויב ניט דיין שוועסטער נאַן? אָ, טאָם, איך האָב גאָר געווען פאַרגעסן. דו ביסט דאָך, נעבאַך, משוגע, אָרימער ייִנגל, ביסט נאָך אַלץ משוגע! הלוואַי וואָלט איך בעסער ניט אויפגעשטאַנען צו זען עס! אָבער, איך בעט דיך, באַהערש דיין צונג, אַז ניט וועט ער אונז אַלעמען דערהרגענען צום טויט.

דער דערשראָקענער פּרינץ האָט אַ שפּרונג געטאָן, אָבער דער שאַרפער ווייטאָק אין זיינע צעשלאָגענע גלידער האָבן אים

גלייך דערמאָנט אָן דער ווירקלאַכקייט און ער איז צוריק אַ פּאַל געטאָן מיט אַ קרעכץ אויף דעם פּוילן בינטל שטרוי, אויסרופנדיק:

— אָ, נאָך אַלעמען איז עס טאַקע ניט געווען קיין חלום!

אין איין מינוט האָט ער ווידער דערפילט זיין גאַנצן צער און פּיין, וואָס אין שלאָף האָט ער פאַרגעסן. איז ער הייסט עס, שוין ניט מער קיין געפּיעסטשעטער פּרינץ, וואָס לעבט אין אַ קייזערלאַכן פּאַלאַץ, ניט קיין פּרינץ, אויף וועמען די אויגן פון אַ גאַנצן פאָלק קוקן מיט ליבע און פאַרגעטערונג, נאָר אַ היימלאָזער, אַ בעטלער, אָנגעטאָן אין טראַנטעס, אַ געפאַנגענער אין אַ פאַרברעכער־נעסט, וואָס פּאַסט זיך בלויז פאַר חיות, אַ חבר פון בעטלער און גנבים.

אינמיטן פון זיינע טרויעריקע געדאַנקען האָט זיין אויער דערגרייכט עפּעס אַ טומל און פריילאַכע אויסגעשרייען ניט ווייט פון שטוב. גלייך נאָך דעם האָבן זיך דערהערט עטלאַכע שאַרפע קלעפּ אין טיר. דזשאָן קענטי האָט אויפגעהערט צו שנאָרכען און געפרעגט:

— ווער קלאַפּט? וואָס דאַרפסטו דאָרטן?

— ווייסטו ווער איז געווען דער, וועמען דו האָסט אָוועקגעלייגט מיט דיין דובינע?—האָט געפרעגט אַ קול פון הינטערן טיר.

— ניין, ניט איך ווייס, ניט איך ווי ל וויסן.

— מיר דוכט, אַז דו וועסט באַלד בייטן דיין טאָן. אויב דו ווילסט פאַרהיטן דיין האַלז פון תליה, זאָלסטו גלייך אַנטרינען, ווייל דיין קרבן גיט איצט אָפּ זיין נשמה צו גאָט. דאָס איז דער גלח אַנדריו.

— גאָט דערבאַרים זיך! — האָט קענטי אויסגעשריען. ער האָט אויפגעהויבן די גאַנצע פאַמיליע און מיט אַ פאַרשטיקטן קול באַפוילן:

— הייבט זיך אויף אויף אייערע פיס, אַלע ביז איינעם! אָדער פאַרבלייבט אויף אייערע ערטער און קומט אום!

ווייניקער ווי אין פינף מינוט איז די גאַנצע פאַמיליע שוין געווען דרויסן און געלאָפן וואו די אויגן האָבן זיי געטראָגן.

דזשאָן קענטי האָט געהאַט דעם פּרינץ פאַרן האַנט און שלעפּנדיק אים איבער אַ פינסטערן געסל געוואָרנט אים.

— זאָלסט האַלטן צונג, דו משוגענער נאַר, און ניט זאָגן אונזער נאָמען, דו הערסט? איך וועל מיר אויסקלייבן אַ נייעם, נאָמען, כדי אַראָפּצופירן די געזעץ-הינט פון שליאַך. האַלט-זשע צונג, דו הערסט!

ווענדנדיק זיך צו די איבעריקע פון דער פאַמיליע האָט ער מיט פאַרקוועטשטע ציין אויסגעברומט:

— אויב אונז וועט אויסקומען פונאַנדערצעטיילן זיך, זאָל יעדערער האַלטן וועג צום לאָנדאָן-בריק און ווער עס וועט קומען ביז דעם לייוואַנד-הענדלערס קראָם, דער זאָל דאָרטן וואַרטן אויף די איבעריקע, און פון דאָרטן וועלן מיר אַלע אַנטלויפן קיין סאַאוטוועדק.

אין דעמדאָזיקן מאָמענט איז די פאַמיליע אַרויס פון דער פינסטערניש אין דער ליכטיקייט, און ניט נאָר אין דער ליכטי-קייט, נאָר זי איז אַרייַנגעפאַלן אין רעכטן מיטן פון אַ טומלדיקן און פריילאַכן המון, וואָס האָט געזונגען, געשפּרונגען און גע-טאַנצט, צווישן אַ געוואַלדיקן געזעמל, וואָס האָט זיך לוסטיק גע-מאַכט אויפן ברעג פון דער טעמזע. דער גאַנצער ברעג, ווי ווייט דאָס אויג האָט געכאַפּט, איז באַדעקט געווען מיט פרייַדנס-פייערן. לאָנדאָן-בריק איז געווען אילומינירט; סאַאוטוועדק-בריק — דאָס גלייכן; די טעמזע גופא האָט איינגאַנצן געפלאַמט מיט פייערן און געפינקלט מיט קאָלירטע לעמפּלאַך. ראַקעטן האָבן זיך אָן אויפהער אויפגעהויבן צום הימל און פלאַצנדיק מיט גע-רויש באַשאָטן דעם ברעג און טייך גופא מיט אַ רעגן פינקלענ-דיקע פונקען, וואָס האָבן פאַרוואַנדלט נאַכט אין טאָג. אומעטום זייַנען געווען לוסטיקע קאָמפּאַניעס; עס האָט אויסגעזען ווי גאַנץ לאָנדאָן וואָלט אַרויסגעשאָטן דרויסן.

דזשאָן קענטי האָט אַרויסגעלאָזט אַ ווילדע קללה און געהייסן דער פאַמיליע גלייך אָפּטראָגן זיך צוריק, אָבער עס איז שוין געווען צו שפּעט. ער מיט זיין גאַנצער געזינטל איז שוין

פאַרשלונגען געוואָרן אין דעם מענטשלאַכן בינשטאָק און אין איין מינוט זיינען זיי אָפּגעטיילט געוואָרן איינער פון צווייטן, אַחוץ דעם פרינך, וועמען קענטי האָט ניט אַרויסגעלאָזן פון זיין איי־זערנער האַנט.

דעם פּרינצס האַרץ האָט געקלאַפּט מיט האָפענונג, אַז איצט וועט אים געלינגען צו אַנטלויפן. דורכשפּאַרנדיק זיך דורכן געזעמל, האָט דזשאָן קענטי אַ שטויס געטאָן אַ געזונטן און גוט פאַרכוסטן שיפערמאַן. יענער האָט אַרויפגעלייגט זיין שווערע האַנט אויף קענטיס אַקסל און געזאָגט:

— ע, וואוהין טראָגט דיך, מיין פריינט? פאַרדרייסט זיך אַ מוח מיט בלאָטע עסקים, ווען אַלע געטרייע אונטערטאַנער פון קיניג מאַכן זיך פריילאַך און לוסטיק, האַ?

— דאָס איז מיין עסק, און ניט דיין באָבעס דאגה! — האָט קענטי אָנגעשטויסן געזאָגט. — נעם אַראָפּ דיין לאַפּע און לאָז מיר גיין מיין וועג.

אַז דו ביסט אַזאַ וואוילער יונג, וועסטו ברודערלעב, ניט דורכגיין, ביז דו וועסט ניט טרינקען פאַרן געזונט פון אונזער טראָנפאָלגער, דעם פּרינץ, איך זאָג עס דיר! — האָט דער שיפער־מאַן געזאָגט. און פאַרשטעלט קענטין דעם וועג.

— גיב־זשע דעם בעכער, אָבער גיכער, גיכער!

דער עולם אַרום האָט זיך פאַראינטערעסירט און אויסגעשריען:

— דעם ליבעס־בעכער! דעם ליבעס־בעכער! זאָל דער פאַסקודנער יונג טרינקען ברודערשאַפט מיט אונז, אַז ניט וועלן מיר אים שיקן צו די פיש אַלס פאַרבייסן!

מען האָט געבראַכט אַ גרויסן ליבעס־בעכער, דער שיפער־מאַן האָט מיט איין האַנט געהאַלטן דעם בעכער פאַרן הענטל און מיט דער צווייטער האַנט צוגעהאַלטן דעם ברעג פון אַ כלומרשט. דיקער סערוועטל, ווי עס האָט זיך געפאָדערט לויט די אַלטע מנהגים. קענטי האָט געדאַרפט מיט איין האַנט אָננעמען פאַר

דער צווייטער הענטל און מיט דער צווייטער—עפּענען דאָס דעקל פון בעכער *).

דער פּרינץ האָט זיך באַנוצט דערמיט, וואָס זיין האַנט איז אויף איין מינוט פריי געוואָרן און איז פאַרשוואונדן צווישן געדיכטן עולם אַרום אים. אין אַ מינוט אַרום איז אים געווען אַזוי שווער צו געפינען אין דעמדאָזיקן לעבעדיקן ים, ווי שווער עס איז צו געפינען אַ מטבעה אין אַטלאַנטישן אָקעאַן.

דער פּרינץ האָט עס גלייך פאַרשטאַנען און גענומען באַקלערן וואָס צו טאָן. וועגן דזשאָן קענטי האָט ער שוין מערניט געטראַכט. ער האָט באַלד באַגריפן נאָך אַ זאַך: אַז אָנשטאָט אים, מאַכט די שטאָט אַ יום־טוב פאַר אַ פאַלשן פּרינץ. ער האָט גיך פאַרשטאַנען, אַז דער בעטלער טאָם קענטי האָט אויסגענוצט דעם גליקלאַכן צופאַל און שפּילט די ראָלע פון דעם אמתן פּרינץ. אַלזאָ, בלייבט אים נאָר איבער איין זאַך צו טאָן: דערקלייבן זיך צום ראַטהויז, לאָזן זיך דערקענען און אַראָפּרייסן די מאַסקע פון דעם באַטריגער. ער האָט ביי זיך אויך אָפּגעמאַכט, ער זאָל געבן טאָמען גענוג צייט אויף תשובה טאָן און דערנאָך ערשט הענגען אים, טרינקען און פערטלען, ווי עס האָט געפאָדערט דער געזעץ און מנהג פון יענער צייט פאַר מלוכה־פאַרראַט.

---

*) טרינקען דעם ליבעס־בעכער אָדער ברודערשאַפט איז זייער אַן אלטער מנהג אין ענגלאנד. דער מנהג האָט געפאָדערט, אז ביי בײדע טרינקער זאָלן בײדע הענט זיין פארנומען, כדי אין דער צייט וואָס זיי האלטן דעם ליבעס־בעכער מיט איין האנט, זאָלן זיי מיט דער צווייטער האנט ניט ארייגרוקן איינער דעם צווייטן א שפּיז אין בויך.

עלפטער קאַפּיטל.

אין ראַטהויז.

די קיניגלאַכע יאַכט-שיף, באַגלייט פון אַ גאַנצע פלאָטיליע פראַכטיקע באַרקען און יאַכטען, האָט מיט גרויס פּאַראַד דורכגעשניטן זיך אַ וועג דורך די טויזנטער איליומינירטע שיפלאַך, וואָס האָבן באַדעקט די טעמזע. די לופט איז פול געווען מיט מוזיק, די ברעגן פון טײַך זיינען באַדעקט געווען מיט לוסט-פייערן. די ווייטע שטאָט איז איינגעהילט געווען אין אַ גליענדיקע ליכטיקייט וואָס האָט זיך געגאָסן פון די צאָללאָזע יום-טוב פייערן; איבער זיי האָבן זיך אויפגעהויבן צום הימל פינקלענדיקע גאָלדענע טורמשפיצן, וואָס האָבן אויסגעזען פון ווייטן ווי אין דער הויך געוואָרפענע שפּיזן, באַפּוצט מיט עדעל-שטיינער. די גאַנצע צייט וואָס דער קיניגלאַכער שיף-צוג האָט זיך באַוועגט, איז ער באַגריסט געוואָרן פון די ברעגן מיט פרייד, געשרייען ביז צו הייזעריקייט און מיט אַ שיסעריי פון האַרמאַטן אָן אַן אויפהער.

פאַר טאָם קענטי, וואָס איז געלעגן האַלב-פאַרזונקען אין זיינע זיידענע קישנס, זיינען דיזאָיקע קלאַנגען און דער גאַנצער אומבאַשרייבלאַכער בילד געווען עטוואָס אויסערגעוויינלאַך ערהויבענעס און וואונדערבאַרעס. אָבער פאַר זיינע צוויי קליינע פריינד — פאַר דער פּרינצעסין עליזאַבעט און פאַר דער לעדי דזשעני, וואָס זיינען געזעסן פון זיינע ביידע זייטן, איז עס געווען איינע פון די געוויינלאַכסטע זאַכן.

צושווימענדיק ביז דאָאוגייט, האָט זיך דער שיפן-צוג געלאָזן איבער די דורכזיכטיקע וואַסערן פון וואָלברוק קאַנאַל וואָס איז שוין איצט העכער צוויי הונדערט יאָר פאַרשאָטן און

אויף וועלכן עס שטייען גאַנצע מיילן געביידעס.) אַראָג צו בעקלעס-בערי, פאַרביי הייזער און אונטער העל-אילומינירטע בריקן, וואָס זיינען באַלאַגערט געווען מיט לוסטיקן עולם, ביז זיי האָבן זיך צום סוף אָפּגעשטעלט אין אַ באַסיין, וואו עס געפינט זיך איצט באַרקן-יאַרד, אין רעכטן מיטלפונקט פון דער שטאָט לאָנדאָן.

טאָם איז אַרויס פון זיין יאַכט און איז אין דער באַגלייטונג פון זיין גלענצענדער סוויטע דורכגעגאַנגען מיט דער גאַנצער פּראָצעסיע איבער טשיפּסייד גאַס איבער אַלט-ריכטער גאַס און בייסינגהאָל גאַס צום ראַטהויז.

דער לאָרד-מער און די ראַטמענער אין זייערע פּורפּור-מאַנטלען און גאָלדענע קייטן האָבן מקבל פּנים געווען טאָמען און זיינע דאַמען מיט געהעריקן כבוד און אונטערגעפירט זיי אונטער אַ פּראַכטפולער חופּה אויבן אָן פון גרויסן שטאָט-זאַל. פאָרויס זיינען געגאַנגען העראָלדן מיט דעם שטאָט-רוט און שטאָט-שווערד אין די הענט און אויסגערופן וועגן דעם פּרינצס אָנקומען.

די לאָרדן און דאַמען פון טאָמס און דער פּרינצעסינס סוויטע, האָבן פאַרנומען זייערע ערטער הינטער זיי.

ביי אַ צווייטן טיש, אַ ביסל נידעריקער זיינען געזעסן די הויף-לייט, און אַנדערע פאָרנעמע געסט פון גרויס יחוס צוזאַמען מיט די שטאָט-מאַגנאַטן. די מיטגלידער פון פּאַרלאַמענט האָבן זיך צוזעצט ביי באַזונדערע קליינע טישלאַך איבערן גאַנצן זאַל. די אַלטע סטאַטועס פון גוג ומגוג—די סימבאָלישע שומרים פון דער שטאָט — האָבן גלייכגילטיק געקוקט פון זייערע הויכע פּיעדעסטאַלן אויף דעם בילד, וואָס זיי זיינען פאַר דורות און דורות געוואוינט געווען צו זען.

עס האָט זיך דערהערט אַ טרומייטער-קלאַנג און ס'איז געמאָלדן געוואָרן, אַז דער מאָלצייט האָט זיך אָנגעהויבן. ביי דער לינקער וואַנט האָט זיך באַוויזן אַ דיקער קעלער-מייסטער, הינטער וועלכן עטלאַכע דינער האָבן מיט געהעריקער פייערלאַכקייט געטראָגן אַן עכט קיניגלאַכן בראָטנס, וואָס האָט זיך ממש געבעטן אונטערן מעסער.

נאָך דער תפילה איז טאָם אויפגעשטאַנען (מען האָט אים שוין אויסגעלערנט)—און מיט אים דער גאַנצער זאַל — און האָט געטרונקען פון אַ גרויסן גאָלדענעם ליבעס-בעכער מיט דער פּרינצעסין עליזאַבעט. פון איר איז דער בעכער איבערגעגאַנגען צו דער ליידי דזשעני און נאַכהער איז ער אַרומגעגאַנגען די גאַנצע פאַרזאַמלונג.

אַזוי האָט זיך אָנגעהויבן דער באַנקעט.

אַרום האַלבער נאַכט איז דער מאָלצייט געווען אין רעכטן ברען, איצט האָט זיך אָנגעהויבן איינע פון יענע וואונדערשיינע פאָרשטעלונגען, וואָס זיינען אַזוי באַליבט געווען אין יענע אַלטע צייטן. אין די אַלטע כראָניקעס באַשרייבט איינער, וואָס איז דערביי געווען די פאָרשטעלונגען אין אַזעלכע ווערטער:

„מען האָט געמאַכט אָרט און אָט האָבן זיך באַוויזן אַ באַראָן און אַ גראַף פאַרשטעלט פאַר טערקן: אין לאַנגע זיידענע מיט גאָלד באַשפּרינקלטע באַלאַכאָנען, אין רויטע סאַמעטענע טשאַלמעס, אַרומגערינגלט מיט דיקע גאָלדשנורן; אויף די דיקע גאָלדענע גאַרטלען זיינען ביי זיי געהאַנגען צו צוויי טערקישע קרומע שווערדן. נאָך זיי זיינען אַרויסגעגאַנגען אַ צווייטער באַראָן מיט אַ צווייטן גראַף, אָנגעטאָן אויפן רוסישן שטייגער: אין לאַנגע געלבע אַטלעסענע כאַלאַטן מיט ווייסע פאַסן אין דער ברייט. נאָך יעדער ווייסן פאַס איז אָנגענייט געווען אַ פאַס פון רויטן סאַמעט. אויף די קעפּ האָבן זיי געטראָגן גרויע פעלצענע היטלען, אין די הענט האָט יעדערער געהאַלטן אַ האַק און אויף די פיס האָבן זיי געטראָגן שטיוול מיט שאַרפע אין דער הויך-פאַרבייגטע נעזער, יעדערער אַ פוס די לענג. נאָך זיי זיינען אַרויסגעגאַנגען אַ ריטער, נאָך אים דער לאָרד-אַדמיראַל מיט פינף נאָבלמענער, אָנגעטאָן אויף דעם פּרייסישן שטייגער אין קאַמיזאָלן פון רויטן סאַמעט מיט טיפע אויסשניטן פון פאָרנט און פון הינטן און פאַרשנורעוועט אויפן ברוסט מיט זילבערנע קייטלאַך; אויבן האָבן זיי געטראָגן קורצע מאַנטלען פון רויטן אַטלעס. אויף די קעפּ—גרויסע היט, באַפּוצט מיט פאַזאַנען-פעדערן, ווי עס האָבן געטראָגן די טענצער, פון יענער צייט. די פאַקל-טרעגער, אַן ערך אַ מאַן

הונדערט, זיינען געווען פאַרשטעלט פאַר נעגערס; די פּנימער אָפּ=
געשוואַרצט, און אָנגעטאָן אין רויט-און=גרין סאַמעטענע קליידער.
דערנאָך זיינען געקומען שוי=שפּילערס, קאָמעדיאַנטן, זינגער,
טענצער, לאָרדן און דאַמען, וואָס האָבן אַלע געטאַנצט אַ ווילדן
טאַנץ, אַז ס׳איז געווען נאָר אָנצוקוקן״.

אין דער צייט וואָס טאָם האָט פון זיין הויכן געזעס אָנ=
געקוקט דעם „ווילדן״ טאַנץ, און איז אַנטציקט געווען פון דער
קאַליידעסקאָפּישער פאַרבן-ווערקסלונג, וואָס האָט זיך ווי אַ שטורם=
ווינט געדרייט פאַר זיינע אויגן, — אין דערזעלביקער צייט האָט
דער אמתער פּרינץ געקליידט אין שמאַטעס, געפּאָדערט זיינע
רעכט. געטאַדלט דעם פאַלשן פּרינץ און געריסן זיך אריינצוגיין
אין שטאָט-זאַל! דער המון האָט זיך גוואַלדיק געוויילט מיט דעמ=
דאָזיקן אומגעריכטן צופאַל און האָט זיך געשטופּט און געשטויסן
פאָראויס אָנצוקוקן מיט אויסגעצויגענע העלזער דעם קליינעם
סקאַנדאַליסטל.

באַלד האָט דער המון אָנגעהויבן צו רייצן און אָפּצולאַכן
פון אים, כדי אַריינצוברייגען אים אין מער היץ. טרערן פון
צאָרן און באַליידיקונג האָבן אָנגעפילט זיינע אויגן, אָבער ער
האָט אויסגעהאַלטן דעם שפּאָט פון המון מיט אַן עכט קייזערלאַ=
כער ווערדע. דער המון האָט זיך אָבער ניט באַרואיקט און דער
פּרינץ איז לסוף אַרויס פון געדולד און אויסגעשריען:

— איך זאָג אייך נאָך אַמאָל, איר באַנדע שמוציקע הינט-
איך בין דער פּרינץ פון וועלש! און ווי עלנט און ווי פאַרלאָזן
איך זאָל ניט זיין, אָן איין מענטשן, וואָס זאָל מיר העלפן אָדער
אַ גוט וואָרט זאָגן, וועל איך זיך דאָך ניט אונטערגעבן און וועל
פעסט האַלטן און פאַרטיידיקן מיינע רעכט!

— דו ביסט פּרינץ אָדער ניט פּרינץ—דאָס איז אַלץ אייגס.
ווי די זאַך איז—דו ביסט אַ בראַווער, מוטיקער יינגל, און ניט
אָן פריינד אויך. איך שטיי ביי דיין זייט צו איבערציייגן עס. און
ווייסט וואָס כ׳וועל דיר זאָגן: דו׳סט זיך געקענט אָנשטויסן אויף
אַן ערגערן פריינד ווי מ י י ל ס ה ע נ ד אָ ן, בפרט ווען דו האָסט
ניט מטריח געווען דיינע פיס צו זוכן אים אויך. רייס זיך ניט

דיין קליין העלזל, מיין קינד. איך וועל שוין פאַר דיר ריידן מיט דידאַזיקע געמיינע לעכער־מייז אויף זייער אייגענעם לשון.

דער פּאַרשוין, וואָס האָט זיך אָנגענומען דעם פּרינצס קריוודע איז אין זיין אויסזען און זיין האַלטונג און קליידונג געווען אַ מין שפּאַנישער דאָן צעזאַר דע באַזאַן. ער איז געווען הויך־געוויקסיק, פעסט געבויט און מיט געזונטע מוסקלען. זיין קאַמיזאָל און הויזן זיינען געווען פון טייערן שטאָף, אָבער אָפּגעבלאַקירט, אויסגעריבן און די גאָלד־שנורן מיט וועלכע זיי זיינען אַרומגענייט געווען, — שטאַרק פאַרטונקלט. זיין האַלזבאַנד איז געווען מיאוס צעריבן און שמוציק, די פעדערן אויפן ברייטן הוט — צעבראָכן און פאַרשמוצט. אויף זיין גורט איז געהאַנגען אַ ראַפּיר אין אַ פאַרראָסטער אייזערנער שייד. נאָך זיין האַלטונג נאָך האָט מען געקענט זען, אַז דאָס איז ניט פון די שרעקנדיקע מענטשלאַך.

די רעדע פון דעמדאָזיקן מאָדנעם פאַרשוין איז אויפגענו־מען געוואָרן מיט חוזק און געלעכטער. פון אַלע זייטן האָבן זיך דערהערט קולות: „דאָס איז נאָך אַ פאַרשטעלטער פּרינץ!..‟ „האַלט דיין צונג, פריינד, וואָרים ער איז געפערלאַך!...‟ זעסט, ניט, וואָס? קוק נאָר אָן זיין אויג!...‟ גיב נאָר דאָרט אַ פליק פון אים דעם יאַטל—אין טייך אַריין דאָס הינטל!‟

און טאַקע גלייך נאָך דעם איז אויפן פּרינצס אַקסל אַרויפ־געלייגט געוואָרן אַ האַנט, גרייט אויסצופירן די גוטע עצה. אָבער אין דערזעלביקער מינוט האָט דער אומבאַקאַנטער אַרויסגעצויגן זיין שווערד און דערלאַנגט דעם פאַרשוין אַזאַ זעץ מיט דער פלאַכער זייט איבערן קאָפּ, אַז ער איז, ווי אַ סנאָפּ, אַ פאַל געטאָן צו דער ערד.

— הרגעט דעם הונט! הרגעט אים! טויט אים!—האָט גע־שריען דער המון, ארומרינגלענדיק אים פון אַלע זייטן. דער אומ־באַקאַנטער איז הינטערוויילעכטס אָפּגעטראָטן צו אַ וואַנט און, ווי אַ ווילדער געגומען פּאַכן מיט זיין לאַנגן שווערד רעכטס און לינקס. זיינע קרבנות זיינען געפאַלן פון אַלע זייטן, אָבער דער צורייצטער

המון האָט געטראַמפּלט איבער זייערע קערפּערס און נאָך מיט מער רציחה געריסן זיך צום קעמפּפער. עס האָט אויסגעזען, אַז זיינע מינוטן זיינען געציילט און זיין פאַרניכטונג—אומפאַרמיידלאַך, ווען עס האָט זיך מיטאַמאָל דערהערט אַ טראָמפּייטן-סיגנאַל און אַ העראָלד האָט אויסגערופן: „מאַכט אַ וועג פאַר דעם קיניגס שליח!— און אַ מחנה רייטער האָט זיך אַריינגעשניטן צווישן המון, וואָס איז צעלאָפן אין אַלע זייטן אַזוי גיך ווי זייערע פיס האָבן זיי נאָר געקענט טראָגן. דער מוטיקער אומבאַקאַנטער האָט אַ כאַפּ געטאָן דעם פּרינץ אין זיינע אָרעמס, און אין אַ מינוט אַרום איז ער שוין געווען ווייט פון המון און פון געפאַר.

איצט לאָמיר זיך אומקערן צום ראַטהויז.

פּלוצלונג, אין רעכטן מיטן יום-טוב, האָט זיך איבער אַלע פרייד-געשרייען און מאַלצייט-טומל דערהערט אַ קלאָרער האָרן-רוף. אין זאַל איז גלייך שטיל געוואָרן; עס האָט זיך בלויז דערהערט איין איינציק קול,—דער קול פון דעם הויף-קוריער, וואָס האָט עפּעס פאַרגעלייענט. די גאַנצע פאַרזאַמלונג האָט אים אויס-געהערט שטייענדיק.

די לעצטע ווערטער זיינע זיינען געווען:

— דער קיניג איז טויט!

אין דער גרויסער פאַרזאַמלונג האָבן, אַלע ווי איינער אָנ-געבויגן זייערע קעפּ און זיינען אַזוי פאַרבליבן עטלאַכע מינוט, נאַכהער האָבן זיי זיך אַראָפּגעלאָזן אויף די קני, אויסגעשטרעקט זייערע הענט צו טאָמען און אַ מעכטיקער אויסגעשריי, פון וועלכן דער גאַנצער בנין האָט ווי אַ ציטער געטאָן, האָט פאַרהילכט דעם זאַל:

— לאַנג לעבן זאָל דער קיניג!

טאָם האָט מיט אויפגעריסענע אויגן געקוקט אויף דעם פאַרבלענדנדיקן בילד פאַר זיך, נאַכהער האָט זיין פאַרחלומטער בליק אָפּגעשטעלט זיך אויף די פּרינצעסינס, וואָס האָבן געקניט לעבן זיין זייט און צום סוף—אויף זיין „פעטער" דעם מאַרקיז פון הערטפאָרד.

זיין פּנים האָט פּלוצלונג אָנגענומען אַן אויסדרוק פון

פעסטן באַשלוס און, אַנבויגנדיק זיך צום לאָרד העַרטפאָרדס אויער, האָט ער אים שטיל געזאָגט:

— זאָג מיר דעם אמת, אויף דיין ערע און געוויסן! ווען איך זאָל דאָ אָפּגעבן אַ באַפעל, וואָס נאָר אַ קיניג האָט דאָס רעכט און פּריווילעגיע אָפּצוגעבן, וועט ער ערפילט ווערן, און קיינער וועט זיך ניט אַנטקעגן שטעלן צו זאָגן: ניין?

— קיינער אין דער גאַנצער מלוכה, מיין הערשער. אין דיין פּערזאָן באַפעלט די מאַיעסטעט פון ענגלאַנד. דו ביסט קי-ניג—דיין וואָרט איז געזעץ!

דאַן האָט טאָם אין אַ שטאַרקן ערנסטן טאָן געזאָגט:

— אויב אַזוי, זאָל-זשע פון היינט אָן דעם קיניגס געזעץ זיין אַ געזעץ פון גנאָד און באַרמהערציקייט און ניט זיין מער קיין געזעץ פון בלוט! שטיי אויף פון די קני און גיי! לויף גע-שווינד אין געפענגעניס און לאָז וויסן דעם קיניגס ווילן:

— דער לאָרד נאָרפאָלק זאָל ניט שטאַרבן!

דידאָזיקע ווערטער זיינען אונטערגעכאַפּט געוואָרן און אי-בערגעגעבן געוואָרן פון מויל צו מויל, ווייט און ברייט איבערן גאַנצן זאַל, און ווען דער לאָרד הערטפאָרד האָט זיך געלאָזן אויס-פירן דעם קיניגס שליחות, האָט זיך דערהערט אַ צווייטער דונער-געשריי:

— די הערשאַפט פון בלוט איז געענדיקט! לאַנג לעבן זאָל עדוארד, דער קיניג פון ענגלאַנד!

צוועלפטער קאַפּיטל.

דער פּרינץ און זיין ערלייזער.

ווי נאָר מ י י ל ס ה ע נ ד אָ ן און דער קליינער פּרינץ האָבן זיך אַרויסגעריסן פון המון, אַזוי האָבן זיי זיך געלאָזן דורך הינטער-געסלאַך צום טייך צו. זיי האָבן אומגעשטערט דערגרייכט ל אָ נ ד אָ ן-ב ר י ק, וואו זיי האָבן זיך ווידער אַריינגעשניטן צווישן עולם. ה ע נ ד אָ ן האָט די גאַנצע צייט ניט אָפּגעלאָזט דעם פּרינצס — ניין, דעם קיניגס — האַנט. די שרעקלאַכע נייס איז שוין געווען אומעטום באַוואוסט און דער יינגל האָט פון טויזנטער מיילער געהערט: „דער קיניג איז טויט!” „דער קיניג איז טויט!” דעם קליינעם וואַנדערערס האַרץ איז פאַרגליווערט געוואָרן פון דער טרויעריקער נאַכריכט און אַ שוידער איז דורכגעגאַנגען איבער זיין לייב. ער האָט באַגריפן, וואָס פאַר אַ גרויסער פאַרלוסט דאָס איז פאַר אים און זיין נשמה איז פאַרזונקען געוואָרן אין טיפן צער, ווייל דער גרויזאַמער טיראַן, וואָס האָט אויף אַלעמען אַ מורא געוואָרפן, איז צו אים שטענדיק צאַרט געווען. זיינע אויגן זיינען פול געוואָרן מיט טרערן און אַלץ אָפּגעמעקט אַרום אים. איין ווייל האָט ער זיך געפילט דער פאַרלאָזנסטער, עלנטסטער, און פאַרגעסנטסטער פון גאָטס באַשעפענישן. אָבער באַלד האָט אַ צוויי-טער דונער-געשריי דורכגעשניטן די נאַכט: „לאַנג לעבן זאָל דער קיניג ע ד ו אַ ר ד ד ע ר ז ע ק ס ט ע ר!”—און דאָס האָט אָנגעצונדן אַ פייערל אין זיינע אויגן און דורכגענומען זיין גאַנצן קערפּער ביז די שפּיץ פינגער מיט שטאָלץ: „אַך—האָט ער געקלערט—ווי גרויס און מערקווירדיק דאָס זעט אויס—איך בין קיניג!”

אונזערע פריינד האָבן זיך לאַנגזאַם דורכגעשניטן אַ וועג

דורך דעם מענטשן=געדראַנג ביז זיי האָבן זיך דערשלאָגן צום בריק.

דידאָזיקע געביידע וואָס איז שוין געשטאַנען זעקס הונדערט יאָר און איז שטענדיק געווען אַ טומלדיקער און לעבהאַפטער דורכגאַנגס=אָרט, איז געווען אַ זאַך, ווערט אָנצוקוקן: דער בריק*) איז געווען אַ מין שטאָט פאַר זיך. פוןביידע זייטן „בריק" האָבן זיך געצויגן אַלערליי קראָמען און סקלאַדן מיט דירות פון אויבן; דער „בריק" האָט געהאַט זיין אייגענע אַכסניה, זיינע אייגענע ביר=שענקען, זיינע בעקערייען, זיינע באַקאַליי=געוועלבלאַך, זיין שפּייז-מאַרק, זיינע ווערקשטאַטן און אַפילו זיין אייגענע קירך. אויף זיינע צוויי שכנים—לאָנדאָן און סאָאוטווערק—וואָס ער האָט פאַראייניקט צוזאַמען, האָט ער געקוקט ווי אויף צוויי פאָרשטעט, ניט מער. דאָס איז געווען, אַזוי צו זאָגן, אַ מין באַזונדער קאָר= פּאָראַציע—אַן אַרט קליינע שטאָט, וואָס איז באַשטאַנען פון איין גאַס אַן ערך אַ פינפטל מייל די לענג. געוואוינט האָט מען ווי אין אַ דאָרף, און איינער האָט געקענט דעם צווייטן אויסגעבונדן מיט די טאַטעס און מאַמעס פאַר זיי, און אַלץ וואָס עס קאָכט זיך ביי יענעם אין טעפּל אַלס צוגאָב. דער „בריק" האָט פאַרשטייט זיך, געהאַט זיין אייגענע אַריסטאָקראַטיע — יחוסדיקע אַלטע משפּחות פון קצבים, בעקער וואָס האָבן אין אַ משך פון פינף אָדער זעקס הונדערט יאָר, דור נאָך דור, געוואוינט אין די זעלביקע אַלטע דירות און געוואוסט די גאַנצע טשיקאַווע געשיכטע פונם „בריק" פון אָנהויב ביזן סוף. דידאָזיקע יחסנדיקע בריק-איינוואוינער האָבן געהאַט זייער אייגענעם בריק-לשון, געדענקט אויף זייער אייגע= נעם בריק-שטייגער און ליגן געזאָגט אַ סך, מיט טעם און מיט גרונט גאָר אויף אַ באַזונדער אופן, ווי עס קענען נאָר ליגן זאָגן בריק= מענטשן, דערצו זיינען זיי געווען טעמפּ, אומוויסנדיק און געוואַל= דיק צופרידן מיט זיך אַליין. קינדער זיינען דאָרטן געבאָרן גע וואָרן, אויסגעהאָדעוועט זיך, חתונה געהאַט, געעלטערט זיך און

*) „לאָנדאָן-בריק" ווערט אָנגערופן ניט נאָר דער בריק גופא, נאָר אויך דער געגנט אַרום בריק.

געשטאָרבן, קיין איין מאָל ניט אַריבערשטעלנדיק אַ פוס אויסערן לאָנדאָן=בריק. עס פאַרשטייט זיך, אַז אַזעלכע מענטשן זיינען זיכער געווען, אַז אָט די מענגען מענטשן, וואָס באַוועגן זיך טאָג און נאַכט איבערן בריק מיט דעם מיש-מאַש פון קולות און געשרייען, מיט דער הירזשעריי פון פערד, מיט דאָס מעקן פון בהמות און שעפסן, מיט דער אייביקער טופּעריי פון פיס, — איז דאָס וויכטיקסטע אויף דער וועלט און, אַז זיי זיינען, אַן ערך, די באַלעבאַטים איבער דעם אַלעמען. און, אויב איר ווילט, זיינען זיי טאַקע געווען די באַלעבאַטים. וואָרים ווער נאָך האָט געקענט אָנקוקן פון פענסטער די באַוועגונג ווי זיי? בשעת עפּעס אַ פּאַראַד, אַ שטייגער, ווען אַ קיניג אָדער אַן אַנדער טאָג=העלד איז דורכגעפאָרן די גאַסן, האָבן זיי פאַר אַ געוויסע געצאָלט, ס'פאַרשטייט זיך — געלאָזן אַנדערע אָנקוקן די פּראָצעסיע דורך זייערע פענסטער, ווייל, באמת, איז אין גאַנץ לאָנדאָן קיין אַנדער אָרט ניט געווען, וואו מען זאָל אַזוי גוט קענען זען אַ פּראָצעסיע אין איין לאַנגער, אומגעשטערטער שורה, ווי אויפן „בריק“.

מענטשן, וואָס זיינען געבאָרן געוואָרן אויפן בריק, האָבן געהאַלטן דאָס לעבן ערגעץ אַנדערש פאַר אומערטרעגלאַך לאַנגווייליק און פּוסט. די געשיכטע דערציילט אונז פון איינעם, וואָס האָט אויפן איין-און=צוואַנציקסטן יאָר פון זיין לעבן דאָס ערשטע מאָל פאַרלאָזן דעם „בריק“ און איז אַוועקגעפאָרן אין דאָרף דערלעבן זיינע יאָרן אין רו. אָבער ער האָט דאָרטן קיין רו ניט געפונען. גאַנצע נעכט האָט ער זיך געוואָרפן און געשליידערט אין בעט און ניט געקענט איינשלאָפן — אַזוי האָט אים געדריקט, און געפּייניקט און געשראָקן די דאָרפישע שטילקייט. ווען ער האָט שוין מער קיין כוח ניט געהאַט אויסצוהאַלטן, איז ער צוריק געלאָפן אין זיין אַלטער היים — אַ טויטער מענטש, אַן אמתער סקעלעט, און דאָ ערשט האָט ער געפונען זיין רו און זיסן שלאָף, אונטער דער פאַרוויגנדיקער מוזיק פון די פּלעשטשנדיקע כוואַליעס אונטער דעם טומל, קלאַפּעריי און דונער פון לאָנדאָן=בריק...

צו יענע צייטן האָט לאָנדאָן=בריק געגעבן זיינע איינוווינער — איבערהויפּט די קינדער — „לעבעדיקע לעקציעס“ אין

געשיכטע, אין דער געשטאַלט פון שוואַרץ-בלויע, האַלב-צעפוילטע קעפּ פון באַוואוסטע מענטשן, וואָס האָבן געשטעקט אויף די אײַזערנע שטאַכעטן פון די בריק-טויערן.

נאָר לאָמיר זיך צוריק אומקערן צו אונזער געשיכטע.

הענדראָן האָט געהאַלטן סטאַנציע אין דער קליינער אַכסניה, וואָס אויפן „בריק". ווען ער איז מיט זײַן קליינעם פריינד צוגע-גאַנגען צום טיר, פון דער אַכסניה, האָט ער דערהערט ווי אַ גראָ-בער קול האָט געזאָגט:

— אַזוי, פּאַרט אַמאָל געקומען! מער ווּעסטו, דוכט זיך, ניט אַנטלויפן, קענסט זײַן זיכער. איכל פון דײַן זעקל בייגער מאַכן אַ פּודינג, ווּעסטו אפשר, ניט לאָזן אונז אַזוי לאַנג וואַרטן דאָס צווייטע מאָל! — האָט דזשאָן קענטי ווי אויסגעהאַווקעט, און האָט שוין אויסגעצויגן זײַן האַנט אָנצונעמען דאָס ייִנגל.

מיילס הענדראָן האָט אים פאַרשטעלט דעם וועג און געזאָגט:

— ניט אַזוי האַסטיק מײַן פריינד. אומזיסט, רעכן איך, ביסטו אַזוי גראָב. וואָס געהערט זיך דער ייִנגל אָן מיט דיר?

— אויב דו דאַרפסט זיך דווקא מישן אין פרעמדע עסקים, — איז ער מײַן זון.

— ס'איז אַ ליגן! — האָט מיט היץ אויסגעשריען דער קליי-נינקער קיניג.

— דרייסט געזאָגט, מײַן ייִנגל! און איך גלויב דיר, מעג דײַן קעפּל זײַן קלאָר אָדער צעדרייט. נאָר ווי די מעשה איז, קען דערדאָזיקער נידערטרעכטיקער באַנדיט זײַן דײַן פאָטער אָדער ניט — אים גיב איך דיר ניט אָפּ, ער זאָל דיר פּײַניקן און שלאָגן ווי ער האָט נאָר וואָס געסטראַשעט, אויב דו ווילסט בעסער בלײַבן מיט מיר, ס'פאַרשטייט זיך.

— איך וויל, איך וויל! איך קען אים ניט, איך קען אים ניט אָנקוקן, איך וועל בעסער שטאַרבן, איידער גיין מיט אים.

— אויב אַזוי, איז געענדיקט די מעשה! ניטאָ מער וואָס צו ריידן.

— דאָס וועלן מיר נאָך זען—האָט דזשאָן קענטי אויסגעשריען,—איך וועל אים מיט געוואַלד...

— ריר זיך נאָר אָן אים, דו ברודיקע חיה, האַק איך דיך אַרויף אויפן בראָט־שפּיז, ווי אַ גאַנז!—האָט הענדאָן אַ זאָג געטאָן—און שטעלנדיק זיך צווישן קענטין און דעם קיניג האָט ער אַרויפגעלייגט די האַנט אויפן הענטל פון זיין שווערד—איך האָב גענומען דאָס ייִנגל אונטער מיין שוץ, ווען אַ המון אַזעלכע נפשות ווי דו זיינען אים באַפאַלן און וואָלטן אים אפשר געהרגעט. מיינסטו, אַז איך וועל אים איצט איבערגעבן צו נאָך אַן ערגערן גורל? וואָרים, צי ביסטו זיין פאָטער אָדער ניט — און דעם אמת גערעדט, רעכן איך אַז דו זאָגסט ליגן—איז אַ בכבודיקער לייכטער טויט בעסער פאַר דאָס ייִנגל, ווי אַ לעבן אין די הענט פון אַזאַ חיה ווי דו ביסט. טו גיי־זשע בעסער דיין וועג און וואָס גיכער, וואָרים איך האָב פיינט פוסטע דיבורים און בין ניט צו געדולדיק בטבע אויך. מיט קללות און זידלערייי איז דזשאָן קענטי אָפּגעטראָטן און איז פאַרשלונגען געוואָרן צווישן המון. הענדאָן מיט זיין קליינעם פריינד האָבן זיך אויפגעהויבן אויפן דריטן שטאָק צו זיך אין צימער, באַשטעלנדיק, פאַרבייגייענדיק, אַ מאָלצייט.

דאָס אָרימע צימערל מיט זיין ביסעלע אַלטע מעבל איז באַלויכטן געווען פון אַ פאָר דינע חלב־ליכטלאַך. דער קליינער קיניג האָט זיך קוים דערשלעפּט צום בעט און איז אַ פאַל געטאָן אויף איר אָן כוחות פון מידקייט און הונגער. ער איז געווען אויף די פיס כמעט אַ גאַנצן טאָג און אַ גאַנצע נאַכט—ס'איז שוין געווען צוויי אָדער דריי אַזייגער פאַרטאָג—און ער האָט די גאַנצע צייט קיינזאַך אין מויל ניט געהאַט. ער האָט שלעפעריק געמורמלט:

— איך בעט דיך, וועק מיך אויף, ווען דער טיש וועט זיין געגרייט.—און איז גלייך אַריינגעפאַלן אין אַ טיפן שלאָף.

אַ שמייכל האָט דורכגעשוועבט אין הענדאָנס אויגן און ער האָט צו זיך אַליין געזאָגט:

— אויף מיין וואָרט, דער קליינער בעטלערל פאַרקלייבט זיך אין אַ פרעמדער דירה, פאַרנעמט יענעמס בעט ווי זיין איי־

גענע, און יאָל ער עס כאָטש זאָגן: „זייט מוחל” אָדער „האָט קיין פאַראיבל ניט”. אין זיין משוגעת האָט ער זיך אָנגערופן דער פרינץ פון וועלש, און, מען מוז מודה זיין, אַז ער שפּילט די ראָליע פון אַ פּרינץ ניט שלעכט. אָרים, אָרים שוצלאָז מייזל! קיין ספק ניט, ער איז פון זינען אַראָפּ דורך שלעכטע באַהאַנדלונג. ווער איך-זשע זיין זיין פריינד. איך האָב אים געראַטעוועט, און עפּעס ציט מיך צו אים. איך האָב שוין גאָר ליב דעם קליינעם, דרייסטן חברה-מאַן. ווי העלדיש ער האָט זיך אַ ביסל אַנטקעגנגעשטעלט די שמוציקע לומפּן און מיט וואָס פאַר אַ שטאָלץ ער האָט עס אַ ביסל געוואָרפן דער באַנדע זיין פאַראַכטונג! און וואָס פאַר אַ שיין, ליב און מילד פּנימל ער האָט איצט, ווען דער שלאָף האָט פון אים אָפּגעווישט זאָרג און צער. איך וועל אים לערנען, איך וועל אים אויסהיילן פון זיין קראַנקייט; יאָ, איך וועל זיין זיין עלטערער ברודער, זאָרגן פאַר אים און אויפּפּאַסן אים. און טאָמער וועט אים ווער באַליידיקן אָדער אָנרירן, מעג זיך יענער אָנגרייטן תכריכים, וואָרים מען מעג מיך אַפילו פאַרברענען לעבעדיקערהייט, וועט יענער אַלץ דאַרפן האָבן תכריכים.

ער האָט זיך אָנגעבויגן איבערן יינגל און באַטראַכט אים מיט אַ פריינדלאַכן און רחמנותדיקן בליק. גלעטנדיק צערטלאַך זיין קעפּל און פאַרריכטנדיק די צעשויבערטע גרייזלאַך מיט זיין גרויסער פאַרברויניטער האַנט. אַ לייכטער שוידער איז דורכגעגאַנגען איבער דעם יינגלס קערפּער.

— זע נאָר—האָט הע ע נ ד אָ ן צו זיך אַליין געזאָגט,—אַ שיינער מאַנסביל בין איך: געלאָזן אים ליגן ניט צוגעדעקט, ער זאָל זיך פאַרקילן און נאָך כאַפּן דאָ אַ ראַמאַטיס! וואָס טו איך דאָ? זאָל איך אים אויסבעטן די בעט, וועט ער ויך אויפכאַפּן, און ער נויטיקט זיך אַזוי אין אַרעכטן שלאָף!

ער האָט זיך אַרומגעקוקט אַרום זיך, אָבער ער האָט קיין זאַך ניט געפונען מיט וואָס צו באַדעקן דאָס יינגל. ער האָט ניט לאַנג געטראַכט און אַראָפּגענומען פון זיך דעם קאַמיזאָל, זאָגנדיק: „איך בין שוין געוואוינט צו ביטערער קעלט און שלעכטער קליידונג, מיר וועט עס ניט שאַטן”. — און גענומען שפּרייזן איבערן

צימער הין און צוריק אָנצוואַרימען זיך, און ריידנדיק צו זיך אָן אויפהער:

— זיין קראַנקן מוח שטעלט זיך פאָר, אַז ער איז דער פּרינץ פון וועלש. ס׳וועט זיין מאָדנע צו האָבן אַ טראָנפאָלגער איצט, ווען דעריעניקער, וואָס איז געווען דער פּרינץ פון וועלש, איז שוין איצט קיניג. אָבער זיין קראַנקער מאַרך האָט זיך איינגערעדט נאָר איין פאַנטאַזיע: אַז ער איז דער פּרינץ פון וועלש, און אים פאַלט ניט איין, אַז איצט דאַרף ער זיך שוין אָנ־רופן ניט פּרינץ, נאָר קיניג...

אויב נאָך די זיבן יאָר, וואָס איך האָב פאַרבראַכט אין פרעמדע לענדער אין געפענקעניש און האָב ניט געהאַט קיין שום ידיעות פון דער היים, וועל איך נאָך געפינען מיין פאָטער לעבעדיק,—וועט ער געוויס אויפנעמען דאָס אָרים יינגל און געבן אים אַן אָרט אונטער זיין דאַך צוליב מיר. דאָס גלייכן וועט טאָן מיין עלטערער ברודער אַרטור. מיין צווייטער ברודער גיו— זאָל ער נאָר פרובירן ניט לאָזן אָט די פוקס־האַרציקע, מיאוסע באַשעפעניש, וועל איך אים דעם קאָפּ צעשפּאַלטן. יאָ, אַהין, צו מיין פאָטער אַהיים וועלן מיר פאָרן. און טאַקע גלייך.

אַ דינער האָט אַריינגעטראָגן אַ הייסן מאָלצייט, אַוועקגע־שטעלט עס אויף אַ קליינעם סאָסנאָוון טישל, צוגעשטעלט שטולן און איז אַרויסגעגאַנגען, רעכענענדיק, אַז אַזעלכע ביליגע אורחים קענען זיך אַליין באַדינען.

דער קלאַפּ מיטן טיר האָט אויפגעוועקט דאָס יינגל. ער האָט זיך אַוועקגעזעצט אויפן בעט און געוואָרפן אַ צופרידענעם בליק אַרום זיך. נאָר באַלד האָט זיין פּנים אויסגעדריקט צער און ער האָט מיט אַ טיפן זיפץ געמורמלט צו זיך אַליין: „אָ, עס איז געווען ניט מער ווי אַ חלום, ווי איז צו מיר!״ נאָכהער האָט ער באַמערקט מיילס הענדאָנס קאָמיזאָל, האָט געוואָרפן אַ בליק פונם קאָמיזאָל צו הענדאָנען, האָט פאַרשטאַנען וואָס פאַר אַ קרבן ס׳איז פאַר אים דאָ געבראַכט געוואָרן און ער האָט צערטלאַך געזאָגט:

— דו ביסט גוט צו מיר, יאָ, דו ביסט זייער גוט צו מיר, נעם און טו דאָס אָן. איך וועל שוין עס מער ניט דאַרפן.

דאַן איז ער אויפגעשטאַנען, צוגעגאַנגען צום וואַש־טיש און געבליבן שטיין וואַרטנדיק.

— מירן דאָס באַלד עסן אַ געשמאַקע הייסע זופּ! — האָט העננדאָן פריילאַך געזאָגט, — מירן דאָס אַ ביסל אַקיי טאָן. אַלץ איז אַזוי געשמאַק און זודיק. דער דרעמל, וואָס דו האָסט געכאַפּט און דער מאָלצייט, וועט דיך ווידער מאַכן פאַר אַלייט, וועסט זען!

דאָס ייִנגל האָט ניט געענטפערט. ער האָט אויפמערקזאַם מיט וואונדער און אַפילו אַ ביסל אומגעדולדיק אַ קוק געטאָן אויף דעם הויכן ריטער מיט זיין שווערד. העננדאָן האָט איבערראַשט געפרעגט:

— וואָס איז געשען?

— סער, איך וואָלט געוואָלט איינוואַשן זיך.

— אָ, איז דאָס גאָר! פרעג ביי מיילס העננדאָן קיין ערלויבעניש ניט, אויב דו ווילסט עפעס. זיי ווי ביי זיך אין דער־היים און באַלעבאַטעווע איבער אַלץ וואָס ער פאַרמאָגט.

דאָס ייִנגל האָט ווייטער גאַרניט געענטפערט און ניט גע־רירט זיך פון אָרט. נאָך מער, ער האָט אַ פּאָר מאָל אומגעדולדיק אַ טופּע געטאָן מיט זיין קליינעם פיסל אָן דיל. העננדאָן איז געווען גאָר פאַרוואונדערט און האָט געזאָגט:

— גאָט איז מיט אונז! וואָס איז געשען?

— זיי אַזוי גוט, גיס אויף וואַסער און פלוידער ניט אַזוי פיל!

קוים איינהאַלטנדיק זיך פון געלעכטער און זאָגנדיק צו זיך אַליין: „איך שווער ביי אַלע הייליקע ס'איז גרויסאַרטיק!" — איז העננדאָן גיך צוגעשפּרונגען און געטאָן וואָס דער קליינער מחוצף האָט אים באַפוילן, און איז געבליבן שטיין, ווי אַ פאַר־גליווערטער, ביז דער באַפעל: „נו, אַ האַנטטוך!" — האָט אים ניט צו זיך געבראַכט. ער האָט גענומען אַ האַנטטוך ביים ייִנגל אונ־טערן סאַמע נאָז און דערלאַנגט אים אָן ווערטער. דערנאָך איז

ער אַליין צוגעגאַנגען וואַשן זיין פּנים. אין דער צייט וואָס ער האָט עס געטאָן, האָט זיך זיין צוגענומען קינד געזעצט צום טיש און געוואָלט געמען עסן. הענדאָן איז דערוויל פּאַרטיק געוואָרן מיטן וואַשן זיך, גענומען דעם צווייטן שטול און אויך געוואָלט צוזעצן זיך צום טיש, ווען דאָס ייִנגל האָט מיט פּאַראיבל אַ געשריי געטאָן:

— האַלט אָפּ! ווילסטו זיך זעצן אין דעם קיניגס געגנוואַרט?

דער קלאַפּ האָט געטראָפן הענדאָנען ביזן ביין. ער האָט געמורמלט צו זיך אַליין: „אָ, אָרים קינד, זיין משוגעת שטימט מיט דער צייט. עס האָט זיך געביטן צוזאַמען מיט דער ענדערונג, וואָס ס'איז פּאָרגעקומען אין דער מלוכה, און איצט שטעלט ער זיך פֿאָר, אַז ער איז קיניג. מילא, וואָס זאָל מען טאָן איך מוז אים שוין דאָס אויך נאָכגעבן אַז ניט קען ער מיר נאָך הייסן אַריינזעצן אין טאָװער-געפענקעניש!

און צופרידן מיט דעם שפּאַס, האָט ער אָפּגערוקט דעם שטול פון טיש, געשטעלט זיך הינטער דעם קיניגס שטול און אָנגעהויבן צו באַדינען אים.

אין דער צייט, ווען דער קיניג האָט געגעסן איז זיין קיניגלאַכער שטאָלץ אַ ביסל ווייכער געוואָרן און וואָס מער ער האָט געזעטיקט זיין הונגער, אַלץ מער אויפגעלייגט איז ער געוואָרן צו ריידן.

— מיר דאַכט, אַז דו האָסט זיך אָנגערופן מיילס הענדאָן, אויב איך האָב קיין טעות ניט? — האָט ער געזאָגט צו הענדאָנען.

— ריכטיק, אייער מיעסטעט! — האָט הענדאָן געענטפערט, זאָגנדיק צו זיך אַליין: „אויב איך מוז שוין נאָכגעבן דעם אָרימען ייִנגלס משוגעס, מוז איך אים שוין רופן „קיניג" און „אייער מאַיעסטעט". אָפּשטעלן זיך אינמיטן וועג טויג ניט, אַז ניט קען איך נאָך קאַליע מאַכן דעם גוטן טאַט, וואָס איך טו.

דער קיניג האָט דערוואַרימט זיין האַרץ מיט אַ צווייטער גלאָז וויין און געזאָגט:

— איך וואָלט געוואָלט וויסן ווער דו ביסט. דערצייל מיר

דיין ביאָגראַפיע. דו האָסט אַ נאָבעלען אויסזען און מאַניערן. שטאַמסטו פון נאָבעללייט?

— מיר געהערן צו דער קלענערער אַריסטאָקראַטיע, אייער מאַיעסטעט. מיין פאָטער איז אַ באַראָנעט — איינער פון די יינגערע לאָרדן — סער ריטשאַרד העגדאָן פון העגדאָן-שלאָס אין קענט.

— דער נאָמען איז מיר אַרויס פון זכרון. דערצייל ווייטער

— ניט קיין סך צו דערציילן, אייער מאַיעסטעט, דאָך ווען עס, אפשר, פאַרווײַלן אייער גנאָד אַ וואָסער האַלבע שעה, בפרט, אַז ס'איז קיין אַנדער פאַרווײַלונג ניטאָ, אַלזאָ, הויב איך אָן:

מיין פאָטער, סער ריטשאַרד, איז זייער רייך און זייער גרויסמוטיק. מיין מוטער איז געשטאָרבן, ווען איך בין נאָך געווען אַ קינד. איך האָב צוויי ברידער: אַן עלטערן אַרטור, מיט אַ כאַראַקטער אין פאָטערס געראָטן, און גיו, יינגער פון מיר — אַ נידעריקער נפש, אַ בעל-מקנא, אַ פאַרדאָרבע-נער, אַ פאַלשער, אַ פאַרבאָרגענער, מיט איין וואָרט, — אַ מיאוסער שרץ! אַזאַ איז ער געווען פון וויגל אָן און אַזאַ איז ער געווען מיט צען יאָר צוריק, ווען איך האָב אים צום לעצטן מאָל געזען.

צו ניינצן יאָר איז דאָס געווען אַ פאַרטיקער שופט מיט אַלע ברעקעלאַך. איך בין דאַמאָלסט אַלט געווען צוואַנציק און מיין ברודער אַרטור — צוויי-און-צוואַנציק יאָר, אַחוץ אונז האָט ביי אונז געוואוינט מיין קוזינע עדיט — זי איז דאַמאָלסט אַלט געווען זעכצן יאָר — אַ בילד-שיינע, צאַרטע, גוט-האַרציקע מיידל, אַ טאָכטער פון אַ גראַף, די לעצטע אין דער משפחה, אַ יורשטע פון אַ גרויסן פאַרמעגן און אַ טיטול, ווייל אין דער משפחה זיי-נען קיין מאַנסביל ניטאָ. איך האָב זי געליבט און זי האָט מיך געליבט, אָבער זי איז פאַרקנסט געווען צו מיין ברודער אַרטור נאָך פון וויגל און מיין פאָטער סער ריטשאַרד וואָלט בשום אופן ניט דערלאָזן די תנאים זאָל געבראָכן ווערן. אַרטור האָט געליבט אַן אַנדער מיידל און האָט אונז אַלץ געזאָגט מיר זאָלן ניט פאַרלירן דעם מוט, און לעבן מיט דער האָפענונג, אַז צייט און מזל וועט אונז נאָך אַלעמען ברענגען גליק. גיו האָט ליב

געהאַט עדיטס פאַרמעגן, כאָטש געזאָגט האָט ער, אַז ער האָט ליב זי אַליין. אָבער דאָס איז שוין געווען זיין טבע צו זאָגן איין זאַך און מיינען די אַנדערע. אָבער זיין גאַנצע מי איז געווען אומזיסט. ער האָט געקענט אָפּנאַרן מיין פאָטער, אָבער ניט עמיצן אַנדערש. מיין פאָטער האָט אים געליבט מער פון אַלע אַנדערע קינדער, ער האָט אים געטרויט און געגלויבט, ווייל ער איז געווען דער ייִנגסטער און פון אַלעמען געהאַסט, — און דאָס איז אין אַלע דורות געווען גענוג צו געווינען אַ פאָטערס האַרץ. דערצו האָט ער נאָך פאַרמאָגט אַ גלאַטן צינגל צו חנפענען און איז געווען אַ גרויסער בריה אויף זאָגן ליגנס — צוויי זאַכן, וואָס העלפן שטענדיק אונטערצוהאַלטן אַ בלינדע ליבע. איך, ווידער, בין געווען אַ ווילדער יונג—דעם אמת געזאָגט—זייער אַ ווילדער, כאָטש צוריק גערעדט, איז עס געווען אַן אומשולדיקע ווילדקייט, מחמת זי האָט קיינעם, אויסער מיר אַליין, ניט געשאַדט, האָט קיינעם קיין בזיונות ניט פאַרשאַפט, קיין היזקות ניט אָנגעמאַכט און האָט אין זיך ניט געהאַט קיין סימן פון פאַרברעכן אָדער עטוואָס אַזוינס, וואָס זאָל שענדן דעם נאָמען פון אַן אַדעליקער פאַמיליע.

אָבער מיין ברודער גיו האָט גוט אויסגענוצט מיינע חסרונות. זעענדיק, אַז אַרטור איז שוואַך אין געזונט און, האָפנדיק צו בלייבן דער איינציקער יורש, אויב איך וועל אָפּגעֶ־רוימט ווערן פון וועג, האָט ער — איבעריקנס, ס'איז אַ לאַנגע מעשה מיין הערשער, און ניט ווערט צו הערן. בקיצור, מיין ברודער האָט אַזוי געמאַכט, אַז מיינע חסרונות זיינען פאַרגעשטעלט געוואָרן ווי פאַרברעכנס. געענדיקט האָט ער דערמיט, וואָס ער האָט געפונען אין מיין צימער אַ זיידענעם שטריק-לייטער — וואָס ער אַליין האָט אונטערגעוואָרפן — און מיט דער הילף פון אונ־טערגעקויפטע דינער און אַנדערע אויסוואורפן האָט ער איינגעֶ־רעדט מיין פאָטער, אַז איך האָב זיך געקליבן אַרויסצוגנבענען עדיטן און חתונה האָבן מיט איר קעגן זיין ווילן.

דריי יאָר פאַרוואָגלט זיין ווייט פון דער היים און פון ענג־לאַנד וועט מיך מאַכן פאַר אַ זעלנער און פאַר אַ מענטש — האָט

מײַן פֿאָטער געזאָגט — און וועט מיך לערנען כאָטש וויפֿל עס איז שכל.

אין דער לאַנגער צײַט פֿון מײַן פֿאַרוואָגלונג, האָב איך געקעמפֿט אין אַ סך מלחמות אין פֿאַרשיידענע לענדער, האָב געליטן הונגער און נויט, געהאַט אַלערליי צופֿאַלן און פּאַסירונגען. אין איין שלאַכט בין איך גענומען געוואָרן געפֿאַנגען און פֿאַר די לעצטע זיבן יאָר, וואָס זײַנען פֿאַרבײַ און פֿאַרשוואונדן, איז אַ געפֿענגעניש אין אַ פֿרעמדער לאַנד געווען מײַן היים.

אַדאַנק מײַן אײַנפֿאַל און מוט איז מיר געלונגען אַרויסצורײַסן זיך אויף דער פֿרישער לופֿט און אַנטלויפֿן אַהער. און אַט בין איך נאָר-וואָס אָנגעקומען אַהער אָרים, אָן געלט און אָן קליידער און נאָך אָרימער אין נאַכריכטן פֿון הענדאָ-שלאָס און איך ווייס ניט, וואָס איז געוואָרן מיט זײַנע אײַנוואוינער. אָט איז מײַן גאַנצע טרויעריקע געשיכטע, אײַער מאַיעסטעט.

— מען האָט דיך מיאוס באַעוולט! — האָט דער קליינער קיניג מיט אַ פֿײַער אין די אויגן געזאָגט, — אָבער איך וועל דיר צוריקגעבן דײַנע רעכט — איך שווער בײַם קרייץ, אַז איך וועל דאָס טאָן! דער קיניג האָט אַזוי געזאָגט!

און אַן איבערגעגטער דורך מיילס הענדאָנס געשיכטע, האָט ער פֿונאַנדערגעלאָזן זײַן צונג און אַרויסגעלייגט זײַן אייגענע געשיכטע פֿאַר דעם איבערראַשטן צוהערער.

ווען ער האָט געענדיקט, האָט מיילס געטראַכט:

„אוי, ווײַ! וואָס פֿאַר אַ פֿאַנטאַזיע ער האָט עס אַ ביסל! באמנות, דאָס איז אַ קינד מיט ניט אַ געווײנלאַכן שכל; אַז ניט וואָלט ער ניט געקענט — מעג ער זײַן קלאָר אָדער משוגע — אויסקלערן אַזאַ גלאַטע און לאַנגע מעשה גלאַט פֿון גאָרניט? אַזאַ ראָמאַן זויגט מען פֿון פֿינגער ניט אויס און פֿון דער לופֿט כאַפּט מען עס אויך ניט. אָרים, פֿאַרלאָרן קעפּל! ווי לאַנג איך לעב, וועט דיר קיין פֿרײַנד און היים ניט פֿעלן. איך וועל אים ניט אָפּלאָזן פֿון זיך אויף אַ טריט, ער וועט זײַן מײַן ליבלינג, מײַן קליינער חבר. און ער וועט אויסגעהיילט ווערן, — יאָ, ער וועט געזונט ווערן און וועט זיך נאָך מאַכן אַ גרויסן נאָמען, און מיט

שטאָלץ װעל איך דאַמאָלסט זאָגן: „יאָ, ער איז מײַנער! איך האָב אים גענומען אַ קלײנעם אָפּגעריסענעם שלעפּער, אָבער איך האָב געזען, אַז אין אים שטעקט עפּעס און איך האָב זיך געזאָגט: זײַן נאָמען װעט נאָך אַמאָל קלינגען אויף דער װעלט—קוקט־זשע אים אָן, באַטראַכט אים—בין איך ניט גערעכט געװען?"

פאַרטראַכט און לאַנגזאַם האָט דער קיניג װײַטער גערעדט:

— דו האָסט מיך פאַרהיט פון שפּאָט און שאַנד, מעגלאַך, אַז דו האָסט מײַן לעבן געראַטעװעט און אויף אַזאַ אופן — די קרוין. אַזאַ טאַט פאָדערט אַ רײַכע באַלוינונג. זאָג־זשע דײַן פאַרלאַנג און אַלץ, װאָס עס איז אין מײַן קיניגלאַכער מאַכט, װעט דערפילט װערן. עס איז דײַנס!

דערדאָזיקער פאַנטאַסטישער פאָרשלאָג האָט אַרויסגעשלאָגן הענדאָנען פון זײַן פאַרטראַכטקײַט. ער האָט געװאָלט באַדאַנקען דעם קיניג און זאָגן, אַז ער האָט בלויז געטאָן זײַן פליכט אַלס בירגער און אים קומט קײן לוין דערפאַר ניט, אָבער אַ מער פאַרנונפטיקער געדאַנק איז אים געקומען אויפן זינען, און ער האָט געבעטן עטלאַכע מינוט צײַט צו באַטראַכטן דעם גרויסמוטיקן פאָרשלאָג — אַזאַך, װאָס איז דעם קיניג שטאַרק געפעלן.

— „ס'איז גלײַכער ניט צו זײַן איבעראײַלט, װען עס האַנדלט זיך װעגן אַזאַ װיכטיקער זאַך"—האָט ער באַמערקט.

מײַלס האָט אַ װײַלע געטראַכט און נאָכהער געזאָגט צו זיך אַלײן: „יאָ, אַזוי דאַרף מען טאָן. — אַנדערש װעל איך עס קײנמאָל ניט אויספירן. פאַר דער אײן שעה האָב איך זיך איבערצײַגט, װי שװער עס װאָלט געװען װײַטער אָנצופירן די שפּיל. יאָ, איך װעל עס אים פאָרשלאָגן. װי גוט דאָס איז, װאָס איך האָב זיך ניט אָפּגעזאָגט פון דער געלעגנהײַט".

דאַן האָט ער אַ פאַל געטאָן אויף אײן קני און געזאָגט:

— דאָס, װאָס איך האָב געטאָן, איז ניט מער װי דער אײנפאַכער חוב פון יעדער טרײַען אונטערטאַנער און האָט דעריבער קײן שום באַדײַטונג ניט, נאָר אויב אײַער מאַיעסטעט האַלט, אַז איך פאַרדין אַ װאָסער עס איז באַלוינונג, נעם איך זיך דעם מוט צו קומען צו אײַער מאַיעסטעט מיט דערדאָזיקער בקשה:

כמעט מיט פיר הונדערט יאָר צוריק האָט, ווי אייער מאַיעסטעט איז באַוואוסט, צווישן דזשאָן דעם קיניג פון ענגלאַנד און דעם פראַנצויזישן קיניג געהערשט אַ גרויסע שינאה. איז באַשלאָסן געוואָרן, אַז ביידע קיסרים זאָלן אַרויסשטעלן צוויי קריגערס, וואָס זאָלן אויסקעמפן דעם סיכסוך אין פרייען פעלד, אין אַ, אַזוי גערופענעם, גאָטס משפט. און אָט האָבן זיך אויפגעקליבן די קיסרים און דער שפּאַנישער קיסר בייצוואוינען און אורטיילן דעם קאַמף. דער ערשטער איז אַרויס דער פראַנצויזישער קעמפער. אָבער אַזוי שרעקלאַך איז געווען זיין אויסזען, אַז קיין איינער פון די ענגלישע ריטערס האָט זיך ניט געקענט באַשליסן צו מעסטן זיין געווער מיט אים. און עס האָט געהאַלטן, אַז דער זייער וויכטיקער סיכסוך זאָל זיך ענדיקן מיט אַ מפלה פאַרן ענגלישן קיניג. נו, אין יענער צייט האָט געשמאַכט אין געפענגעניש דער לאָרד דע־קאָאורסי, דער שטאַרקסטער מענטש אין ענגלאַנד. געראויבט פון אַלע זיינע טיטלען און פון זיי׳נע רייכטימער, האָט ער לאַנגע יאָרן געדאַרפט שמאַכטן אין געפענגעניש. האָט מען זיך צו אים געווענדט מיט אַ בקשה, ער זאָל אַרויס קעמפן דעם קאַמף. ער האָט מסכים געווען און איז אַרויס אין געווער און פאַנצער, גרייט צום שלאַכט. ווי נאָר אָבער דער פראַנצויז האָט דערזען דעם מוראדיקן פאַרשוין און דערהערט דעם באַרימטן נאָמען פון זיין געגנער, — אַזוי איז ער אַנטלאָפן וואו די אויגן האָבן אים געטראָגן. און אויף אַזאַ אופן האָט דער ענגלישער קיניג געוואונען דעם סיכסוך.

דער קיניג דזשאָן האָט אומגעקערט דעם לאָרד דע־קאָאורסי זיין פאַרמעגן און טיטלען און געזאָגט: „זאָג דיין וואונטש און דו וועסט עס האָבן, מעג עס מיר אַפילו קאָסטן אַ האַלבע מלוכה”, אויף וואָס דע־קאָאורסי האָט קניענדיק געענטפערט: „אויב אַזוי, מיין האַר, איז מיין וואונטש, אַז איך און אַלע דורות פון מיין משפחה זאָלן האָבן דעם זכות צו בלייבן מיט אַ צוגעדעקטן קאָפּ אין דער געגנוואַרט פון די ענגלישע קיניגן, פון היינט אָן און ווייטער ביז דער ענגלישער טראָן וועט אַ קיום האָבן”. זיין בקשה איז, ווי אייער מאַיעסטעט איז באַוואוסט, דערפילט געוואָרן, און פאַר די גאַנצע פיר הונדערט יאָר האָט

קיין איין מאָל ניט פּאַסירט, אַז עמיצער פון דערדאָזיקער אַלטער פאַמיליע זאָל אויטאָן זיין הוט אין דער געגנוואַרט פון קיניג — אַ זאַך, וואָס קיין אַנדערער טאָר ניט טאָן *). באַפּעסטיקנדיק מיין בקשה מיט דעמדאָזיקן היסטאָרישן ביישפּיל, טו איך בעטן דעם קיניג, ער זאָל מיר באַווייזן זיין גנאָד און געבן מיר דעם איינציקן זכות — וואָס עס וועט זיין די גרעסטע באַלוינונג פאַר מיר, אַז איך און מיינע קינדס־קינדער זאָלן מעגן זיצן אין דער געגנוואַרט פון די ענגלישע מאַיעסטעטס.

— שטיי אויף, סער מיילס הענדאָן, ריטער! — האָט דער קיניג ערנסט געזאָגט, אַ קלאַפּ געבנדיק הענדאָנען מיטן שווערד איבערן אַקסל — אַלס צייכן פון גנאָד און געשענקטן טיטל. שטיי אויף און זעץ זיך. דיין בקשה איז דערפילט. אַזוי לאַנג ווי ענגלאַנד וועט זיין ענגלאַנד און די קרוין וועט דויערן, וועט דויערן דיין זכות.

זיין מאַיעסטעט איז זיך פאַרטראַכטערהייט דורכגעגאַנגען איבערן צימער און הענדאָן האָט זיך אַ וואָרף געטאָן אויפן שטול, זאָגנדיק צו זיך אַליין: „ס׳איז געווען אַ גוטער איינפאַל, וואָס וועט מיר שטאַרק צו ניץ קומען: מיינע פיס טוען מיר גוט וויי, און ווען ניט דער איינפאַל, וואָלט איך געדאַרפט שטיין וואָכן און וואָכן, ביז ער וועט געזונט ווערן". „בין איך, הייסט עס, געוואָרן אַ ריטער פון „שאָטנס־און חלומות־קיניגרייך!" אַ מאָדנע לאַגע פאַר אַזאַ פּראַקטישן מענטשן ווי איך בין. אָבער איך וועל דערפון ניט חוזק מאַכן, ניין, גאָט זאָל היטן. וואָרים דאָס, וואָס פאַר מיר איז שאָטנס און חלומות, איז פאַר אים דיווירקלאַכקייט. דאָס באַווייזט גאָר אויף זיין איידעלן כאַראַקטער און גרויסמוטיקייט. אָ, אָבער וואָס וועט זיין, אויב ער וועט מיך רופן ביי מיין נייעם טיטול פאַר פרעמדע מענטשן? שיין וועט דאַמאָלסט זיין דער חילוק צווישן מיין הערלאַכן טיטול און מיינע צעריסענע קליידער! אָבער ס׳מאַכט ניט אויס, זאָל ער מיך רופן ווי ער וויל, ווי באַלד עס געפעלט אים. איך וועל זיין צופרידן.

*) די לאָרדן קינגסיי, וואָס שטאַמען פון די דע־קאָאורסיס, האָבן ביז היינטיקן טאָג דידאָזיקע פּריווילעגיע.

דרײַצנטער קאַפּיטל.

דער פּרינץ ווערט פאַרשוואונדן.

אַ שלעפעריקייט איז באַפאַלן די צוויי פרייַנד.

דער קיניג האָט אַזוי געזאָגט:

— צי אַראָפּ פון מיר די שמאַטעס! — מייַנענדיק זייַנע קליי-דער.

העגדאָן האָט אָן דיבורים גלייַך אויסגעטאָן דאָס ייִנגל און איינגעלייגט אים שלאָפן. דאַן האָט ער געוואָרפן אַ בליק איבערן צימער, זאָגנדיק צו זיך אַליין: „ער האָט ווידער פאַרנומען מייַן בעט ווי פריער" באַ! וואָס קען איך טאָן?

דער קליינער קיניג האָט באַמערקט זייַן פאַרלעגנהייט און האָט עס אָפּגעפאַרטיקט מיט איין וואָרט:

— דו וועסט שלאָפן ביים טיר און באַוואַכן זי.

אין אַ מינוט אַרום האָט ער שוין פאַרגעסן אָן אַלע זייַנע צרות אין אַ טיפן שלאָף.

— טייער קינד, ער האָט באמת געדאַרפט געבאָרן ווערן אַ קיניג! — האָט העגדאָן מיט התפעלות געזאָגט, — ער שפּילט די ראָלע אויסגעצייכנט.

נאָכהער האָט ער זיך אויסגעצויגן אויפן פאָדלאָגע, זאָגנדיק צופרידן:

— איך האָב געהאַט ערגערע דירות פאַר די לעצטע זיבן יאָר און ס'וואָלט געווען אַ זינד פאַר גאָט צו באַקלאָגן זיך אויפן איצטיקן געלעגער.

ער איז איינגעשלאָפן, ווען ס'האָט שוין אָנגעהויבן טאָגן. אַרום האַלבן טאָג איז ער אויפגעשטאַנען, האָט טיילווייז אָפּגע-

דעקט דעם שלאָפעדיקן קיניג און מיט אַ שטריקל אַראָפּגענומען פון אים אַ מאָס. דער קיניג האָט זיך אויפגעכאַפּט ערשט דאַמאָלסט, ווען די מאָס איז שוין געווען גענומען און געפרעגט הענדאָ־גען, וואָס ער טוט.

— שוין פאַרטיק מיין האַר—האָט הענדאָן געזאָגט,—איך האָב עפּעס אַ געשעפטל אין גאַס, אָבער איך וועל זיך לאַנג ניט זאַמען. שלאָף דערווייל ווידער איין—דו נייטיקסט זיך אין שלאָף. אָט אַזוי, לאָז, איך וועל דיר אײַנדעקן איבערן קאָפּ, וועסטו זיך גיכער אײַנוואַרימען.

נאָך איידער הענדאָן האָט געענדיקט ריידן, איז שוין דער קיניג צוריק געווען אין טרוימען־לאַנד. מ י י ל ס איז שטיל אַרויס־געגאַנגען און, אין דרייסיק־פערציק מינוט אַרום, שטיל צוריק אומגעקערט זיך מיט אַ געניצט ייִנגלשן אָנצוג פון ביליגן מאַטע־ריאַל. אמת, אַ ביסל אָפּגעטראָגן, אָבער נאָך גאַנץ ריין און צוגע־פּאַסט צום סעזאָן. ער האָט זיך אַוועקגעזעצט און גענומען באַ־טראַכטן זיין קניה, ריידנדיק צו זיך אַליין:

מיט אַ ברייטערער קעשענע וואָלט מען געקאָנט קויפן עפּעס בעסערס, אָבער ווען מען האָט ניט קיין פולן בייטל, דאַרף מען זיך באַנוגענען דערמיט, וואָס מען קען קויפן מיט אַליידיקלאַכן.

„אין אונזער שטאָט האָט געוואוינט אַ ווייבל
האָט אַ ווייבל אין אונזער שטאָט געוואוינט"—

האָט ער אונטערגעזונגען.

אוי, ער כאַפּט זיך אויף! מיר דוכט, אַז איך דאַרף נעמען מיט אַ טאָן נידעריקער... ס'טויג ניט צו שטערן זיין שלאָף ערב אַזאַ לאַנגער נסיעה, בפרט, אַז ער איז אַזוי מיד, אָרים ייִנגל... דאָס מלבוש איז נאָך גאָר נישקשהדיק: אַ שטאָך דאָ, אַ שטאָך דאָרטן און ס'וועט זיין גאָר אַ צאַצקע. די הויזלאַך זיינען נאָך בעסער, כאָטש אַ שטאָך, דעם אַנדערן וועט דאָ אויך ניט שאַטן. די שיך זיינען דאָך גאָר אַן אַנטיקל: גוטע, שטאַרקע און וועלן וואַרים האַלטן די פיסלאַך. דאָס וועט פאַר אים גאָר זיין אַ מאָדנע זאַך—געוואוינט געווים צו גיין זומער און ווינטער באָרוועס... זעט נאָר, וואָס פאָדים מ'האָט עס מיר אַ ביסל אָנגעגעבן פאַר איין גראָשן!

ווען דאָס וואָלט געווען ברויט, וואָלט עס מיר געקלעקט אויף אַ יאָר... דערצו האָט מען מיר נאָך צוגעגעבן אַ נאָדל גרויס ווי אַ פלאָקן, גלאַט אומזיסט. נו, איצט וועל איך האָבן אַן עסק אַריינ־צוציען דעם פאָדים אין נאָדל!

און ער האָט געטראָפן אויך. ער האָט געטאָן, ווי אַלע מאַנסלייט טוען און ווי זיי האָבן פון אייביק אָן געטאָן און וועלן טאָן: געהאַלטן די נאָדל גלייך און געמאַטערט זיך אַריינצוטאָן דאָס פאָדים דורכן אייגל — פונקט פאַרקערט ווי ווייבער טוען: האַלטן דאָס פאָדים און באַוועגן מיטן נאָדל. איינמאָל און נאָך אַמאָל האָט ער זיך געמאַטערט דורציען דאָס פאָדים, אָבער אומזיסט: דאָס איז דער פאָדים פאַרפאָרן פון איין זייט, דאָס—פון צווייטן זייט, דאָס איז ער אַריבער פון אויבן און דאָס האָט ער זיך פאַר־קנייטשט פאַרן לעכל. אָבער ער האָט געהאַט געדולד צו אַזעלכע זאַכן נאָך פון יענער צייט, ווען ער איז געווען אַ זעלנער. צום סוף איז אים פאָרט געלונגען אַריינצוציען דאָס פאָדים און נעמען זיך צו דער אַרבעט.

— פאַר דער אכסניה—צוזאַמען מיט היינטיקן אָנבייסן—באַ־צאָלט—האָט ער ווייטער צו זיך גערעדט, — און ס׳איז נאָך עפּעס געבליבן פאַרוואָס צו קויפן אַ פּאָר אייזעלאַך און אויף די צוויי דריי טעג הוצאה, וואָס מיר דאַרפן, ביז מיר וועלן אָנציען אַהין, וואו עס וואַרט אויף אונז אַלדעס גוטס, אין העְנדאָן־שלאָס...

„זי האָט געליבט איר מאַ...

— אוי ווי! כ׳האָב אַריינגעהאַקט די נאָדל אונטערן נאָגל... ע, בלאָטע! שוין געווינט דערצו... אָבער קיין גרויסער מאכל איז עס אויך ניט... מירן דאַרטן אַ לעב טאָן, מיין קליינער, האָב קיין מורא ניט! דיינע צרות וועלן זיך דיר פעלן דאָרטן און דאָס גלייכן—דיין צערודערטקייט...

„זי האָט שטאַרק געליבט איר מאַן,
אָבער אַן אַנדער מאַן״...

— אָט דאָס איז מיר שטעך!—האָט ער, באַטראַכטנדיק די

אַרבעט, געזאָגט,—ס׳איז דאָך גאָר מאָנאַרכישע שטעך! אַ שיינעם פּנים האָבן די שניידערשע פּיצינקע שטעכלאַך אַנטקעגן מיינע!

„זי האָט שטאַרק געליבט איר מאַן,
אָבער אַן אַנדערער האָט זי געליבט״...

— קוק נאָר אָן, שוין געענדיקט, און אַ פיינע שטיקל אַרבעט אויך—גיך און גוט. נו, איצט וועל איך אים אויפוועקן, אָנטאָן אים, אויפגיסן אים, דערנאָך וועלן מיר אַוועקגיין אין מאַרק, וואָס לעבן טאָבאַרד־אַכסניה אין סאָאוטווערק און... — זײַ אַזוי גוט, שטיי אויף, מיין הערשער! — ער ענטפערט ניט. ניט שוין־זשע וועל איך מוזן פאַרשוועכן זיין הייליקע פּערזאָן מיט מיין אָנרירונג, וויבאַלד ער איז טויב צו ווערטער? וואָס איז דאָס?

ער האָט אָפּגעדעקט די קאָלדרע — דאָס יינגל איז פאַרשוואונדן!

ער איז געבליבן אָן לשון פון איבערראַשונג. דערנאָך ערשט האָט ער באַמערקט, אַז צוזאַמען מיטן יינגל זיינען אויך פאַרשוואונדן זיינע שמאַטעס. ער איז אויפגערעגט געוואָרן, גענומען קאָכן און זידן, רופנדיק מיט אַלע כחות דעם בעל־אַכסניה.

אין דערזעלביקער מינוט האָט דער דינער אַריינגעבראַכט אָנבייסן.

— זאָג מיר, דו טייוולשע ביין, וואו איז דאָס יינגל, אַז ניט מאַך איך פון דיר אַ סוף! — האָס אונזער זעלבער אַרעווע געטאָן און אַזאַ שפּרונג געטאָן אייפן קעלנער, אַז יענער האָט פון שרעק פאַרלאָרן דעם לשון.

ציטערנדיק ווי אין קדחת, האָט דער דינער אין צעבראָכענע ווערטער ערקלערט:

— ווי נאָר איר זייט אַרויס, מיין האַר, אַזוי איז געקומען צו לויפן עפּעס אַ יונג און געזאָגט, אַז איר האָט באַפוילן דער יינגל זאָל גלייך קומען אויף יענעם זייט בריק ביי סאָאוטווערק, וואו איר וואַרט אויף אים. איך האָב אים אַהער אַריינגעפירט. ווען ער האָט אים אויפגעוועקט, האָט דאָס יינגל פאַראיבל געהאַט, פאַרוואָס מ׳האָט אים אויפגעהויבן „אַזוי פרי״, ווי ער האָט עס גע-

רופן, אָבער ער האָט גלייך אָנגעטאָן זיינע שמאַטעס און איז אַוועק. געגאַנגען, באַמערקנדיק בלויז, אַז ס׳וואָלט געווען איידעלער פון אייער זייט, איר זאָלט אַליין קומען און ניט שיקן נאָך אים אַ פרעמדן און אויף אַזאַ אופן...

— און אויף אַזאַ אופן ביסטו אַ גולם!—אַ גולם, וואָס מען קען גרינג אָפּנאַרן — געהאַנגען זאָל ווערן די גאַנצע פּאַראַכוויע דיינע! נאָר אפשר איז קיין שלעכטס ניט געשען און מען וועט דעם יינגל גאָרנישט טאָן. איכל אים גיין אָקאָרשט אויפזוכן. גרייט דערווייל צום טיש. וואַרט נאָר! די קאָלדרע אויפן בעט איז געווען אויסגעלייגט אַזוי, ווי עמיצער וואָלט אונטער איר געלעגן — איז עס ניט מער ווי אַ צופאַל?

— כ׳ווייס ניט, — מיין גנעדיקער האַר. איך האָב געזען דער יונג האָט זיך עפּעס דאָרטן געפּאָרעט,—אָט דער, וואָס ס׳איז געקומען נאָכן יינגל.

— טויזנט מיתות-משונות! דאָס איז בכּיוון געמאַכט געוואָרן אָפּצונאַרן מיך! ס׳איז געטאָן געוואָרן, כּדי צו געווינען צייט. האָרך נאָר! איז דער יונג געווען אַליין?

— איינער אַליין, מיין האַר.

— ביסטו זיכער?

— זיכער, מיין האַר.

— קלייב צונויף דיינע צעשליידערטע געדאַנקען — באַטראַכט זיך, ניט געאײַלט, מענטש איינער, און דערמאָן זיך אַקוראַט!

קלערנדיק אַ ווײַלע האָט דער דינער געזאָגט:

— ווען ער איז געקומען, איז קיינער ניט געווען מיט אים. נאָר איצט דערמאָן איך זיך, אַז ווען דער יונג מיטן יינגל האָבן זיך אויסגעמישט מיטן איבעריקן עולם אויפן בריק, האָט זיך פון ערגעץ דערבײַ אַ רוק אַרויס געגעבן עפּעס אַ גזלנישער פּאַרשוין און פּונקט דאַמאָלסט, ווען ער האָט זיך צו זיי דערנעענטערט...

— נו, וואָס איז געווען?—אַרויס מיט לשון!—האָט הענדאָן אומגעדולדיק איבערגעשלאָגן.

— פונקט דאַמאָלסט זיינען זיי אײַנגעשלונגען געוואָרן צווישן עולם און איך האָב זיי פאַרלאָרן פון אויג. כ׳וואָלט זיי אפשר ניט פאַרלאָרן, אָבער גראָד דאַמאָלסט האָט מיך דער בעל־הבית אַ רוף געטאָן: ער איז אין כּעס געוואָרן, למאַי איך האָב פאַר־געסן דערלאַנגען דעם געלט־מעקלער דעם באַשטעלטן בראַטנס, כאָטש איין גאָט איז מיין עדות, אַז באַשולדיקן מיך דערפאַר, איז אַלץ איינס, ווי פאַראַנטוואָרטלעך מאַכן אַ ניט־געבאָרן קינד פאַר די זינד...

— אַוועק פון מיינע אויגן, אידיאָט דו איינער! דיין פלאַפּ־לעריי מאַכט מיך משוגע! וואַרט! וואוהין טראָגט דיך? קענסט ניט וואַרטן אַ ווײַלע? זיינען זיי אַוועק צו סאַאוטוורק צו?

— פונקט ריכטיק, מיין האַר!—וואָרים ווי איך האָב שוין פרי־ער געזאָגט, איז אַן אומגעבאָרן קינד מער שולדיק אין די פאַר־געסענע פאַסקודנע פלייש, ווי...

— ביסט נאָך אַלץ דאָ?! און פלאַפּלסט נאָך? פאַרשווינד, וואָרים איך דערוואָרג דיך!

דער דינער איז אַנטלאָפן. הענדאָן האָט זיך געלאָזן הינ־טער אים, איז אים פאַרבייגעלאָפן, שפּרייזנדיק צו צוויי־דריי טרעפּ מיטאַמאָל, מורמלענדיק:

— דאָס איז יענער געמיינער באַנדיט, וואָס האָט זיך אַרויס־געגעבן פאַר זיין פאָטער. איך האָב דיך פאַרלאָרן, מיין אָרימער, קליינער משוגענער הערשער — ווי ביטער איז דער געדאַנק! — און דו ביסט מיר אַזוי ליב געוועזן! אָבער ניין! איך גיב זיך ניט אונטער! ער איז נאָך ניט פאַרלאָרן! נאָך ניט פאַרלאָרן, וואָרים איך וועל די גאַנצע לאַנד איבערקערן און וועל דיך געפינען! אָרים קינד! דאָרטן שטייט דיין אָנבייסן — און מיינער — אָבער איך בין שוין מערניט הונגעריק—זאָלן די מייז עס אויפעסן! גיכ־ער, גיכער! — דאָס איז איצט דער עיקר!

און ווען ער האָט זיך אַריינגעשלענגלט צווישן טומלדיקן געזעמל אויפן בריק, האָט ער עטלאַכע מאָל איבערגעחזרט צו

זיך אַליין, ווי דאָס וואָלט געווען פאַר אים זייער אַן אָנגענעמער געדאַנק:

— ער האָט פּאַראיבל געהאַט, אָבער ער איז געגאַנגען.

— געגאַנגען, יאָ, ווייל ער האָט געמיינט, אַז מיילס הענדאָן רופט אים. ליב קינד, פאַר אַן אַנדערן וואָלט ער עס קיינמאָל ניט געטאָן, כ׳ווייס עס גאַנץ גוט!

פערצנטער קאַפּיטל.

געשטאָרבן דער קיניג! — זאָל לעבן דער קיניג!

דעמזעלביקן פרימאָרגן, פאַרטאָג, האָט טאָם קענטי ערוואַכט פון אַ שווערן שלאָף און געעפנט די אויגן אין דער פינסטער. ער איז געלעגן אַ פּאָר מינוטן שטיל, פּרובירנדיק צו פונאַנדערקלייבן זיך אין זיינע געדאַנקען און איינדרוקן און פאַרשטיין, וואָס אַזוינס קומט דאָ פאָר. דאַן האָט ער מיט אַנט־ציקונג, אָבער איינגעהאַלטן אויסגערופן:

— איך פאַרשטיי שוין! איך פאַרשטיי שוין אַלץ! גאָט צו דאַנקען, וואָס איך האָב זיך אויפגעכאַפּט! קום, פרייד! פאַר־שווינד, קומער! ע, נאַן, בעט! שפּרינגט אויף פון אייער שטרוי און איילט אַהער, צו מיר און איך וועל אייך דערציילן דעם וואונדערבאַרסטן, דעם אומגלויבלאַכסטן חלום, וואָס די נאַכט־גייסטער האָבן ווען עס איז געקענט אָנשיקן אויף אַ מענטשן, כדי צו באַצויבערן זיין נשמה!... ע, נאַן, בעט, אַהער!...

אַן אומדייטלאַכע געשטאַלט האָט זיך באַוויזן ביי זיין זייט און אַ שטים האָט געזאָגט:

— וואָס באַווילליקסטו צו באַפעלן, מיין קיניג?

— באַפעלן? אָ, ווי איז מיר! איך דערקען דיין קול! זאָג, דו, ווער בין איך?

— דו? וואָרהאַפטיק, נעכטן ביסטו געגאַנגען שלאָפן, פּרינץ פון וועלש, און היינט האָסטו אויפגעוואַכט, מיין באַרימהאַרציקער הערשער, עדוואַרד, קיניג פון ענגלאַנד.

טאָם האָט איינגעגראָבן דעם קאָפּ צווישן די קישנס, מורמ־לענדיק:

— אָ, נאָך אַלעמען איז עס ניט קיין חלום! גיי צו דיין רו, ליבער הער, און לאָז מיך איבער אַליין מיט מיינע ליידן.

טאָם איז ווידער איינגעשלאָפן און אים האָט זיך געחלומט אַ גוטער חלום. אים האָט זיך געחלומט, אַז ס'איז זומער און ער שפּילט איינער אַליין אויף אַ ברייטער לאָנקע, וואָס רופט זיך: „גוט־מענטש־פעלד". מיט אַמאָל האָט זיך באַוויזן אַ קליין קאַרליקל ניט מער ווי איין פוס די הייך, אַ הויקערדיקער מיט לאַנגע רויטע באַקנבאַרדן און געזאָגט: „גראָב לעבן דעמדאָזיקן בוים־שטאַם". ער האָט אַזוי געטאָן, און האָט געפונען צוועלף נייאינקע, בליש־טשעדיקע פּעניס — אַ גוואַלדיקן רייכטום! אָבער דאָס איז נאָך ניט געווען גאָר.

דער קאַרליקל האָט ווייטער געזאָגט:

— „איך קען דיך, דו ביסט אַ וואויל ייִנגל און פאַרדינסט באַלוינט צו ווערן. דיינע צרות האָבן זיך געענדיקט און דער טאָג פון דיין באַלוינונג איז אָנגעקומען. גראָב דאָ יעדן זיבעטן טאָג, און דו וועסט יעדעס מאָל געפינען דעמזעלביקן אוצר — צוועלף נייאינקע, בלישטשעדיקע פּעניס. זאָג נאָר קיינעם ניט. האַלט די זאַך בסוד".

דאַן איז דער קאַרליקל פאַרשוואונדן און טאָם איז אַוועק געלאָפן אין שמוץ־געסל מיט זיין געפינס, זאָגנדיק זיך אַליין:

— „יעדער נאַכט וועל איך געבן דעם טאַטן אַ פּעני. ער וועט מיינען, אַז איך האָב עס אויסגעבעטלט. דאָס וועט וויין מאַכן זיין האַרץ און ער וועט מיך מער ניט שלאָגן. איין פּעני אַ וואָך וועט באַקומען דער גוטער גלח — מיין לערער, די מאַמע, באַן און בעט — די אַנדערע פיר פּעניס. פון היינט אָן — אויס הונגער און שמאַטעס, אויס שרעק און ציטערניש, אויס קלעפּ פון טאַטן און דער באָבען".

אין זיין חלום איז ער געקומען צו לויפן אָן אָטעם אין זיין שמוציקן נעסט, און מיט ברענענדיקע אויגן פון שמחה אַריינגע־וואָרפן דער מוטער פיר פּעניס, אויסשרייענדיק:

— דאָס איז אַלץ פאַר דיר! אַלע ביז איינע! יעדערע

באזונדער! פאַר דיר, נאָן און בעט — און דאָס איז ערלאַך פאַר־דינט, ניט געבעטלט און ניט געגנבעט!

די גליקלאַכע און איבערראַשטע מוטער האָט אים צוגע־דריקט צו איר ברוסט און אויסגעשריען:

— עס ווערט שפעט, וועט אייער מאַיעסטעט ניט באַוויליקן אויפצושטיין?

— אָך, ניט דאָס איז דער ענטפער, וואָס ער האָט געוואַרט! דער חלום איז פאַרשוואונדן. ער האָט זיך אויפגעכאַפּט.

ער האָט געעפנט די אויגן. לעבן זיין בעט איז געשטאַנען אויף די קני אַ רייך־געקליידעטער לאָרד — דער הויפּט־קאַמערדינער. די פרייד פון דעם פאַלשן חלום איז פאַרשוואונדן — דער אָרימער ייִנגל האָט דערזען, אַז ער איז נאָך אַלץ אַ געפאַנגענער און אַ קיניג... דאָס צימער איז פול געווען מיט הויף־לייט אין פּורפּור־מאַנטלען — די טרויער־פאַרב פון ענגלישן הויף — און מיט אַדעליקע קיניגלאַכע דינער.

טאָם האָט זיך אַנידערגעזעצט אין בעט און פון הינטער די זיידענע שווערע פאָרהאַנגען באַטראַכט דידאָזיקע גלענצנדע געזעלשאַפט.

די וויכטיקע צערעמאָניע פון אָנטאָן זיך האָט זיך אָנגעהויבן. אין דער צייט, וואָס ער האָט זיך אָנגעטאָן, האָט איין הויף־מקורב נאָכן צווייטן געקניט פאַר טאָמען און אויסגעדריקט אים מיטגעפיל אין זיין גרויסן פאַרלוסט.

צוגעגאַנגען איז די צערעמאָניע פון אָנטאָן אַזוי: צום אָנהייב האָט גענומען אַ העמד דער שטאַלמייסטער, וואָס האָט זי איבערגעגעבן דעם הויפּט־יעגערמייסטער, וועלכער האָט זי דערלאַנגט דעם צווייטן קאַמערדינער, יענער האָט זי איבערגעגעבן דעם הויפּט־אויפזעער פון די ווינדזאָר־וועלדער; און דער ווידער האָט זי איבערגעגעבן דעם דריטן אָבער־קאַמערהער, וואָס האָט זי, פון זייט, איבערגעגעבן דעם קאַנצלער פון לאַנקאַסטער. פון אים איז זי איבערגעגאַנגען צום גאַרדעראָב־מייסטער, וואָס האָט זי איבערגעגעבן דעם העראָלדמייסטער, פון וועמען זי איז איבערגעגאַנגען צום קאָמענדאַנט פון לאָנדאָנער פעסטונג. פון קאָמענדאַנט איז זי־

איבערגעגאַנגען צום הויף-מיניסטער, פון הויף-מיניסטער צום סער-וועל-פאַרבינדער, פון אים צום ענגלישן לאָרד-אדמיראַל, וואָס האָט זי איבערגעגעבן דעם אַרציבישאָף פון קענטערבער, וועלכער האָט צום סוף איבערגעגעבן די העמד דעם לאָרד-קאַמערדינער, וועלכער האָט זי אָנגעטאָן אויף ט אָ מ ע ן.

דער קליינער אָרימער וואַנדער-יינגל האָט דאָס צוגעקוקט און דערמאָנט זיך, ווי מען גיט איבער איינער דעם צווייטן עמערס וואַסער בעת אַ שרפה...

מיט יעדער טייל פון זיין טואַלעט איז דורכגעמאַכט גע-וואָרן דיזעלביקע לאַנגזאַמע און פייערלאַכע צערעמאָניע. ט אָ מ ע ן האָט עס גוואַלדיק דערעסן. זיין האַרץ איז דעריבער פול געוואָרן מיט דאַנקבאַרקייט, און ער האָט פרייער אָפּגעעטעמט, ווען ער האָט צום סוף דערזען זיינע זיידענע זאָקן, איבערגייענדיק פון האַנט צו האַנט: איצט איז פאַראַן אַ האָפענונג, אַז די צערעמאָניע וועט זיך באַלד ענדיקן. אָבער זיין פרייד איז געווען פאַר דער צייט. דער לאָרד ערשטער קאַמערדינער האָט גענומען די זאָקן און שוין געוואָלט אָנציען אויף ט אָ מ ס פיס, ווען ער איז מיטאַמאָל רויט געוואָרן און האָט איילנדיק איבערגעגעבן די זאָקן צוריק דעם אַרציבישאָף פון קענטערבער און מיט וואונדער אַ שעפּטשע גע-טאָן: „זעט נאָר, מיין לאָרד!" דער אַרציבישאָף איז בלאַס גע-וואָרן, דערנאָך רויט געוואָרן און, איילנדיק, איבערגעגעבן די זאָקן דעם לאָרד הויפּט-אַדמירל, שטיל זאָגנדיק: „זעט נאָר, מיין לאָרד!" דער לאָרד אַדמיראַל האָט זיי איבערגעגעבן דעם הויפּט סערווועטעל-פאַרבינדער, וועלכער האָט קוים געקענט אַרויסריידן: „זעט נאָר, מיין לאָרד!"—די זאָקן זיינען איבערגעגאַנגען צוריק איבער דער גאַנצער שורה צום הויף-מיניסטער, צום קאָמענדאַנט פון לאָנדאָ-נער פעסטונג, פון קאָמענדאַנט צום העראָלד-מייסטער, פון הע-ראָלדמייסטער צום גאַרדעראָב-מייסטער, פון גאַרדעראָב-מייסטער צום קיניגלאַכן קאַנצלער פון לאַנקאַסטער, פון קאַנצלער צום וואַלד-היטער פון די ווינדזאָר-וועלדער, פון וואַלד-היטער צום דריטן קאַמערדינער, פון דריטן קאַמערדינער צום צווייטן קאַ-מערדינער, פון צווייטן קאַמערדינער צום ערשטן לאָרד יעגער-

מייסטער, — באַגלייט אַלץ מיט דעם זעלביקן דערשראָקענעם, פאַרוואונדערטן און פאַרשטיקן אויסרוף: „זעט נאָר, מיין לאָרד!" — ביזוואַנען די זאַכן זיינען צום סוף דערגאַנגען צום לאָרד-הויפּט-שטאַלמייסטער, וואָס איז, אַ קוק געבנדיק אויף זיי, בלייך געוואָרן ווי די וואַנט, און דערנאָך מיט אַ פאַרשטיקטן הייזעריקן קול אויסגערופן:

— גאָט אין הימל! אין ספּראָנזשקע פון זאַכן-בענדל פעלט אַ שטיפטל! אין פעסטונג דעם הויפּט-פאַרוואַלטער פון די קיניגלאַכע זאַכן! — און ער האָט זיך אָן כוחות אָנגעשפּאַרט אויף דעם יעגער-מייסטערס אַקסל, ביז מען האָט געבראַכט אַנדערע זאַכן שוין מיט גאַנצע זאַכן-בענדלאַך...

אָבער יעדע זאַך מוז האָבן אַ סוף, און אַזוי האָט צו טאָמס אָנטאָן זיך אויך געקומען אַ סוף: אין דער געהעריקער צייט איז ער געווען פאַרטיק אַרויסצוגיין פון בעט. איצט האָט זיך אָנגעהויבן די צערעמאָניע פון איינוואַשן: איין באַאַמטער האָט אויפגעגאָסן וואַסער, דער צווייטער האָט אויפגעפּאַסט אויף דאָס איינוואַשן זיך, דער דריטער האָט דערלאַנגט דאָס האַנדטוך, ביז טאָם איז ביסלאַכווייס, דורכגעגאַנגען די פּראָצעדור פון וואַשן זיך און איז גרייט געווען איבערצוגיין אין די הענט פון דעם קיניגלאַכן שערער. ווען ער איז סוף-כל-סוף אַרויס פון דעמדאָזיקן קינסטלערס הענט, — איז דאָס יינגל אין זיין פּורפּורנעם אַטלאַס-מאַנטל, זיינע הויזלאַך און אין זיין הוט מיט דעם רויטן פעדער געווען גראַציעז און שיין ווי אַ קליין מיידעלע.

לאַנגזאַם האָט ער זיך באַוועגט צו זיין פרישטיק-צימער צווישן אַ גלענצנדער הויף-געזעלשאַפט וואָס האָט ביי זיין דורכגאַנג געמאַכט וועג פאַר אים און געפאַלן פון ביידע זייטן אויף די קני.

נאָך אָנבייסן, איז ער מיט דער גאַנצער הויף-צערעמאָניע אָפּגעפירט געוואָרן אין דער באַגלייטונג פון די העכסטע מלוכה-לייט און אונטער דער ערן-וואַך פון פופציק אַדללייט וואָס האָבן געהאַט באַגילטע שלאַכט-העק אין די הענט, אין טראָן-זאַל, וואו ער האָט זיך פאַרנומען מיט מלוכה-ענינים. זיין „פעטער" דער

לאָרד הערטפאָרד איז געשטאַנען ביים טראָן כדי צו העלפן דעם קיניג מיט עצות.

עס זיינען געקומען די באַרימטע שטאַטס-מענער, וואָס זיינען באַשטימט געוואָרן פון געשטאָרבענעם קיניג פאַר דעם פּרינצס אַפּוטרפּסים און געבעטן טאָמס הסכמה אויף אייניקע פון זייערע פאַראָרדענונגען — מער פון יוצא וועגן, אָבער דאָך ניט גאָר אומזיסט, מחמת קיין רעגענט איז נאָך ניט באַשטימט געוואָרן און דערווייל איז טאָם געווען דער איינציקער הערשער פון ענגלאַנד.

דער אַרציבישוף פון קענטערבערי האָט געמאָלדן וועגן דעם דעקרעט פון אַפּוטרפּסים-ראַט וועגן דער קבורה פון זיין מאַיעסטעט, דעם געשטאָרבענעם קיניג און געענדיקט מיט פאָרלייענען די חתימות אויפן דעקרעט:

אַרציבישוף פון קענטערבערי, לאָרד-קאַנצלער פון ענגלאַנד, וויליאַם לאָרד סענט-דזשאָן, דזשאָן לאָרד ראָססעל, עדוואַרד גראַף הערטפאָרד, דזשאָן וויקאָנט ליל, קעסבערט בּיסקופּ פון דורהאַם.

טאָם האָט זיך ניט צוגעהערט—זיין מח איז געווען פאַרנומען מיט עפּעס אַנדערש.—אָנבויגנדיק זיך צום לאָרד הערטפאָרד האָט ער שטיל געפרעגט:

— אויף וואָסער טאָג, — האָט ער געזאָגט—איז באַשטימט די קבורה?

— אויף דעם זעכצנטן פון דעם קומענדיקן חודש, מיין הערשער.

— וואָס פאַר אַ משוגעת! וועט ער דען ניט קאַליע ווערן ביז דאַמאָלס?

אָרים ייִנגל! אים זיינען נאָך פרעמד געווען די קיניגלאַכע מנהגים. ער איז געוואוינט געווען צו שמוץ-געסל, וואו דער אומגליקלאַכער מת ווערט וואָס גיכער אָפּגעראַמט פון וועג. נאָר דער לאָרד הערטפאָרד האָט אים מיט אַ פּאָר ווערטער באַרואיקט.

אַ שטאַאַטס-סעקרעטאַר האָט פאָרגעשטעלט די מיינונג פון

רעגירונגס-ראַט, וואָס האָט באַשטימט אויף מאָרגן עלף אַ זייגער אין דערפרי אָנצונעמען די אויסלענדישע געזאַנדטע און האָט געבעטן דערויף דעם קיניגס הסכמה.

טאָם האָט ווי פרעגנדיק אַ קוק געטאָן אויף דעם לאָרד הערטפאָרד, יענער האָט אים שטילערהייט געזאָגט.

— אייער מאַיעסטעט וועט באַווילקן איינצושטימען — זיי וועלן קומען אויך אויסדריקן דעם טרויער און מיטגעפיל פון זייערע קיניגלאַכע הערשער אין דעם שווערן פאַרלוסט, וואָס עס האָט געטראָפן אייער מאַיעסטעט און דאָס קיניגרייך פון ענגלאַנד.

טאָם האָט געפאָלגט זיין עצה.

אַ צווייטער סעקרעטאַר האָט גענומען לייענען אַ באַריכט וועגן די הויז-הוצאות פון דעם געוועזענעם קיניג, וואָס האָבן דערגרייכט ביז אַכט-און-צוואַנציק טויזנט פונט שטערלינג פאַר די פאַרגאַנגענע זעקס חדשים — אַ סכום געלט, וואָס טאָם האָט קיינמאָל אַזוינס ניט געהערט, ער האָט זיך נאָך מער פאַרוואונדערט, ווען ער האָט דערהערט, אַז פון דערדאָזיקער סומע איז נאָך פאַראַן צוואַנציק טויזנט פונט שטערלינג ניט באַצאָלטע חובות, און ער האָט גאָר אויפגעעפנט דאָס מויל פון וואונדער, ווען ער האָט ווייטער דערהערט, אַז דעם קיניגס קופערטן זיינען פּוסט, און אַז צוועלף הונדערט דינער זיינען שטאַרק ניט צופרידן וואָס מען צאָלט זיי ניט קיין שכירות.

טאָם האָט מיט שטאַרקער אויפרעגונג געזאָגט:

— מיר גייען אונטער — דאָס איז קלאָר ווי דער טאָג. ס'איז נויטיק ווי לעבן מיר זאָלן נעמען אַ קלענערע דירה און אָפּלאָזן די דינערשאַפט. סיי ווי סיי טויגן זיי אויף כפרות, מחמת זיי טוען גאָרניט און שטערן נאָר. ס'איז אַ ווייטאָק און אַ חרפה צו באַנוצן זיך מיט זייער באַדינונג, וואָס פּאַסט סיידן פאַר אַ ליאַלקע, וואָס האָט ניט קיין מאַרך אין קאָפּ און קיין הענט אַליין זיך צו העלפן. איך דערמאָן זיך אָן אַ קליין שטיבל וואָס איז געשטאַנען געגנאיבער דעם פיש-מאַרק לעבן בילינגסגייט...

אַ שטאַרקער דריק מיטן האַנט האָט אָפּגעשטעלט טאָמס נאַרישן צונג. טאָם איז רויט געוואָרן. אָבער אויף די פּנימער

פון די אַרומיקע איז ניט געווען קיין שום צייכן, אַז זיי האָבן
באַמערקט דידאָזיקע מאָדנע רייד.

נאָך אַ סעקרעטאַר האָט געמאַכט אַ פאָרטראַג, וואו ער האָט גע-
מאָלדן, אַז היות דער פאַרשטאָרבענער קיניג האָט אָפּגעשריבן
אין זיין צואה, דעם גראַף הערטפאָרד דעם טיטול הערצאָג,
זיין ברודער סער טהאָמאַס סיימור — דעם טיטול פער,
הערטפאָרדס זון—דעם טיטול גראַף, און דאָס גלייכן זאָלן נאָך
אייניקע וויכטיקע הויף-לייט דערהויבן ווערן אין זייערע ראַנגען,—
בכן, האָט דער אַפּוטרפּסים-ראַט באַשלאָסן צו באַשטימען אַ זי-
צונג אויף דעם זעכצנטן פעווראַל, צו באַשטעטיקן און איבער-
צוגעבן די אַלע טיטלען. באָר אַזוי ווי דער פאַרשטאָרבענער קי-
ניג האָט שריפטלאַך ניט אָפּגעזאָגט קיין גיטער וואָס זאָלן געבן
די אויבנדערמאָנטע הויפלייט די מעגלאַכקייט צו פירן דעם גע-
העריגן שטאַט, ווי עס פּאַסט זיך פאַר זייערע טיטלען,—האָט דער
ראַט, ווּיסנדיק פּריוואַט דעם קיניגס וואונטש אין דעמדאָזיקן
ענין, געפונען פאַר נויטיק צו שענקען סיימורן לאַנד אין דער
ווערט פון פינף הונדערט פונט שטערלינג, הערטפאָרדס זון—אויף
אַכט הונדערט פונט שטערלינג און אויף דריי הונדערט פונט
שטערלינג דעם בישוף פון די פעלדער, וואָס ליגן אין שכנות
מיט זיין לאַנד,—אויב דער קיניג וועט עס באַווּיליקן.

טאָם האָט שוין געוואָלט אַרויסשפּריגען מיט אַ באַמער-
קונג, אַז ס'וואָלט, געווען מער יושר צו באַצאָלן דעם קיניגס
חובות און ניט וואַרפן זיך אַזוי מיט מתנות, אָבער אַ ריר מיטן
האַנט פון דעם אויפמערקזאַמען הערטפאָרד האָט אים פאַר-
היט פון דערדאָזיקער אומפאָרזיכטיקייט, און ער האָט אָן ווער-
טער געגעבן זיין קיניגלאַכע הסכמה, אָבער אינערלאַך שטאַרק
אומצופרידן.

זיצנדיק אַ ווײַלע פאַרטראַכט וועגן די מערקווירדיקע און
וואונדערלאַכע מעשים וואָס ער טוט דאָ אָפּ,—איז אים מיטאַמאָל
איינגעפאַלן אַ גליקלאַכער געדאַנק: פאַרוואָס ניט מאַכן זיין מאַמע
פאַר הערצאָגין פון שמוץ-געסל און שענקען איר אַ פאָר גיטער?
אָבער גלייך נאָכדעם איז געקומען דער טרויעריקער געדאַנק:

ער איז דאָך ניט מער ווי אַ קיניג לויטן נאָמען, אין דער אמתן אָבער זיינען דאָך אָט די אַלטע וויכטיקע זקנים און לאָרדן זיינע באַלעבאַטים און אַפּוטרופּסים. און, אויב ער וועט זיי זאָגן וועגן זיין מוטער, וועלן זיי עס אָננעמען פאַר אַ נייע משוגעת און וועלן שיקן נאָכן דאָקטאָר.

די לאַנגווייליקע אַרבעט איז לאַנגזאַם געגאַנגען ווייטער. פּעטיציעס, בקשות פּראָקלאַמאַציעס און אַלערליי לאַנגע, נודנע און לאַנגווייליקע פּאַפּירן, וואָס זייגען נוגע געזעלשאַפטלאַכע ענינים זייגען געלעזן געוואָרן. טאָם האָט שוין מער ניט געקענט אויסהאַלטן, האָט טרויעריק אָפּגעזיפצט און אַ קלער געטאָן: „מיט וואָס האָב איך עס אַזוי פאַרזינדיקט אַנטקעגן באַרמהאַרציקן גאָט וואָס ער האָט מיך אַוועקגענומען פון די פרייע פעלדער, פון דער פרישער לופט און זונענשיין, מיך פאַרשפאַרט דאָ, מיך געמאַכט פאַר אַ קיניג און פייניקט מיך אַזוי."

זיין אָרים, צעטומלט קאָפּ האָט זיך עטלאַכע מאָל אַ וויג געטאָן און איז געפאַלן אויפן אַקסל. די גאַנצע רעגירונגס=מאַשין האָט זיך אָפּגעשטעלט, ווייל ס'האָט זיך אָפּגעשטעלט די קיניגלאַכע באַוועגונגס קראַפט—דער באַשטעטיקונגס=כוח...

אַ שטילקייט האָט געהערשט אַרום דאָס שלאָפעדיק קינד און די גרייז-גרויע מלוכה=מענער האָבן איבערגעהאַקט זייערע באַראַטונגען.

אין פאַרלויף פון פאַרמיטאָג האָט ט אָ ם געהאַט אַן אָנגענעמע שעה. זיינע וועכטער: לאָרד ה ע ר ט פ אָ ר ד און ס ע נ ט-ד ז ש אָ ן האָבן אים ערלויבט צו זען זיך מיט דער פרינצעסין ע ל י ז אַ ב ע ט און מיט דער קליינער ליידי ד ז ש ע נ י ג ר י י.

די פרינצעסינס זייגען אָבער געווען זייער נידערשלאָגן און פאַרטרויערט צוליב דעם גרויסן אומגליק, וואָס האָט געטראָפן דאָס קיניגלאַכע הויז און דער סוף פון וויזיט איז נאָך מער איבערגעפירט געוואָרן דורך דעם באַזוך—פון זיין עלטערער „שוועסטער" מ ע ר י — (באַוואוסט שפּעטער אין דער געשיכטע אונטער דעם נאָמען „ד י ב ל ו ט י ק ע מ ע ר י"),—וואָס האָט מיט אים גע-

פירט אַן ערנסטן שמועס, וועלכער האָט אין זיינע אויגן געהאַט די איינציקע מעלה וואָס ער איז געווען קורץ.

אַ פּאָר מינוט האָט ער געהאַט פאַר זיך אַליין דערנאָך האָט זיך אים פאָרגעשטעלט אַ מאָגער יינגל פון אַ יאָר צוועלף פון קאָפּ ביז די פיס דורך אין שוואַרצן—אַחוץ דעם שניי ווייסן שפּיציקן קראַגן און מאַנזשעטן — קיין טרויער באַנד האָט ער אויפן אַרבל ניט געטראָגן, נאָר אויפן אַקסל איז ביי אים געווען אַ רויטער בענדל, אַלס צייכן פון טרויער. ער האָט זיך דערנעענטערט מיט שנעלע טריט און איז אַ פאַל געטאָן פאַר טאָמען אויף איין קני. טאָם איז געזעסן רואיק און האָט אים אַ ווײַלע באַטראַכט, נאָכהער געזאָגט:

— שטיי אויף, יינגל, ווער ביסטו און וואָס פאַרלאַנגסטו?

דאָס יינגל האָט זיך אויפגעהויבן און איז געבליבן שטיין אין אַ פרייער פּאָזע, אָבער מיט אַן אויסדרוק פון זאָרג אויף זיין פּנים. ער האָט געזאָגט:

— דו מוזט מיך געוויס געדענקען, מיין האַר, איך בין דאָס יינגל וואָס מען שמייסט אָנשטאָט דיר.

— מיין שמייס-יינגל?

— דער זעלביקער מיין האַר, איך בין העמפרי, העמפרי. מאַרלאָאו.

טאָם האָט אַ קלער געטאָן, אַז פאַר אים שטייט איינער, וועגן וועלכן זיינע אויפפּאַסער האָבן אים אייגנטלאַך געדאַרפט קלאָר מאַכן.

די לאַגע איז געווען אַ שווערע. וואָס זאָל ער דאָ טאָן? מאַכן זיך, אַז ער קען דאָס יינגל און דערנאָך אַרויסגעבן זיך מיט יעדן וואָרט, אַז ער האָט אים קיינמאָל פריער אין די אויגן ניט געזען? ניין, דאָס טייג ניט. מיטאַמאָל איז אים איינגעפאַל אַ גוטער געדאַנק: אַזעלכע צופאַלן קענען דאָך אָפט פּאַסירן און איצט, ווען לאָרד הערטפאָרד און סענט-דזשאָן, וואָס זיינען באַשטימט געוואָרן אין דער אפּוטרפּסים-קאָמיסיע, און זיינען שטאַרק פאַרנומען, איז ניטאָ ביי וועמען צו פרעגן אויך, איז אפשר גלייכער אויסצואַרבעטן אַ פּלאַן, ווי אַזוי אַרויסצופּלאָנ-

טערן זיך פון אַזעלכע פאַרלעגנהייטן. יאָ, דאָס איז אַ גלייכע זאַך. ער וועט עס אויספּרובירן אויף דאָס יינגל און זען ווי גייט עס.

און, רייבנדיק אַ ווײַלע דעם שטערן, האָט ער פאַרזאָרגט געזאָגט:

— יאָ-אָ, דוכט זיך, אַז איך קען דיך, יאָ עפּעס דערמאָן איך זיך — אָבער מײַן זכרון איז אַזוי פאַרטונקלט און אָפּגעשוואַכט די לעצטע צײַטן דורך מײַנע יסורים.

— אַך, מײַן אָרימער הערשער! — האָט דער שמייס-יינגל אויסגערופן מיט רחמנות און באַלד צוריק פאַרכאַפּט זיך, אַ טראַכט געבנדיק: „טאַקע אמת, זיי זאָגן, אַז ער איז ניט ביים זינען — נעבאַך! אָבער אַן אומגליק האָט מיך געטראָפן, ווי איך פאַרגעס זיך אַ ביסל! מען האָט דאָך מיר אָנגעזאָגט, כ׳זאָל זיך מאַכן ניט באַמערקנדיק, אַז ניט אַלץ איז ביי אים אין אָרדנונג.

— ס׳איז מערקווירדיק ווי מײַן זכרון פאַראַט מיך לעצטנס — האָט טאָם ווייטער געזאָגט, — אָבער דו קוק דערויף ניט — עס ווערט מיר וואָס ווייטער אַלץ בעסער. אַ קלייגער וואונק איז מיר אָפט גענוג איך זאָל זיך דערמאָנען זאַכן און נעמען, וואָס איך האָב געווען פאַרגעסן. (און ניט נאָר אַזעלכע, וואָס כ׳האָב פאַרגעסן, נאָר אַפילו אַזעלכע, וואָס איך האָב קיינמאָל ניט געוואוסט, ווי דער יינגל וועט זיך באַלד איבערצייגן — האָט טאָם פאַר זיך געקלערט).

— אָ, דאָס האַנדלט זיך וועגן אַ קלייניקייט, מײַן הערשער, דאָך וועל איך עס באַרירן, אויב אײַער גנאָד באַוויליגט: מיט צוויי טעג צוריק, ווען אײַער גנאָד האָט אויף דער גריכישער לעקציע געמאַכט דריי טעותן, טוסטו געדענקען, מײַן האַר?

— יאָ-אָ-אָ, מיר שיינט איך געדענק... (ס׳איז ניט גאָר אַ ליגן: ווען כ׳וואָלט זיך איבערהויפּט צוגערירט צו גריכיש, וואָלט איך געמאַכט ניט דריי, נאָר דרייסיק טעותן) — יאָ, איך דערמאָן זיך — ווייטער!

— דער לערער, זייענדיק בייז פאַר אַזאַ נאַכלעסיקע און

ניט אויפמערקזאַמע אַרבעט — ווי ער האָט עס אָנגערופן, — האָט צוגעזאָגט גוט אָפּצושמייסן מיך דערפאַר און...

— דיך שמייסן! — האָט טאָם אויסער זיך פון וואונדער אויסגערופן, — פאַרוואָס קומט דיר שמייסן פאַר מיינע פעלערן?

— אַך, אייער גנאָד פאַרגעסט ווידער, ער שינדט פון מיר די הויט יעדעס מאָל, ווען אייער גנאָד מאַכט פעלערן אויף די לעקציעס.

— אמת, אמת, כ'האָב גאָר געווען פאַרגעסן. דו מאַכסט מיט מיר די לעקציעס און ווען איך ווייס ניט, מיינט ער, אַז דו האָסט שלעכט געטאָן דיין פליכט און...

— אָ, קיניג, וואָס זיינען דאָס פאַר אַ ווערטער? איך, דער נידעריקסטער פון דיינע דינער וואָלט זיך דערוועגן דיך צו לערנען!?

— אין וואָס־זשע באַשטייט דיין שולד? וואָס איז דאָס פאַר אַ רעטעניש? בין איך באמת משוגע, אָדער דו ביסט פון זינען אַראָפּ? גיב מיר צו פאַרשטיין. רייד ווערטער!

— אָבער, אייער מאַיעסטעט, דאָ איז נישטאָ וואָס צו געבן צו פאַרשטיין. קיינער טאָר ניט באַרירן די הייליקע פּערזאָן פון דעם פּרינץ מיט קלעפּ. דעריבער, ווען ער מאַכט עפּעס אַ פעלער, נעם איך אויף זיך די שטראָף, און אַזוי דאַרף זיין אויך, וואָרים דאָס איז מיין שטעלע און איך לעב דערפון *).

טאָם האָט געקוקט אויף דעם יינגל, וואָס איז רואיק געשטאַנען פאַר אים, און געטראַכט: „טאַטע זיסער! ט'איר שוין געזען אַזוינס? וואָס פאַר אַ מאָדנע און מערקווירדיקע פּראָפעסיע אַ חידוש וואָס זיי האָבן ניט געדונגען אַ יינגל, וואָס זאָל זיך קאָמען און אָנטאָן פאַר מיר. הלוואַי וואָלטן זיי עס געטאָן, וואָלט איך בעסער אַליין געגומען די שמיץ און וואָלט געדאַנקט גאָט פאַרן בייטן זיך.

דאַן האָט ער זיך געווענדט צום יינגל און געפרעגט:

---

*) דזשיימס דער ערשטער און טשאַרלז דער צווייטער האָבן געהאַט שמייס־יינגלאַך ווען זיי זיינען געווען קליינע פּרינצלאַך.

— און האָט מען דיך, מיין אָרים פריינד, געשמיסן ווי מען האָט דיר צוגעזאָגט?

— ניין, אייער מאַיעסטעט, מיין שטראָף איז געווען באַשטימט אויף היינט, און אפשר וועט עס איינגאַנצן בטל ווערן, צוליב דעם טרויער, וואָס אונז האָט געטראָפן. איך ווייס ניט, בין איך געווען אַזוי דרייסט און געקומען אהער דערמאָנען אייער גנאָד וועגן דעם גנעדיקן צוזאָג אָנצונעמען זיך פאַר מיר.

— צו פאַרהיטן דיך פון שמיץ?

— אָ, אייער גנאָד האָט זיך דערמאָנט?

— זעסטו, מיין זכרון ווערט בעסער. זיי רואיק, דיין רוקן וועט בלייבן ניט געפאַטשעט, איך וועל 'שוין דערפאַר זאָרגן.

— אָ, איך דאַנק, מיין גוטער הערשער! — האָט דאָס יינגל אויסגעשריען, פאַלנדיק אויף די קני, — איך בין אפשר צו דרייסט דאָך וועל איך...

זעענדיק, אַז הע מפרי קווייכלט, האָט אים טאָם אונטערגעגעבן מוט זאָגנדיק, אַז ער איז היינט „אין אַ גוטער שטימונג".

— אויב אַזוי, וועל איך אַרויסזאָגן, וואָרים עס ליגט מיר אויפן האַרצן. אַזוי ווי דו ביסט שוין מער ניט פרינץ פון וועלש, נאָר קיניג און קענסט באַפוילן וואָס דו ווילסט און קיינער וועט זיך ניט דערוועגן צו זאָגן דיר: ניין, — דעריבער האָט קיין זין ניט דיין גנאָד זאָל זיך אָפּגעבן מיט לאַנגווייליקע שטודיומס, קענסטו דאָך הייסן פאַרברענען אַלע דיינע ביכער און ווענדן דיינע געדאַנקען צו עטוואָס בעסערס און וויניקער לאַסטיקעס, דאַן בין איך פאַרלאָרן און צוזאַמען מיט מיר — מיינע שוועסטער די יתומות.

— פאַרלאָרן? פאַרוואָס? זאָג, איך בעט דיך.

— מיין רוקן איז מיין ברויט, אָ, מיין גנעדיקער האַר און ווען מיין רוקן וועט רוען, וועל איך הונגערן: אויב דו וועסט אויפהערן צו לערנען, וועט מיין שטעלע אָפּגעשאַפט ווערן, ווייל מען וועט שוין מערניט דאַרפן קיין שמייס-יינגל. אָ, פאַריאָגט מיך ניט פונדאַנען!

טאָם איז גערירט געווען פון דעם יינגלס אויפריכטיקער פאַרצווייפלונג, און ער האָט מיט עכט קיניגלאַכער גרויסמוטיקייט געזאָגט:

— באַאומרואיק זיך ניט מער, יינגעלע, דיין שטעלע בלייבט פאַר דיר און פאַר דיינע קינדס-קינדער אויף אייביק.

דאַן האָט ער אַ לייכטן קלאַפּ געגעבן מיט דער פלאַכע פון שווערד אויף דעם יינגלס אַקסל—אַ סימן פון קיניגלאַכן גנאָד— און געזאָגט:

— שטיי אויף העמפרי מאַרלאָאו, ערבלאַכער גרויס-שמייס-יינגל צום קיניגלאַכן הויף פון ענג-לאַנד! פאַרטרייב דיין זאָרג; איך וועל זיך ווידער נעמען צו מיינע ביכער און וועל זיך לערנען אַזוי שלעכט, אַז זיי וועלן דיר מוזן פאַרגרעסערן דיין געהאַלט אין דריי מאָל—אַזוי פיל אַרבעט וועט זיין פאַר דיין רוקן.

דער דאַנקבאַרער העמפרי האָט מיט היץ אויסגערופן:

— אַ דאַנק, אַ דאַנק, אָ, מיין נאָבעלער באַשיצער! די דאָזיקע קיניגלאַכע ברייטהאַנטיקייט האָט איבערגעשטייגט אַלע מיינע ווילדסטע פאַנטאַזיעס וועגן גליק. איצט וועל איך און אַלע פון דער משפחה מאַרלאָאו, וואָס וועלן קומען נאָך מיר, זיין גליקלאַך ווי לאַנג מיר וועלן לעבן.

טאָם האָט געהאַט שכל גענוג צו פאַרשטיין, אַז דאָ שטייט פאַר אים אַ יינגל וואָס קען אים נוציק זיין, ער האָט אונטערגע-געבן העמפרין חשק צו ריידן, און יענער איז ניט געווען דאַגעגן. ער איז געווען אַנטציקט וואָס ער העלפט „אויסצוהיילן" טאָמען: וואָרים ער האָט באַמערקט, אַז יעדעס מאָל, ווען ער רופט אַרויס אין זיין זכרון איינצלהייטן וועגן פּאַסירונגען אין דעם קיניגלאַכן קלאַס-צימער אָדער ערגעץ אַנדערש אין פּאַלאַץ,— „דערמאָנט" זיך טאָם אָן דאָס איבעריקע מיט אַלע ברעקעלאַך. אין אַ שעה אַרום איז טאָם געווען אָנגעלאָדן מיט זייער ווי‌כטיקע ידיעות וועגן פּערזאָנען און זאַכן, וואָס זיינען נוגע דעם הויף, און ער האָט באַשלאָסן צו שעפּן ידיעות פון דעמזעלביקן קוואַל יעדן טאָג. ער וועט דעריבער אָפּגעבן אַ באַפעל, מען זאָל צולאָזן

העמפרין ווען ער וועט קומען, אויב זיין מאַיעסטעט, דער קי־ניג פון ענגלאַנד וועט ניט זיין פאַרנומען מיט אַנדערע פערזאָ־נען.

העמפרי איז נאָר וואָס אַרויסגעגאַנגען ווען דער לאָרד הערטפאָרד איז אַריין און געבראַכט טאָמען נייע זאָרג.

ער האָט געזאָגט, אַז אַזוי ווי דער אַפּוטרופּסים־ראַט האָט מורא, אַז די איבערטריבענע קלאַנגען וועגן דעם קיניגס צע־שטערטן געזונט קענען פאַרשפּרייט ווערן אין לאַנד און אויסער לאַנד,—האָבן זיי געפונען פאַר גלייך און נויטיק, אַז זיין מאַיעס־טעט זאָל אין אַ טאָג אָדער צוויי טעג אַרום אָנהייבן עסן זיין מיטאָג אין דער עפנטלאַכקייט. זיין געזונטע געזיכטס־פאַרב און זיכערער טראָט צוזאַמען מיט זיינע איינגעהאַלטענע מאַנערן, פרייע און פיינע באַנעמונג, וועט בעסער פון אַלץ באַרואיקן דאָס פאָלק, אין פאַל אויב וועלכע ס׳איז אומגעווינטשטע קלאַנגען האָבן זיך שוין פאַרשפּרייט.

דאַן האָט דער גראַף זייער פאָרזיכטיק גענומען לערנען טאָמען ווי אַזוי ער דאַרף זיך אויפפירן אין דער עפנטלאַכקייט. ער האָט עס געמאַכט אַזוי, ווי ער וואָלט אים כלומרשט, „דער מאָנט" זאַכן, וואָס טאָם ווייס שוין פון לאַנג. אָבער צו דעם גראַפס גרויס צופרידנקייט האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז טאָם נוי־טיקט זיך ניט שטאַרק אין אַזעלכע אָנווייזונגען—דערוויסנדיק זיך נאָך פריער פון העמפרין, אַז ווערדליק ווי ער האָט געהערט ריידנדיק, וועט דער קיניג אין אַ פּאָר טעג אַרום אָנהייבן מיטאָג עפנטלאַך. טאָם האָט אָבער וועגן דעם פאַרשוויגן.

זעענדיק, אַז דעם קיניגס זכרון האָט זיך אַזוי געבעסערט, האָט דער גראַף, באַשלאָסן צו פּרובירן ווי פאַרבייגייענדיק, ווי ווייט די פאַרבעסערונג איז געגאַנגען. די רעזולטאַטן זיינען אין איני־גע פאַלן געווען זייער גוטע—דאָרטן, וואו די צייכנס פון העמפ־ריס ידיעות זיינען פאַרבליבן. אין אַלגעמיין האָט זיך דער גראַף געפילט זייער צופרידן און — אויף אַזויפיל געמוטיקט, אַז ער האָט אין אַ שטילער און האָפנונגספולער שטים געזאָגט:

— איצט בין איך זיכער, אַז ווען אייער מאַיעסטעט זאָל

נאָר אָנשטרענגען דעם זכרון אַ ביסל ווייטער, וועט ער געוויס לייזן די רעטעניש פון דעם גרויסן שטעמפּל.—דער פאַרלוסט פון דעם שטעמפּל האָט געהאַט אַ גרויסע באַדייטונג נעכטן, כאָטש היינט האָט עס שוין קיין שום באַדייטונג ניט, מחמת זיין ווערט האָט זיך געענדיקט צוזאַמען מיטן לעבן פון דעם געוועזענעם קיניג. וועט אייער גנאָד באַווייליגן צו מאַכן די אָנשטרענגונג און דערמאָנען זיך, וואו ער האָט אַהינגעטאָן דאָס שטעמפּל?

טאָם איז געווען פאַרפּלעפט: — אַ גרויסער שטעמפּל איז פאַר אים געווען אַ גאַנץ אומבאַקאַנטע זאַך.

קווינקלענדיק אַ ווײַלע, האָט ער אומשולדיק אַ קוק געטאָן אויף דעם לאָרד הערטפאָרד און געזאָגט:

— ווי זעט אויס אַ שטעמפּל, מיין לאָרד?

דער לאָרד האָט אַ ציטער געטאָן, מורמלענדיק צו זיך אַליין: „אַך, זיין פאַרשטאַנד איז ווידער פאַרשוואונדן! ס'איז געווען אַ קנאַפּער שכל פון מיר צו לאָזן אים אַזוי אָנשטרענגען זיין מוח".

און ער האָט גיך גענומען ריידן וועגן עפּעס אַנדערש, כדי אָפּצואווענדן טאָמס געדאַנקען פון דעם אומגליקלאַכן שטעמפּל־ און דאָס איז אים לייכט געלונגען אויך.

פופצעטער קאַפּיטל.

טאָם — אַ קיניג.

אויף מאָרגן זיינען געקומען די אויסלענדישע אַמבאַסאַדאָרן מיט זייערע גלענצנדע סוויטעס. טאָם האָט זיי אויפגענומען זיצנדיק אויפן טראָן מיט גרויס פייערלאַכקייט.

די פּראַכט און גלאַנץ פון דאָס בילד האָט פון אָנהויב געפרייט זיין אויג און צעהיצט זיין פאַנטאַזיע אָבער די אוידיענץ האָט זיך פאַרצויגן און איז געוואָרן לאַנגווייליק. דאָס גלייכן — דאָס רוב פון די רעדעס,—און דאָס, וואָס ס'איז פון אָנפאַנג געווען פאַר אים אַ פאַרגעניגן, איז צום סוף געוואָרן אַ לאַסט, האָט אים מיד געמאַכט און אַרויסגערופן ביי אים אַ בענקעניש נאָך דער היים.

טאָם האָט, פון צייט צו צייט, נאָכגעזאָגט די ווערטער, וואָס הערטפאָרד האָט אים אַריינגעלייגט אין מויל און באַמיט זיך מיט אַלע כוחות געוויסנהאַפטיק אויסצופירן זיין ראָליע, אָבער ער איז נאָך צו ווייניק געוואוינט געווען צו אַזעלכע זאַכן, און האָט, זיך צופיל געפילט געבונדן, ער זאָל שפּילן זיין ראָלע גאָר גוט.

ער האָט אויסגעזען כמעט ווי אַ קיניג, אָבער ער האָט זיך בשום אופן ניט געקענט פילן אַלס קיניג, און איז דעריבער שטאַרק צופרידן געווען, ווען די צערעמאָניע האָט זיך סוף־כל־סוף געענדיקט.

דאָס גרעסטע טייל פון טאָג איז ביי אים „צעריבן געוואָרן“— ווי ער האָט עס—אָנגערופן — און פאַרשיידענע אַרבעט, וואָס זיי־

נען פאַרבונדן געווען מיט זיינע קיניגלאַכע פליכטן. אַפילו די צוויי שעה וואָס זיינען אָפּגעגעבן געוואָרן אויף פאַרשיידענע קיניגלאַכע פאַרווייַלונגען,—זיינען פאַר אים אויך געווען מער לאַסט, ווי פאַרגעניגן — אַזוי שטאַרק זיינען זיי געווען באַשרענקט מיט אַלערליי באַגרענצונגען און עטיקעט-צערעמאָניעס. איין שעה נאָר האָט ער געהאַט אַ גוטע,—דאָס איז די שעה, וואָס ער האָט פאַרבראַכט מיט העמפרי. דידאָזיקע שעה האָט ער גערעכנט פאַר אַן אמת געפונענע, מחמת זי האָט אים געגעבן אי פאַרגעניגן אי נויטיקע ידיעות.

דער דריטער טאָג פון טאָמס קיניגטום איז פאַרבייגעגאַנגען אַקוראַט ווי די פריערדיקע צוויי. אין איין פונקט נאָר האָבן זיך די וואָלקנס עטוואָס אויסגעלייטערט: ער האָט זיך געפילט אַ ביסל פרייער ווי פריער. ער האָט אָנגעהויבן אַ ביסל צוגעוואוינען זיך צו זיין לאַגע און צו דאָס אַרומיקע לעבן. ער האָט נאָך געפילט אויף זיך די קייטן, אָבער ניט די גאַנצע צייט. די געזעלשאַפט פון גרויסע לייט און דער כבוד, וואָס זיי גיבן אים אָפּ איז אים מיט יעדער שעה אַלץ ווייניקער און ווייניקער געווען צו לאַסט. און ווען ניט די מורא פאַר די עפנטלאַכע מאָלצייטן, וואָס האָבן זיך היינט געדאַרפט אָנהויבן, וואָלט ער באַגעגנט דעם פערטן טאָג כמעט רואיק.

עס זיינען פאָרגעשטאַנען וויכטיקערע זאַכן צו טאָן דעם זעלביקן טאָג: אין דעמזעלביקן טאָג האָט ער געדאַרפט זיין פאָרזיצנדער פון רעגירונגס-ראַט, וואָס וועט פרעגן זיינע מיינונגען און אויסהערן זיינע באַפעלן וועגן דער פּאָליטיק, וואָס זאָל אָנגעפירט ווערן בנוגע צו אויסלענדישע פעלקער אין אַלע טיילן פון דער וועלט; אין דעמזעלביקן טאָג וועט הערטפאָרד אָפיציעל אויסגעקליבן ווערן אויף דער גרויסער שטעל פון לאָרד רעגענט, אַנדערע וויכטיקע מלוכה-ענינים דאַרפן היינטיקן טאָג באַהאַנדלט ווערן, אָבער פאַר טאָמען זיינען עס אַלץ געווען קלייניקייטן אין פאַרגלייך מיט דער שטראָף פון גאָט צו עסן איינער אַליין מיט הונדערטער נייגעריקע אויגן געווענדט אויף אים און מיט מיילער אָן אַ צאָל, וואָס מאַכן פרושים אויף זיין האַלטונג און

אויף זיינע טעותן, אויב ער וועט זיין גענוג שלימזלדיק צו מאַכן זיי.

אָבער קיין זאַך האָט ניט געקאָנט אָפּשטעלן דעם גאַנג פון דער צייט אין טאָג וואָס איז געקומען. ער האָט געטראָפן טאָמען נידערשלאָגן, צעשטרייט און צעטראָגן. ער האָט בשום אופן ניט געקענט קומען צו זיך. די געוויינלאַכע פרימאָרגן־פליכטן זיינען אים געווען צו לאַסט און די הענט האָבן זיך ביי אים אַראָפּגע־לאָזן. ער האָט ווידער אַמאָל דערפילט די לאַסט פון געפאַנגענ־שאַפט.

אַרום האַלבן טאָג האָט ער אין גרויסן אויפנאַמס־זאַל גע־פירט אַ שמועס מיט גראַף הערטפאָרד, וואַרטנדיק ביז ס׳וועט קו־מען די באַשטימטע שעה אָפיציעל אויפצונעמען אַ געוויסע צאָל הויכע באַאַמטע און הויף־לייט.

טאָם איז צוגעגאַנגען צו אַ פענסטער און האָט זיך פאַר־אינטערעסירט מיט דער באַוועגונג און לעבן פון דער ברייטער וועג הינטערן פאַלאַץ — און ניט נאָר פאַראינטערעסירט זיך, נאָר מיטן גאַנצן האַרצן געוואונטשן אָנטייל צו נעמען אין דעם לעבן און פרייהייט פון דער גאַס — מיטאַמאָל האָט ער דערהערט אַ טו־מל פון פיס און דערזען אַ המון, מאַנסביל, פרויען און קינדער פון נידעריקסטן און אָרימסטן שטאַנד, לויפנדיק איבערן וועג.

— כ׳וואָלט געוואָלט וויסן וואָס אַזוינס קומט דאָרט פאָר! — האָט ער אויסגעשריען מיט דער גאַנצער יונגילשער נייגעריקייט.

— דו ביסט קיניג! — האָט דער גראַף פאַרנייגענדיק זיך פייערלאַך געענטפערט. — האָב איך די ערלויבניש פון אייער גנאָד צו געוואָר ווערן?

— אָ, יאָ! אָ, מיט פאַרגעניגן, יאָ! — האָט טאָם לעב־האַפט אויסגערופן, — קלערנדיק בעת מעשה מיט אַ צופרידנהייט, אַז נאָך אַלעמען האָט די קיניגלאַכע שטעל אירע באַקוועמלאַכ־קייטן און גוטע זייטן אויך.

דער גראַף האָט אַריינגערופן אַ פאַזש און געשיקט אים צום קאַפּיטאַן פון דער וואַך מיט דעם באַפעל:

— אָפּשטעלן דעם המון און דערוויסן זיך די סיבה פון דער באַוועגונג.—דאָס איז דעם קיניגס באַפעל!

אין אַ פּאָר מינוט אַרום האָט זיך אַ לאַנגע שורה קיניגלאַכע גוואַרדיע אין בלישטשעדיקע שטאָלענע פּאַנצערס אויסגעצויגן אין דער ברייט פון וועג און פאַרהאַלטן דעם המון.

אַ שליח איז באַלד געקומען צו מעלדן אַז דער המון לויפט עס נאָך אַ מאַנסביל, אַ פרוי און אַ יונג מיידל, וואָס ווערן געפירט צום עשאַפאָט פאַר פאַרברעכנס, וואָס זיי האָבן באַגאַנגען. דער טויט — און אַ שרעקלאַכער טויט האָט ערוואַרט די דאָזיקע אָרימע שרעקלאַכע מענטשן! — דער דאָזיקער געדאַנק האָט אָנגערירט די סטרונעס פון טאָמס האַרצן. דאָס געפיל פון רחמנות האָט גענומען די אויבערהאַנט איבער אַלע אַנדערע געפילן. ער האָט ניט אַ קלער געטאָן וועגן דעם אַז די מענטשן האָבן געהאַנדלט געגן געזעץ, אַז זיי האָבן געבראַכט אומגליק און טרויער אויף זייערע קרבנות. ער האָט וועגן קיינזאַך ניט געקענט קלערן ווי נאָר וועגן דעם עשאַפאָט און דעם שרעקלאַכן גורל וואָס ערוואַרט די פאַרמשפּטע. זיין מיטגעפיל האָט אין אים פאַרטויבט אויף דעם מאָמענט דעם באַוואוסטזיין, אַז ער איז ניט מער ווי דער שטן פון אַ קיניג און נישט קיין אמתער קיניג. איידער ער האָט זיך נאָך באַטראַכט וואָס ער טוט, האָט ער אויסגעשאָסן:

— ברענגט זיי אַריין אַהער!

נאָר באַלד האָט ער זיך פאַרשעמט פאַר זיך אַליין. ער איז רויט געוואָרן און איז שוין גרייט געווען צו בעטן מחילה פאַר זיין היציקייט, נאָר באַמערקנדיק, אַז זיין באַפעל האָט ניט אַרויסגערופן קיין שום איבעראַשונג ניט ביים גראַף הערטפאָרד, ניט ביים פאַזש, האָט ער זיך אָפּגעהאַלטן און גאָרניט געזאָגט.

דער פאַזש, פאַרנייגנדיק זיך, ווי געוויינלאַך, איז היגטער־ווייַלעכטס אַרויס פון צימער אָפּצוגעבן דעם באַפעל.

טאָם האָט זיך דערפילט תקיף ביי זיך פון דער קראַפט וואָס אַ קיניגלאַכער אַמט גיט. ער האָט אַ קלער געטאָן: „אויף מיין וואָרט, ס׳איז דאָס זעלביקע וואָס איך האָב געפילט ווען איך פלעג לייענען דעם אַלטן גלחס מעשיות און פאָרגעשטעלט זיך

אליין פאַר אַ קיסר וואָס שאַפט געזעצן און גיט אָפּ אַלעמען באַ-פעלן: „טו דאָס, טו יענץ", און קיינער האָט ניט געוואַגט וו־דער צושפּעניקן מיר אָדער טאָן געגן מיין ווילן".

די טירן האָבן זיך ברייט געעפנט, און דאָס אָנקומען פון איין הויכגעשטעלטע פּערזאָן נאָך דער צווייטער איז געמאָלדן געוואָרן. דער זאַל איז גיך האַלבפול געוואָרן מיט אַדעליקע און אַריסטאָקראַטיע, אָבער טאָם האָט זיי קוים באַמערקט—אַזוי איז ער געווען אויפגערעגט און פאַראינטערעסירט מיט דער אַנדער מער וויכטיקער זאַך. ער האָט זיך אַוועקגעזעצט צעשטרייט אויף זיין שטול און מיט גרויס אומגעדולד געקוקט אויפן טיר. די פאַר-זאַמלטע האָבן, פאַרשטייט זיך, ניט געוואַגט צו באַאומרואיקן אים און האָבן געשמועסט צווישן זיך וועגן מלוכה-אינטערעסן און הויף-פּלוידערייען.

אין אַ ווײַלע אַרום האָבן זיך דערהערט די מעסיקע טריט פון זעלנער און די פאַרברעכער זיינען אַריינגעפירט געוואָרן אין זאַל אונטער דער וואַך פון אַ הילפס-שעריף און אַן אָפּטיילונג פון דער קיניגלאַכער גוואַרדיע.

דער געהילפס-שעריף האָט געקניט פאַר טאָמען, און איז אָפּגעטראָטן אָן אַ זייט, די דריי פאַרמשפּטע נפשות זיינען אויך אַנידערגעפאַלן אויף די קני און זיינען אַזוי געבליבן שטיין. די גוואַרדיע האָט זיך אויסגעשטעלט הינטער טאָמס שטול. טאָם האָט נייגעריק באַטראַכט די פאַרברעכער. עפּעס אין דעם מאַנס-בילס פּנים אָדער אין זיינע קליידער האָט אַרויסגערופן אין זיין זכרון ווי אַ טונקעלע ערינערונג. „מיר דוכט, אַז איך האָב אים פריער ערגעץ-וואו געזען... אָבער ווען און וואו—דאָס קען איך זיך ניט דערמאָנען"—האָט טאָם געקלערט. גראַד דאַמאָלסט האָט דער פאַרמשפּטער אַקוק געטאָן אויף טאָמען און שנעל צוריק אַראָפּגעלאָזן זיין קאָפּ ווי ער וואָלט ניט געקענט פאַרטראָגן די קיניגלאַכע גרויסקייט. אָבער דער איין בליק, וואָס טאָם האָט געוואָרפן אויף זיין פּנים איז פאַר אים גענוג געווען. „איצט איז די זאַך קלאָר, דאָס איז דאָך יענער אומבאַקאַנטער, וואָס האָט אַרויסגעשלעפּט דזשיילס אויט פון דער טעמז און געראַ-

טעוועט זיין לעבן אין יענעם קאַלטן ווינטיקן טאָג—דעם ערשטן טאָג פון ניי־יאָר—אַ מוטיקער, גוטער טאַט—אַ שאָד, וואָס ער האָט דערנאָך געטאָן ערגערע זאַכן און איז אַזוי מיאוס אַריינגעפאַלן...

איך האָב ניט פאַרגעסן ניט יענעם טאָג, ניט די שעה, מחמת אין אַ שעה אַרום, פונקט עלף אַ זייגער, האָט מיר די באָבע ק ע נ ־ ט י אַזוי צעשלאָגן, אַז אַלע קלעפּ, וואָס איך האָב געקראָגן פריער אָדער שפּעטער, זיינען געווען ניט מער ווי צאַרטע גלעטן אין פאַרגלייך מיט דעמדאָזיקן חלק...

ט אָ ם האָט באַפוילן די פרוי און דאָס מיידל זאָלן אויף אַ ווײַלע אַרויסגעפירט ווערן. דאַן האָט ער זיך געווענדט צום גע־ הילפס־שעריף און געזאָגט:

— נו, מיין הער, אין וואָס באַשטייט די שולד פון דעם־ דאָזיקן מענטשן?

— איך האָב די ערע צו מעלדן אייער מאַיעסטעט, אַז ער האָט פאַרסמט איינעם פון אייער מאַיעסטעטס אונטערטאַנער.

ט אָ מ ס רחמנות־געפיל מיט דעם פאַראורטיילטן און זיין ענטציקונג מיט אים, ווי מיט דעם רעטער פון ד ז ש י י ל ס או־ א י ט, איז שטאַרק געפאַלן ביי דערדאָזיקער ידיעה.

— איז דאָס באַוויזן געוואָרן?

— קלאָר ווי דער טאָג, אייער מאַיעסטעט.

ט אָ ם האָט אָפּגעזיפצט און געזאָגט:

— נעמט אים צו, ער האָט פאַרדינט זיין טויט־שטראָף. אַ שאָד, ער איז געווען אַזאַ בראַוער. הום, הום... כ׳מיין צו זאָגן,—ער זעט א ו י ס אַזוי בראַוו...

דער פאַראורטיילטער האָט מיט פאַרצווייפלונג פאַרבראָכן די הענט און, צופאַלנדיק צום „קיניג" מיט אַ צעבראָכן האַרץ געבעטן:

— אָ, מיין האַר און קיניג! דו וואָס האָסט רחמנות אויף פאַרלאָרענע, האָב רחמנות אויף מיר אויך! איך בין אומשולדיק— שוואַך איז מיין שולד באַוויזן געוואָרן — אָבער ניט וועגן דעם רייד איך איצט: דער אורטייל איז אַרויסגעטראָגן געוואָרן און וועט ניט געענדערט ווערן. דאָך, אין מיין לעצטער מינוט, בעט

איך רחמים, וואָרים מיין שטראָף איז גרעסער ווי איך קען פֿאַרטראָגן. גנאָד, גנאָד, מיין באַרמהערציקער קיניג! פֿאַרנעם מיין געבעט אין דיין קיניגלאַכן הארצן — באַפֿעל מען זאָל מיך הענגען!

טאָם איז אויסער זיך געוואָרן, אויף אַזאַ בקשה האָט ער זיך ניט געריכט.

— איך שווער ביי מיין לעבן — אַ מאָדנע גנאָד! איז דען די תּליה ניט דאָס, וואָס עס וואַרט אויף דיר?

— אָ, מיין גוטער קיניג, ניט דאָס! ס'איז באַפֿוילן געוואָרן מען זאָל מיך אָפּקאָכן לעבעדיקערהייט!... *)

ביי דידאָזיקע שרעקלאַכע ווערטער איז טאָם כמעט אויפֿגעשפּרונגען פֿון שטול. ווי נאָר ער איז געקומען צו זיך, האָט ער גלייך אויסגעשריען:

— דיין וואונטש וועט דערפֿילט ווערן, אומגליקלאַכער! און וואָלסטו אַפֿילו פֿאַרסמט הונדערט מענטשן, וואָלסטו ניט געדאַרפֿט שטאַרבן מיט אַזאַ שרעקלאַכן טויט.

דער געפֿאַנגענער איז צוגעפֿאַלן מיטן פּנים צו דער ערד און אין ליידנשאַפֿטלאַכע ווערטער גענומען דאַנקען אָן אַ שיעור, ענדיקנדיק מיט די ווערטער:

— אויב אַן אומגליק וועט דיך, חלילה, אַמאָל טרעפֿן — פֿון וואָס גאָט זאָל דיך מציל זיין, — זאָל דיין היינטיקע גוטהערציקייט

---

*) אין דער הערשאַפֿט פֿון הענרי דעם אַכטן, זיינען גיפֿט-מישערס, לויט אַ געזעץ פֿון פּאַרלאַמענט, פֿאַרמשפּט געוואָרן אָפּגעקאָכט צו ווערן לעבעדיקערהייט. דערדאָזיקער געזעץ איז בטל געוואָרן אין דער הערשאַפֿט פֿון קומענדיקן קיניג.

אין דייטשלאַנד איז דידאָזיקע שרעקלאַכע טויט-שטראָף נאָך באַנוצט געוואָרן אין זיבעצטן יאָרהונדערט. דער דיכטער טיילאָר באַשרייבט אַ טויט-שטראָף, וואָס ער האָט אין 1616-טן יאָר געזען אין האַמבורג. אַ געלט-מאַכער איז פֿאַרמישפּט געוואָרן אָפּגעקאָכט צו ווערן אין בוימאייל. מען האָט אים צוגעבונדן מיט אַ שטריק אונטער די פּאַכוועס און ביסלאַכווייס אַראָפּגעלאָזן אין קאָכעדיקן בוימאייל, ביז די פֿלייש איז אַראָפּ פֿון די ביינער. ד"ר האַמאָנד טרומבולים: „בלויע געזעצן" זייט 20.

צו מיר באַשטיין דיין זכות און גאָט זאָל דיר דערפאַר באַצאָלן כפל כפלים!

טאָם האָט זיך געווענדט צום גראַף הערטפאָרד און געזאָגט:

— מיין לאָרד, איז עס מעגלאַך, אַז מען האָט דעמדאָזיקן מענטשן פאַרמשפּט צו אַזאַ גרויזאַמען טויט?

— דאָס איז דער פּסק־דין פאַר גיפט־מישערס נאָך דעם ענגלישן געזעץ, אין דייטשלאַנד ווערן פאַלשע געלט־מאַכער גע־קאָכט לעבעדיקערהייט אין בוימאייל — ניט אַריינגעוואָרפן מיט איין מאָל, נאָר זיי ווערן אַראָפּגעלאָזן אויף אַ שטריק ביסלאַכווייז און לאַנגזאַם, פריער די פיאַטעס, דערנאָך די פיס, דערנאָך...

— אָ, הער אויף, איך בעט דיך מיין לאָרד, איך קען דאָס ניט הערן! — האָט טאָם אויסגעשריען, פאַרדעקנדיק די אויגן מיט די הענט, ווי ער וואָלט זיך געוואָלט באַשיצן פון דעם שרעק־לאַכן בילד, — איך בעט אייך, מיין גוטער לאָרד צו באַפעלן דער־דאָזיקער גרויזאַמער געזעץ זאָל געענדערט ווערן. אָ, זאָלן אומ־גליקלאַכע מענטשן ניט געפייניקט ווערן מער מיט אַזעלכע שרעק־לאַכע יסורים.

דעם גראַפס פנים האָט אויסגעדריקט טיפע צופרידנקייט, וואָרים ער איז געווען בטבע אַ גרויסמוטיקער און גוט־האַרציקער מענטש — אַ זאַך, וואָס מען האָט ניט אָפט באַגעגנט צווישן מענטשן פון זיין מדרגה אין יענער גרויזאַמער עפּאָכע.

— דידאָזיקע נאָבעלע ווערטער פון אייער גנאָד האָבן שוין געענדערט דאָס געזעץ — האָט לאָרד הערטפאָרד געזאָגט, — די געשיכטע וועט עס פאַרצייכענען צו דער ערע פון דאָס קיניג־לאַכער הויז.

דער געהילף־שעריף האָט שוין געוואָלט אַרויספירן דעם געפאַנגענעם, ווען טאָם האָט געגעבן אַ צייכן אָפּצוואַרטן, און געזאָגט:

— איך וואָלט געוואָלט אַ ביסל טיפער אַריינדרינגען אין דער זאַך: דער מאַן זאָגט, אַז זיין שולד איז אַזוי גוט ווי ניט באַוויזן געוואָרן. זאָג מיר, וואָס ווייסטו וועגן דעם.

— איך האָב די ערע צו מעלדן אייער קיניגלאַכער גנאָד, אַז ס'איז אויפגעוויזן געוואָרן אין געריכט, אַז דערדאָזיקער מענטש איז אַריין אין דערפל איסלינגטאָן אין אַהויז, וואו ס'איז געלעגן אַקראַנקער — דריי עדות באַשטעטיקן, אַז דאָס איז געווען צען אַזייגער אינדערפרי, און צוויי זאָגן, אַז אַפּאָר מינוט שפּע־טער, — דער קראַנקער איז געלעגן איינער אַליין און געשלאָפן. אין אַפּאָר מינוט אַרום איז דער באַשולדיקטער צוריק אַרויס פון שטוב און איז געגאַנגען זיין וועג. דעם חולה האָט אינגיכן גע־כאַפּט ספּאַזמעס און ווייניקער ווי אין אַשעה צייט אַרום, האָט ער געאָט די נשמה אָפּגעגעבן.

האָט אימיצער געזען ווי מען האָט דעם קראַנקן איינגע־געבן סם? איז סם געפונען געוואָרן?

— אָ, ניין, מיין האַר.

— ווי אַזוי־זשע קען מען איבערהויפּט וויסן, אַז סם איז געגעבן געוואָרן?

איך ערלויב מיר צו מעלדן אייער מאַיעסטעט, אַז די דאָק־טוירים האָבן באַשטעטיקט, אַז אַזעלכע סמנים ווי ספּאַזמעס און ברעכן זיינען פאַראַן נאָר ביי פאַרגיפטונג.

וויכטיקע באַווייזן פאַר יענער פשוטער עפּאָכע.

טאָם האָט באַגריפן די וויכטיקייט פון דעם באַווייז און געזאָגט:

— די דאָקטוירים וויסן זייער פאַך. מין־הסתם זיינען זיי גערעכט. עס האַלט שלעכט מיט דעמדאָזיקן אומגליקלאַכן.

— דאָס איז אָבער נאָך גיט גאָר, אייער מאַיעסטעט. פאַ־ראַן נאָך מער און ערגערס. אַסך מענטשן דערציילן, אַז אַמכשפה וואָס איז זינט דאַמאָלסט אַוועק פון דאָרף, קיינער וויים ניט וואו־הין, האָט פאָראויסגעזאָגט, און דערציילט זיי בסוד, אַז דער קראַנקער וועט שטאַרבן פון סם, און נאָך מער, אַז אַן אומ־באַקאַנטער וועט עס אים איינגעבן — אַן אומבאַקאַנטער מיט טונ־קעלע האָר און אין אַלטע, פּראָסטע קליידער, און דער אַרעסטיר־טער איז צוגעפּאַסט צו דער שילדערונג פון דער מכשפה — זאָל נאָך פעלן אַהאָר. זאָל אייער מאַיעסטעט באַוויליקן גוט איבער־

צווען די זאַך, בעמענדיק אין אָנבאַטראַכט, אַז ס׳איז פּאָראויס-געזאָגט געוואָרן.

אין יענער אַבערגלויביקער צייט איז עס געווען אַן אַרגו-מענט פון גוואַלדיקער קראַפט. טאָם האָט געפילט, אַז די זאַך איז געענדיקט. אויב באַווייזן האָבן איבערהויפּט אַ ווערט, איז די שולד באַוויזן. פונדעסטוועגן האָט ער געגעבן דעם באַשולדיקטן אַ מעגלאַכקייט צו פאַרענטפערן זיך.

— אויב דו קענסט עפּעס זאָגן פאַר דיין פאַרטיידיקונג—זאָג.

— קיין זאַך ניט, וואָס זאָל נוצן ברענגען, מיין קיניג. איך בין אומשולדיק, דאָך קען איך עס ניט באַווייזן. איך האָב קיין פריינד ניט, אַז ניט וואָלט איך געקענט דערווייזן, אַז איך בין יענעם טאָג גאָרניט געווען אין איסלינגטאָן. איך וואָלט אויך געקענט באַווייזן, אַז אין דער שעה, וואָס זיי רופן אָן, בין איך גאָר געווען אַ מייל ווייט פון איסלינגטאָן אין אואָפּינג-אָלד-סטיירס. נאָך מער, מיין קיניג, איך וואָלט געקענט באַווייזן, אַז אין דער צייט, וואָס זיי זאָגן אַז איך האָב גענומען אַ לעבן, האָב איך גאָר געראַטעוועט אַ לעבן. אַ יינגל האָט זיך גע-טרונקען...

— גענוג! שעריף, רוף אָן דעם טאָג, אין וועלכן דאָס פאַרברעכן איז באַגאַנגען געוואָרן.

— צען אַ זייגער אין דער פרי אָדער אַ פּאָר מינוטן שפּע-טער, דעם ערשטן טאָג פון ניי-יאָר, אַלערגנעדיקסטער...

— באַפריי דעם געפאַנגענעם — אַזוי וויל דער קיניג!

דאָס יינגל האָט זיך ווייטער פאַרשעמט פון זיין דאָזיקער ניט קיניגלאַכער אייליקייט און ער האָט זיך פאַרריכט, צוגעבנ-דיק:

— עס פאַרדריסט מיר, מען זאָל שיקן אַ מענטשן אויף דער תּליה אויף דעם סמך פון אַזעלכע נאַרישע און פּוסטע באַווייזן!

אַ שטילע מורמלעריי פון התפעלות איז דורכגעגאַנגען אי-בער די פאַרזאַמלונג. דאָס איז ניט געווען צוליב טאָמס רעזאָלו-ציע, ווייל אין דער גאַנצער פאַרזאַמלונג איז ניט געווען קיין איי-

בער, וואָס זאָל רעכטפערטיקן די איילִיקע באַפרייאונג פון אַ גיפט. מישער, — נאָר זיי האָבן באַוואונדערט דעם שכל און די שאַרפ־זיניקייט, וואָס טאָם האָט דאָ אַרויסגעוויזן.

— אָ, דאָס איז ניט קיין משוגענער קיניג — ער האָט אַ גלייכן שכל.

— ווי קלאָר ער האָט געשטעלט פראַגן און ווי עבלאַך דאָס איז צו זיין פריערדיקער טבע אָפּצופאַרטיקן אַ זאַך קורץ און שאַרף.

— אַ דאַנק גאָט, זיין שוואַכקייט איז פאַרביי! דאָס איז ניט קיין שוואַכלינג, נאָר אַ קיניג! ער האָט זיך געהאַלטן גאָר ווי זיין פאָטער.

דאָס זיינען געווען די באַמערקונגען, וואָס זיינען אין דער שטיל געמאַכט געוואָרן וועגן טאָמען.

טאָמס אויער האָט געכאַפּט אייניקע פון די באַמערקונגען און ער האָט זיך געפילט זייער גוט און לייכט.

אָבער באַלד האָט זיין יונגע נייגעריקייט גובר געווען די אָנגענעמע געפילן; אים האָט זיך פאַרגלוסט צו וויסן וואָס פאַר אַ שרעקלאַכן פאַרברעכן האָבן באַגאַנגען די פרוי און דאָס קליין מיידעלע.

אויף זיין באַפעל זיינען זיי ביידע, ציטערנדיקע און וויי־נענדיקע געבראַכט געוואָרן פאַר אים.

— וואָס אַזוינס האָבן זיי געטאָן? — האָט טאָם געפרעגט דעם שעריף.

— איך האָב די דרייסטקייט צו מעלדן אייער מאַיעסטעט, אַז זיי ווערן באַשולדיקט אין אַ מוראַדיקן און קלאָר באַוויזענעם פאַרברעכן, פאַר וועלכן די ריכטער האָבן זיי פאַראורטיילט צום הענגען: זיי האָבן זיך פאַרקויפט צום טייוול — אָט אין וואָס זייער פאַרברעכן באַשטייט!

טאָם האָט אַ ציטער געטאָן. ער איז פון קינדווייז אָן גע־לערנט געווען צו האַסן מענטשן וואָס טוען אַזעלכע גאָט־פאַר־באָטענע זאַכן.

ער האָט זיך אָבער ניט געקענט אָפּזאָגן פון פאַרגעניגן צו באַפרידיקן זיין נייגעריקייט, און ער האָט געזאָגט:

— וואו איז עס געשען? און ווען?

— אום האַלבע נאַכט, אין חודש דעצעמבער, אין אַן איינגעפאַלענעם קלויסטער, אייער מאַיעסטעט.

טאָם האָט ווידער אַ שוידער געטאָן.

— ווער איז דערביי געווען?

— ניט מער ווי זיי ביידע, אייער גנאָד, און יענער, דער אַנדערער...

— האָבן זיי זיך מודה געווען?

— ניין, דאָס ניט—זיי לייקענען.

— ווי־זשע איך בעט דיך, האָט מען זיך דערוואוסט?

— איייניקע עדות האָבן זיי געזען גייענדיק אַהין, אייער מאַיעסטעט. דאָס האָט אַרויסגערופן אַ חשד, וואָס איז דערנאָך באַשטעטיקט געוואָרן דורך שרעקלאַכע פּאַסירונגען. דער עיקר איז פעסטגעשטעלט געוואָרן, אַז זיי האָבן מיט דער הילף פון דער שוואַרצער קראַפט, אַרויסגערופן אַ שטורים, וואָס האָט חרוב געמאַכט די גאַנצע געגנט. איבער פערציק עדות האָבן באַשטעטיקט דעם שטורים, און, באמנות, מען וואָלט געקענט האָבן טויזנט עדות, מען זאָל נאָר ווען, ווייל יעדערער געדענקט גוט דעם שטורים, מחמת יעדערער האָט פון אים געליטן.

— אַוודאי איז די זאַך ערנסט.

טאָם האָט אַ ווײַלע באַטראַכט דידאָזיקע שטיקל טייוולשע אַרבעט און נאָכהער געפרעגט:

— האָט די פרוי אַליין אויך געליטן פון דעם שטורים?

— געוויס האָט זי געליטן, אייער מאַיעסטעט. און רעכט אויף איר. אַלע זעען אָן איר נקמה. איר הייזל איז אינגאַנצן אַוועקגעטראָגן געוואָרן דורכן שטורים און זי מיט איר קינד זיינען געבליבן היימלאָז.

— מיר שיינט, אַז זי האָט צו טייער באַצאָלט פאַר דער קראַפט צו טאָן זיך אַליין שלעכטס. זי האָט זיך גענאַרט, ווען אַפילו זי וואָלט דערפאַר באַצאָלט ניט מער ווי איין גראָשן, הייסט

אַז זי האָט דערפאַר באַצאָלט דעם טייוול מיט איר אייגענער און מיט איר קינדס נשמה, באַווייזט דאָס, אַז זי איז משוגע, און ווי באַלד זי איז משוגע, ווייס זי ניט וואָס זי טוט און איז, במילא, ניט פאַראַנטוואָרטלאַך פאַר אירע מעשים.

די גרויע קעפּ האָבן ווידער צוגעשאָקלט אין הסכּמה מיט ט אָ מ ס שכל און איינער פון זיי האָט שטיל באַמערקט:

— אויב דער קיניג איז, ווי מען זאָגט, משוגע, איז עס אַזאַ מין משוגעת, וואָס וואָלט שטאַרק צונוץ געקומען אייניקע קלאָרע, וועלכע איך קען, ווען גאָט וואָלט זיי געהאָלפן זיי זאָלן זיך אָנשטעקן מיט דער משוגעת.

— ווי אַלט איז דאָס קינד? — האָט ט אָ ם געפרעגט.

— ניין יאָר, אייער מאַיעסטעט.

— ערלויבט דער ענגלישער געזעץ אַ קינד פון ניין יאָר אַריינצוגיין אין וועלכע ס'איז אָפּמאַכן און פאַרקויפן זיך אַליין? — האָט זיך ט אָ ם געווענדט צו אַ געלערנטן ריכטער.

— דאָס געזעץ ערלויבט ניט קינדער אָנטייל צו נעמען אָדער אַריינטרעטן אין וועלכע ס'איז ערנסטע אָפּמאַכן אָדער מסחרים, מיין האַר, ווייל זיין שוואַכער שכל איז ניט אומשטאַנד אַנטקעגן צו שטעלן זיך דעם צייטיקן פאַרשטאַנד און שלעכטע פּלענער פון דערוואַקסענע. דער ט י י וו ו ל מעג יאָ קויפן אַ קינד, אויב ער וויל נאָר, און אויב דאָס קינד איז דערצו מסכּים. אַן ענגלישמאַן אָבער טאָר ניט, און זיין אָפּמאַך איז אין אַזעלכע פאַלן אומגילטיק און בטל.

— דאָס איז ניט קריסטלאַך און נאַריש, אַז דאָס ענגלישע געזעץ זאָל געבן דעם טייוול מער רעכט און פּריווילעגיעס ווי אַן ענגלענדער! — האָט ט אָ ם אויסגעשריען מיט אמתן פאַרדרוס.

דערדאָזיקער נייער בליק אויף דער זאַך האָט אַרויסגערופן אַ סך שמייכלען און יעדערער האָט עס באַהאַלטן אין זיין זכּרון, כּדי איבערצוחזרן דערנאָך דעם אַנעקדאָט אין הויף־קרייזן אַלס באַווייז פון ט אָ מ ס קלאָרקייט.

די באַשולדיקטע פרוי האָט אויפגעהערט צו וויינען און

האָט זיך צוגעהערט צו טאָמס ווערטער מיט גרויס אויפמערק־זאַמקייט און מיט וואַקסנדיקער האָפנונג.

טאָם האָט עס באַמערקט און דאָס האָט אים שטאַרק גע־נייגט צו דער זייט פון דער שולדיקער פרוי.

— מיט וואָס האָבן זיי אַרויסגערופן דעם שטורים?—האָט ער געפרעגט.

— דערמיט וואָס זיי האָבן אויסגעטאָן די זאָקן, מיין קיניג.

דאָס האָט טאָמען פאַרוואונדערט און צעהיצט זיין נייגע־ריקייט ביז גאָר.

— וואונדערבאַר! רופט עס אַלעמאָל אַרויס אַזעלכע שרעק־לאַכע פאָלגן?

— שטענדיק, מיין קיניג, ווייניקסטנס, ווען די פרוי וויל עס און זאָגט אַרויס די נויטיקע כישוף־ווערטער הויך אָדער פאַר זיך.

טאָם האָט זיך אַ קער געטאָן צו דער פרוי און באַפוילן:

— ווייז דיין כוח, איך וויל זען אַ שטורים!

די פנימער פון די אַבערגלויבערישע פאַרזאַמלטע זיינען בלאַס געוואָרן און ביי דאָס רוב פון זיי האָט זיך באַוויזן אַ פאַר־באָרגענער ווּאונטש וואָס גיכער אַרויסצורוקן זיך פון געפערלאַכן אָרט. אָבער טאָם, וואָס איז אינגאַנצן געווען פאַרטאָן מיט דער קומענדיקער קאַטאַסטראָפע, איז געווען בלינד און טויב צו אַלץ, וואָס אַרום אים קומט פאָר.

באַמערקנדיק דער פרויס פאַרוואונדערטן און דערשראָקע־נעם בליק,—האָט טאָם צעקאָכט צוגעגעבן:

— האָב קיין מורא ניט, מען וועט דיר דערפאַר גאָרנישט טאָן. נאָך מער—דו וועסט באַפרייט ווערן און קיינער וועט דיך ניט אָנרירן. באַווייז דיין כוח.

— אָ, מיין קיניג! איך האָב ניט אַזא כוח, מ'האָט אויף מיר אַ בילבול געמאַכט!—האָט די פרוי אויסגעשריען.

— דיין מורא האַלט דיך אָפּ. האָב־זשע קיין מורא ניט, דיר וועט קיין שלעכטס ניט געשען. מאַך אַ שטורים — ס'מאַכט

ניט אויס אַז אַ קלייניקן — איך פאַרלאַנג ניט קיין גרויסן אָדער געפערלאַכן, אַדרבא, איך וויל בעסער דאָס געגנזייטיקע — טו־זשע דאָס — און דיין לעבן איז געשענקט. דו וועסט אַרויס פון דאַנען פריי צוזאַמען מיט דיין קינד מיט דעם קיניגס מחילה אויף זיך און באַשיצט פון יעדער שלעכטס און בייז אין גאַנצן קיניגרייך.

די פרוי איז אַ פאַל געטאָן צו דער ערד און מיט טרערן פאַרזיכערט, אַז זי באַזיצט ניט די קראַפט צו ווייזן דעם מפות ווען ניט וואָלט זי עס געוויס מיט פאַרגעניגן געטאָן, אויב זי וואָלט דערמיט געראַטעוועט כאָטש איר קינדס לעבן, און אַליין אומקומען. קיין גרעסערן גנאָד וואָלט זי גאָר פון קיניג ניט פאַרלאַנגט.

טאָם האָט ווייטער איינגערעדט, די פרוי האָט אַלץ פאַרזיכערט, אַז זי קען ניט. צום סוף האָט ער געזאָגט:

— איך רעכן, אַז די פרוי זאָגט אמת, ווען מיין מוטער וואָלט געווען אויף איר אָרט און פאַרמאָגט דעם טייוולס פינסטערע מאַכט, וואָלט זי קיין איין מינוט ניט געטראַכט אַרויסצורופן אַלע שטורימס פון דער וועלט, ווען אַפילו דאָס זאָל הרוב מאַכן די גאַנצע לאַנד, זי זאָל נאָר וויסן אַז דערמיט ראַטעוועט זי מיין לעבן. און אַלע מוטערס זיינען גלייך.

— דו ביסט פריי, גוטע פרוי — דו און דיין קינד, וואָרים איך האַלט דיך פאַר אומשולדיק. נו, איצט אַז דו ביסט פריי, האָסטו געוויס ניט וואָס מורא צו האָבן, טו־זשע אויס דיינע זאָקן! און אויב דו קענסט נאָר מאַכן מיר אַ שטורים, וועל איך דיך רייך מאַכן.

די געראַטעוועטע האָט געדאַנקט אָן אויפהער און געאיילט זיך צו טאָן דעם קיניגס באַגער. טאָם האָט אומגעדולדיק און אַ ביסל אומרואיק צוגעקוקט ווי זי ציט אַראָפּ די זאָקן. די הויפלייט האָבן אָפן אויסגעדריקט זייער אומרואיקייט און אומצופרידנקייט.

די פרוי האָט אַראָפּגעשלעפּט אירע אייגענע זאָקן, איר קינדס זעקלאַך און געטאָן וואָס נאָר זי האָט געקענט צו באַדאַנקען

דעם קיניגס גרויסמוטיקייט, כאָטש מיט אַן ערדציטערניש, אָבער איר מי איז געווען אומזיסט. טאָם האָט אָפּגעזיפצט און געזאָגט:

— באַמי זיך מערניט, גוטע נשמה, דיין כוח איז פון דיר אַוועק. גיי בשלום דיין וועג און אויב דיין כוח וועט זיך צו דיר ווען עס איז אומקערן, — פאַרגעס מיך ניט און ברענג מיר אַ שטורים *).

---

*) אַ פרוי און איר ניין־אָריקע טאָכטער זיינען אויפגעהאַנגען געוואָרן פאַר פאַרקויפן זייערע נשמות צום טייוול און פאַר אַרויסרופן אַ שטורם דורך אויסטאָן די זאָקן—דאָס איז אַ פאַקט געבראַכט ביי ד״ר הומונד טרומבולי אין זיין בוך: „בלויע געזעצן—אמתע און פאַלשע״.

זעכצעטער קאַפּיטל.

דער פּאַראַד=מיטאָג.

די שעה פון דעם ערשטן עפּנטלאַכן מיטאָק האָט זיך דערנענטערט. אָבער, מערקווירדיק, טאָם האָט כמעט ווי ניט מורא געהאַט. די פּאַסירונגען פון היינטיקן פרימאָרגן האָבן אים צוגעגעבן אַ מאָדנע זיכערקייט און אמונה אין זיך. דער קליינער אָרימער רינשטאָק=ייִנגל האָט נאָך פיר טעג „געוואוינהייט" געפילט זיך מער אין דערהיים אין זיין גאָלדענער שטייגל, ווי אַ דערוואַקסענער מענטש וואָלט זיך געפילט פאַר אַ חודש צייט. די פעאיקייט פון אַ קינד צוצופּאַסן זיך צו אומשטענדן האָט זיך קיינמאָל ניט בעסער אַרויסגעוויזן, ווי אין דעמדאָזיקן פאַל,

איצט, ווען מען גרייט צו טאָמען פאַר אַזאַ וויכטיקן ענין ווי דער ערשטער עפנטלאַכער מיטאָג, — לאָמיר אויסנוצן אונזער פּריווילעגיע און אַ קוק טאָן וואָס הערט זיך אין באַנקעט=זאַל.

דאָס איז אַ גרויסער זאַל מיט באַגילטע זיילן און אַרקען און מיט געמאָלטע ווענט און סופיט. ביים טיר זיינען, אומבאַוועגלאַך ווי סטאַטועס, געשטאַנען, הויכע גוואַרדייצעס, אָנגעטאָן אין רייכע און מאָלערישע קליידער, מיט אַלעבאַרדן אין די הענט. אויף דער גאַלערייע, וואָס האָט זיך געצויגן אַרום דעם גאַנצן זאַל איז געזעסן אַן אָרקעסטער מוזיקאַנטן און אַ גרויסע געזעלשאַפט פון דאַמען און הערן אין רייכע טואַלעטן. אין מיטן צימער אויף אַן עסטראַדע איז געשטאַנען טאָמס טיש.

איצט לאָמיר לאָזן דעם פאַרצייטיקן כראָניק=שרייבער דערציילן מיט זיינע אייגענע ווערטער:

„פריער איז אַריין אין צימער אַ דזשענטלמאַן מיט דעם

קייזערלאַכן רוט אין האַנט; נאָך אים איז אַריין אַ צווייטער מיט אַ טישטוך. נאָכדעם ווי זיי האָבן דריי מאָל געקניט מיט גרויס דרך־ארץ, האָבן זיי אויסגעשפרייט דאָס טישטוך אויפן טיש און, קניענדיק נאָך אַ מאָל, אַרויס פון צימער. נאָך די ערשטע צוויי זיינען אַריין אַנדערע צוויי, איינער ווידער מיט אַ רוט אין האַנט און דער צווייטער מיט אַ זאַלץ־מעסטל, און אַ ברויט אויף אַ טע־לער. קניענדיק, ווי די ערשטע צוויי, שטעלן זיי אַלץ אַוועק אויפן טיש און גייען אַרויס מיט דיזעלביקע צערעמאָניעס ווי די פרי־ערדיקע. צום סוף גייען אַריין צוויי פּראַכטיק־געקליידעטע אַדל־לייט און, נאָכדעם ווי זיי פאַלן דריי מאָל צו דער ערד אויף אַ זייער גאַלאַנטן שטייגער,—לייגט איינער אַוועק אַ גרויסן מעסער אויפן טיש און דער צווייטער רייבט איין דעם טיש מיט ברויט און זאַלץ מיט אַזאַ מין אָבשיי, פּונקט, ווי דער קיניג אַליין וואָלט דערביי געווען".

דערמיט ענדיקן זיך די פייערלאַכע פאַרבערייטונגען.

איצט דערהערט זיך פון ערגעץ ווייט אין קאָרידאָר אַ טראָמ־פּייטער־שאַל און אַן אומדייטלאַכער אויסרוף: „מאַכט וועג פאַרן קיניג!"—וועג פאַר זיין הויכגעאַכטע מאַיעסטעט, דעם קיניג!"—די דאָזיקע אויסרופן חזרן זיך יעדע מינוט איבער, זיי דערנענטערן זיך אַלץ מער און מער און אינגיכן דערהערן זיך לעבן אונז די קלאַנגען פון אַ מיליטער־מאַרש און דער הילכיקער אויסגעשריי: „מאַכט וועג פאַרן קיניג!"—עס עפנט זיך די טיר און די גלענצנדע פּראָצעסיע הויבט אָן מיט מעסיקע טריט אַנצופילן דעם זאַל.

איצט לאָמיר ווייטער לאָזן דעם כראָניק־שרייבער דערציילן:

„צום אָנהויב גייען אַדעליקע, באַראָנען, גראַפן, ריטער פון „זאָקן־בענדל־אָרדען", אַלע פּראַכטיק געקליידט און מיט אָפּגע־דעקטע קעפּ. דערנאָך קומט דער קאַנצלער צווישן צוויי באַגליי־טער, איינער פון זיי טראָגט דעם קיניגלאַכן רוט און דער צווייטער—דעם מלוכה־שווערד מיטן שפּיץ אַרויף, אין אַ רויטער שייד, באַפּוצט מיט גאָלדענע ליליען. נאָך זיי קומט דער קיניג אַליין. ווען ער באַווייזט זיך, ווערט ער באַגריסט מיט גרויס רעש פון צוועלף טראָמפּייטן, און פון אַ סך פּויקן, אין דער צייט וואָס אַלע

אין דער גאַלעריי הויבן זיך אויף פון זייערע ערטער און שריי־
ען: „גאָט באַשיץ דעם קיניג!" הינטער אים גייט זיין סוויטע
און פוןביידע זייטן—זיין ערן־וואַך—די פּופּציק לייב־וועכטער מיט
באַגילטע שלאַכט־העק אין די הענט".

דאָס איז אַלץ געווען פיין און אינטערעסאַנט, און טאָמס
האַרץ האָט העפטיק געקלאַפּט און זיינע אויגן האָבן געפינקלט
פון פרייד. ער האָט זיך געהאַלטן זייער לייכט און גראַציעז,
דער עיקר, ווייל ער האָט ניט געקלערט וועגן דעם ווי צו האַלטן
זיך, מחמת ער איז אינגאַנצן געווען פאַרנומען מיט דאָס פּרעכ־
טיקע בילד און די צויבערקלאַנגען אַרום אים. און אַחוץ דעם
פילט זיך יעדערער אויסגעצייכנט אין שיינע און גוט־צוגעפּאַסטע
קליידער, איבערהויפּט, נאָכדעם ווי מען ווערט אַ ביסל געוואוינט
צו זיי.

טאָם האָט געדענקט וואָס מען האָט אים געלערנט און האָט
מקבל געווען די באַגריסונגען מיט אַ לייכטן קאָפּ־נייג און מיט
די ווערטער:

— איך דאַנק אייך, מיין גוט פאָלק!"

טאָם האָט זיך געזעצט צום טיש, ניט אַראָפּנעמענדיק זיין
הוט. ער האָט עס געטאָן אָן דער קלענסטער פאַרלעגנהייט וואָרים
עסן אין אַ היטל איז געווען דער איינציקער מנהג אין וועלכן
דער ענגלישער קיניג און די משפחה קענטי האָבן זיך ניט
אונטערשיידט און קיין איין צד האָט ניט געקענט פּרעטענדירן
אַז ער איז געווען דער ערשטער איינצופירן דעם מנהג.

די סוויטע האָט זיך צעטיילט אויף עטלאַכע גרופּעס און
געבליבן מיט אָפּגעדעקטע קעפּ.

אונטער די קלאַנגען פון פריילאַכע מוזיק זיינען אַריין די
קיניגלאַכע גוואַרדיע — „די סאַמע געוויקסיקע, סאַמע שטאַרקע
מענטשן אין ענגלאַנד—ספּעציעל דערויף אויסגעקליבענע".

נאָר זאָל ווייטער דער כראָניקער דערציילן:

„ס'זיינען אַריין די יעמאָנער מיט אָפּגעדעקטע קעפּ אָנ־
געטאָן אין פּורפּור־קליידער און מיט גאָלד־ראָזן אויף די רוקנס,
זיי זיינען אַריין און אַרויס, אַריינברענגענדיק יעדעס מאָל פרישע

שפּייזן אויף זילבערנע געפעס. די געריכטן זיינען איבערגעגעבן געוואָרן פון האַנט צו האַנט און דער לעצטער האָט זיי געשטעלט אויפן טיש. דער פאַרזוכער האָט געגעבן יעדער גוואַרדייעץ צו פאַרזוכן פון דעם מאַכל, וואָס ער האָט געבראַכט, כּדי צו איבערצייגן זיך, אַז דאָס איז ניט פאַרסמט".

טאָם האָט גוט אָפּגעגעסן, ניט קוקנדיק דערויף, וואָס הונדערטער אויגן האָבן נאָכגעקוקט יעדעס ברעקל וואָס ער האָט צוגעטראָגן צום מויל מיט אַזאַ נייגעריקייט, פּונקט ווי ער וואָלט געגעסן עפּעס אַ געפערלאַכן אויפרייס=מאַטעריאַל און זיי וואָלטן געוואַרט, אַז אָט=אָט ווערט ער צעריסן אויף שטיקלאַך און פונאַנדערגעשליידערט איבערן גאַנצן זאַל. טאָם האָט זיך באַמיט ניט צו אַיילן און ניט צו טאָן קיינזאַך אַליין, ביז דער געהעריקער באַאַמטער האָט ניט געקניט און געטאָן עס פון זיינטוועגן. ער האָט דורכגעמאַכט די מיטאָג-צערעמאָניע אָן אַ שום טעות — אַ גרויסער, אומערוואַרטער נצחון!

ווען דער מאָלצייט איז געווען געענדיקט און ער האָט צוזאַמען מיט דער גאַנצער סוויטע פאַרלאָזן דעם זאַל אונטער די פריילאַכע טראָמפּייטן=קלאַנגען, דונערדיקע פּויקן-קלאַפּעריי און באַגריסונגס-אויסרופן, — האָט ער געטראַכט, אַז אויב אַלע פּאַראַדנע מיטאָגן זיינען ניט ערגער פון דעם, וואָלט ער זיך ניט אָפּגעזאָגט צו פּראַוועון אַזעלכע מאָלצייטן עטלאַכע מאָל אין טאָג, אַבי פּטור צו ווערן פון אייניקע וויכטיקערע פליכטן וואָס זיין קיניגלאַכע אַמט לייגט אויף אים אַרויף.

זיבעצנטער קאַפּיטל.

פו־פו דער ערשטער.

מאַילס הענדאָן איז געגאַנגען איבערן בריק צו סאָ־אוטווערק צו, אויסקוקנדיק מיט אַ שאַרף אויג אויף דאָס יינגל און זיינע פאַרנאַרער. אָבער זיין האָפענונג, אַז ער וועט זיי גע־פינען, איז געווען אומזיסט. נאָכפרעגנדיק פאַרבייגייער, איז אים געלונגען צו דערגיין, אַז אַזעלכע פאַרשוינען, ווי ער מאָלט אָפּ, האָט מען געזען גייענדיק צו סאָאוטווערק צו. אָבער דאָ זיינען אַלע שפּורן פון זיי פאַרלאָרן געוואָרן און ער האָט ניט געוואוסט, וואָס ווייטער צו טאָן.

דאָך האָט ער אַ גאַנצן טאָג ניט אויפגעהערט צו זוכן. די נאַכט האָט אים געטראָפן מיד, צעבראָכן, האַלב־פאַרחלשט און ווייט פון זיין ציל, ווי אין אָנהייב טאָג. ער האָט פאַרביסן אין טאַבאַרד־אַכסניה און געלייגט זיך שלאָפן, באַשליסנדיק ביי זיך אויפצושטיין מאָרגן גאַנץ פרי און נעמען זיך אויף דאָס ניי גוט אַ זוך צו טאָן איבערן שטאָט. ליגנדיק אין בעט און מאַכנדיק פּלענער, ווי אַזוי צו געפינען אים, האָט ער זיך באַטראַכט אַזוי: דאָס יינגל וועט געוויס אַנטלויפן פון דעם באַנדיט — דעם, אַזוי גערופענעם פאָטער זיינעם, אויב ער וועט נאָר קענען. וועט ער אַנטלויפן צוריק קיין לאָנדאָן אויף זיין אַלטער דירה?—ניין, ער וועט עס ניט טאָן, מחמת ער וועט מורא האָבן, מען זאָל אים ווייטער ניט כאַפּן. וואָס־זשע דען וועט ער טאָן?—ניט האָבנדיק אין דער גאַנצער וועלט קיין איין פריינד, אויסער מאַילס־הענדאָן, וועט ער זיך, נאַטירלאַך, באַמיען אויפצוזוכן אים, אויב נאָר ער וועט צוליב דעם ניט דאַרפן גיין קיין לאָנדאָן און שטעלן זיך אין סכנה. אַלזאָ, וועט ער געוויס אַוועקלאָזן זיך נאָך

הענדאָן=שלאָס. יאָ, דאָס איז וואָס ער וועט טאָן, ווייל ער ווייס, אַז אַהין איז אַוועק מאַילס הענדאָן און דאָרטן וועט ער אים געפינען. יאָ, די זאַך איז פאַר הענדאָנען קלאָר: ער דאַרף מער קיין צייט ניט פאַרלירן און לאָזן זיך גלייך אַ היים דורך קענט און מאָנקסהאָלם, אויספאָרשנדיק אין וועג די וועלדער און פונאַנדערפרעגנדיק לייטן.

איצט לאָמיר אַוועקלאָזן הענדאָנען און אומקערן זיך צום פאַרשוואונדענעם קליינעם קיניג.

דער באַנדיט, וועלכן דער אַכסניה=דינער האָט געזען „צוגייענדיק צו זיי", איז באמת ניט צוגעגאַנגען צו זיי, נאָר איז נאָכגעגאַנגען טאָמען און זיי נאָכגעפאָלגט טריט ביי טריט. זיין לינקע האַנט איז געהאַנגען אויף אַ באַנד, און די לינקע אויג איז געווען פאַרדעקט מיט אַ גרינעם פלאַסטער, ער האָט אונטערגעהונקען אַ ביסל און האָט זיך אָנגעשפאַרט אויף אַ דעמבענעם שטעקן.

דער יונג האָט געפירט דעם קיניג דורך געדרייטע וועגן איבער סאָאוטוועק ביז ער האָט אים ביסלאַכווייז אַרויסגעפירט אויפן שאָסיי אונטערן שטאָט. דער קיניג איז אין כעס געוואָרן און ווייטער ניט געוואָלט גיין: הענדאָן דאַרף קומען צו אים, נישט ער צו הענדאָנען. ער וועט אַזאַ חוצפה ניט צולאָזן. ער בלייבט, וואו ער איז און גאָר!

— דו וועסט דאָ שהיות מאַכן און דיין פריינד וועט ליגן דאָרטן אין וואַלד אַ פאַרוואונדעטער? האָט דער יונג געזאָגט, — נו, גוט זאָל זיין אַזוי.

דער קיניג איז גלייך געוואָרן אַן אַנדערער.

— פאַרוואונדעט? — האָט ער אויסגעשריען, — ווער האָט זיך דערוועגט צו טאָן עס? נאָר דאָס איז אַ באַזונדער זאַך. פיר מיך, פיר מיך! גיכער, גיכער! ביסטו מיט בליי אָנגעגאָסן, וואָס דו רירסט זיך אַזוי; פאַרוואונדעט איז ער? אויב אַפילו דאָס האָט געטאָן אַ הערצאָגס אַ זון, וועט ער טייער באַצאָלן דערפאַר!

צום וואַלד איז געווען אַ היבש שטיקל וועג, אָבער זיי

זיינען שנעל דורכגעגאַנגען די שטרעקע. דער יונג האָט זיך אַרומגעקוקט און אויפגעזוכט אַ צווייגל מיט אַ שטיקל שמאַטקע צוגעבונדן צו איס. ער איז ווייטער געגאַנגען, אויפזוכנדיק פון צייט צו צייט אַזעלכע צווייגלאַך מיט שמאַטקעס: דאָס זיינען, קענטיק, געווען וועג־צייכנס, וואָס האָבן געפירט צו אַ געוויסן פּלאַץ. אַזוי זיינען זיי אַלץ געגאַנגען ביז זיי זיינען געקומען צו דער חורבה פון אַן אָפּגעבערענטער פאַרמע, לעבן וועלכער ס׳איז געשטאַנען אַ האַלב־איינגעפאַלענער און צעפוילטער שייער.

ס׳איז ערגיץ ניט געווען צו באַמערקן קיין סימן פון לעבן און אַ פולשטענדיקע שטילקייט האָט געהערשט אַרום. דער יונג איז אַריין אין שייער און דער קיניג איז אים איילנדיק נאָכגע־גאַנגען. אין שייער איז קיין לעבעדיקער נפש ניטאָ! דער קיניג האָט געוואָרפן אַ פאַרוואונדערטן און פאַרדעכטיקן בליק אויפן יונג און געפרעגט:

— וואו איז ער?

אַ שפּאָטישער געלעכטער איז געווען דער ענטפער אויף דער פראַגע. דער קיניג איז אַ צעקאָכטער געוואָרן. ער האָט גע־כאַפּט אַ שייט האָלץ און געוואָלט דערלאַנגען דעם יונג, ווען פון דער צווייטער זייט האָט זיך אויך דערהערט אַ חוזק־געלעכטער. דאָס האָט געלאַכט דער הינקעדיקער באַנדיט, וואָס איז זיי דעם גאַנצן וועג נאָכגעגאַנגען. דער קיניג האָט זיך אומגעקערט און מיט כעס געזאָגט:

— ווער ביסטו און וואָס טוסטו דאָ?

— וואַרף אַוועק דיין נאַרישקייט און באַרואיק זיך—האָט געזאָגט דער באַנדיט, — מיין גרים איז, דוכט זיך, גאָרנישט אַזוי גוט, דו זאָלסט דורך אים שוין ניט דערקענען דיין טאַטן.

— דו ביסט ניט מיין פאָטער. איך קען דיך ניט. איך בין דער קיניג. אויב דו האָסט געטאָן פאַרבאָרגן מיין דינער, געפין מיר אים גלייך צוריק, אַז ניט וועט אַ שווערער שטראָף זיין דער שכר פאַר דיינע שלעכטע מעשים.

ד ז ש אָ ן   ק ע נ ט י האָט שטרענג און ניט געאיילט גענטפערט:

— ס׳איז קלאָר ווי דער טאָג, אַז דו ביזט משוגע, און איך

וואָלט דיך ניט געוואָלט באַשטראָפן, נאָר אויב דו וועסט מיך אַרויס־ברענגען פון געדולד, וועל איך מוזן צולייגן צו דיר אַ האַנט. דיין פּלאַפּלעריי קען דאָ, וואו ס'זיינען קיין פרעמדע אויערן ניטאָ,—קיינעם ניט שאַטן, אָבער דו מוזט געוויינען דיין צונג צו אַנדערע רייד, ווען מיר וועלן אויסוואַנדערן ערגעץ אַנדערש. איך האָב באַגאַנגען אַ מאָרד און קען אין דער היים ניט פאַרבלייבן. דאָס גלייכן—דו, ווייל איך דאַרף דיך האָבן. צוליב געוויסע סיבות האָב איך געביטן מיין נאָמען. מען רופט מיך איצט האָבס—דזשאָן האָבס. דיין נאָמען איז דזשעק—זאָלס עס גוט געדענקען. נו, און איצט זאָג מיר: וואו איז די מאַמע? וואו זיינען דיינע שוועסטער? זיי זיי־נען ניט געקומען אויף דעם אָרט, וואו מיר האָבן אָפּגערעדט. ווייסטו, וואוהין זיי זיינען אַוועק?

דער קיניג האָט פאַרעקשנט געענטפערט:

— לאָז מיך צופרידן מיט דיינע רעטענישן. מיין מוטער איז טויט, מיינע שוועסטער זיינען אין פּאַלאַץ.

דער יונג האָט זיך צעלאַכט אויפן קול און דער קיניג האָט זיך שוין געוואָלט אויף אים וואַרפן, אָבער קענטי—אָדער האָבס—ווי ער האָט זיך איצט אָנגערופן—האָט אים אָפּגעהאַלטן און געזאָגט צום יונג:

— טשעפּע אים ניט, הוגאָ, ער איז ניט ביים זינען און דיינע גאַנגען רעגן אים אויף. זעץ זיך, דזשעק, און באַרואיק דיך. איך וועל דיר געבן עפּעס אין מויל אַריין.

האָבס און הוגאָ האָבן וועגן עפּעס געסודעט זיך, און דער קיניג איז אָפּגעטראָטן וואָס ווייטער פון זייער אומאָנגענעמער געזעלשאַפט. ער האָט זיך פאַררוקט אין אַ פינסטערן ווינקל פון שייער, וואו ס'איז געלעגן אָנגעוואָרפן אַ קופּע שטרוי, אַ פוס די הייך. ער האָט זיך אַוואָרף געטאָן און באַדעקט זיך מיט שטרוי, אָנשטאָט קאָלדרעס, און איז פאַרזונקען אין געדאַנקען. ער האָט געהאַט אַ סך שמערצן, אָבער איין קומער האָט אים כמעט געמאַכט פאַרגעסן אָן אַלע איבעריקע: דאָס איז דער פאַרלוסט פון זיין פאָטער. ביי דער גאַנצער וועלט האָט דער נאָמען פון העברי דעם אַכטן אַרויסגערופן אַ שוידער און אַ פאָרשטעלונג פון

אַ מענטשן-פרעסער, וועמעס נאָזלעכער עס אָטעמען מיט צעשטערונג און וועמעס האַנט עס טיילט אויס שטראָף-ריטער און טויט, אָבער אין דעם ייִנגל האָט דערזעלביקער נאָמען געוועקט זכרונות וועגן אַ געשטאַלט, וואָס איז פול געווען מיט ליבע און צערטלאַכקייט. ער האָט מיט ליבע דערמאָנט אָן די האַרציקע שמועסן צווישן אים און זיין פאָטער, און די קוואַלן טרערן, וואָס האָבן געפלייצט פון זיינע אויגן, האָבן עדות געזאָגט אויף דער טיפקייט און אויפריכטיקייט פון זיין צער.

דער טאָג האָט זיך דערנענטערט צום אָוונט און דאָס ייִנגל, אַן אויסגעמאַטערטער פון זיינע ליידן, איז אַריינגעפאַלן אין אַ טיפן דערפרישנדיקן שלאָף.

נאָך אַ היבשער ווײַלע—ווי לאַנג ווייס ער אַליין ניט,—האָט ער זיך אויפגעכאַפּט פון זיין שלאָף און איז געלעגן מיט האַלבפאַרמאַכטע אויגן, חידושנדיק זיך, וואו איז ער ערגעץ און וואָס אַזוינס האָט מיט אים פּאַסירט. אַ רעגן האָט רעגלמעסיק און טרויעריק געקלאַפּט איבערן דאַך. אַן אָנגענעם געפיל פון באַקוועמלאַכקייט האָט אים אַרומגענומען, אָבער באַלד איז עס אונטערגעבראָכן געוואָרן דורך אַ טומלדיקער פלאַפּלעריי און אַ ווילדן געלעכטער. ער האָט אַרויסגערוקט דעם קאָפּ צו זען, פון וואַנען קומען די קולות. אַן עקלהאַפט, אָפּשטויסנדיק בילד האָט זיך פאַרגעשטעלט פאַר זיינע אויגן: אין דעם צווייטן עק שייער האָט אויף דער ערד געפלאַקערט אַ העלער פייער. אַרום אים זיינען, צעווּבּעריש באַלויכטן פון רויטן פלאַם, געלעגן און געזעסן אַ חבֿרה באַנדיטן, שלעפּערס און רינשטאָק-נפשות, וועגן וועלכע ער האָט קיינמאָל ניט נאָר ניט געהערט, נאָר אַפילו אין חלום ניט געזען. דאָ זיינען געווען הויכע, געזונטע פאַרשוויגען מיט פּנימער, פאַרברענט פון זון און ווינט, מיט לאַנגע האָר און אין פאַנטאַסטישע שמאַטעס; מיטלגעוויקסיקע יונגען מיט רוצחשע פּנימער, אויך אַזוי געקליידט ווי יענע; דאָ זיינען געווען בלינדע בעטלער מיט פאַרקלעפּטע אָדער פאַרבונדענע אויגן; קאַליקעס מיט הילצערנע פיס און מיט קוליעס, קרעציקע מיט אייטערדיקע וואונדן, וואָס האָבן אַרויסגעקוקט פון אונטער די נוצלאָזע באַנדאַזשען; געווען

דאָ עפּעס אַ פאַרדעכטיקער פּאַקן־טרעגער מיט זיין פּאַק, אַ מעסער־שלייפער, אַ קופּערשמיד און אַ צירולניק — יעדערער מיט זיינע קלאַפּערגעצייג. פון די פּרויען, וואָס זיינען געווען אין דער שיי־נער קאָמפּאַניע, זיינען אייניקע געווען נאָך גאָר יונגע קינדער, אַנדערע—אין רעכטן בליען און אייניקע גאָר אַלטע צעקנייטשטע מכשפות—אַלע טומלדיקע, חצופישע, אָפּנמייליקע און אַלע שמוצי־קע און אָפּגעלאָזענע. עס האָבן דאָ ניט געפעלט עטלאַכע קליינע קינדער מיט קראַנקע פּנימלאַך און אַ פּאָר הונגעריקע הינט מיט שטריקלאַך אויף די העלזער—די אָנפירער פון די „בלינדע״.

די נאַכט איז אָנגעקומען. די באַנדע האָט נאָר וואָס געענ־דיקט איר מאָלצייט און האָט גענומען שיכּורן. דער קרוג מיט משקה איז איבערגעגאַנגען פון מויל צו מויל. פון אַלע זייטן האָבן זיך געהערט קולות.

— אַ ליד, אַ ליד! זאָלן זינגען דער „פּ ל אָ ק ן״, ד י ק און „פּונקט־און־גיי!״ *)

איינער פון די „בלינדע״ איז אויפגעשטאַנען, אַראָפּגענומען די פּלאַסטערס פון די געזונטע אויגן און פון זיין ברוסט דעם האַרצרייסנדיקן אויפרוף, אין וועלכן ס'איז געווען באַשריבן די סיבה פון זיין אומגליק.

„פּונקט־און־גיי״ האָט זיך באַפרייט פון זיין הילצערנעם פוס און האָט זיך אַוועקגעשטעלט אויף זיינע צוויי געזונטע און שטאַרקע פיס לעבן זיין חבר — אויך אַזאַ „פינסטערע קאַ־ליקע״ ווי ער. דאַן האָבן זיי אויסגעזונגען אַ קנאַקעדיק גנביש לידל, וואָס איז נאָך יעדער פערז אונטערגעכאַפּט געוואָרן פון דער גאַנצער גנבים־באַנדע. ביי דעם לעצטן קופּלעט איז די האַלב־שיכּורע חברה אַריין אין אַזאַ ברען, אַז יעדערער האָט גע־זונגען דאָס לידל פון אָנהייב ביזן סוף מיט אַ מיש־מאַש פון אַזעלכע ווילדע קולות, אַז די בעלקעס פון שייער האָבן גע־ציטערט.

דערנאָך האָט זיך אָנגעהויבן אַ שמועס, ניט אויף דעם

---

*) צונעמען, וואָס די רויבער־באַנדע האָבן זיך געגעבן איינע די אַנדערע.

גנבישן לשון פון דאָס ליד — דאָס איז באַנוצט געוואָרן נאָר ווען פרעמדע אויערן זיינען דערביי געווען, — נאָר אויף גע-ווייגלאַכן ענגליש.

פון דעם שמועס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דזשאָן האָבס איז ניט קיין אורח צווישן דער באַנדע, — ער איז שוין אַמאָל געווען אין איר. מען האָט אים געבעטן דערציילן, וואָס האָט מיט אים לעצטנס פּאַסירט. און ווען ער האָט, פאַרבייגייענ-דיק, באַמערקט, אַז ער האָט „צופעליק" געהרגעט אַ מענטשן, האָט די חברה פאַר אים געקראָגן גאָר אַן אַנדער דרך-ארץ, און ווען ער האָט צוגעגעבן, אַז דער דערהרגעטער איז געווען אַ גלח, — האָט מען אים רעשדיק אַפּלאָדירט און ער האָט מיט יעדערן געמוזט טרינקען לחיים. אַלטע באַקאַנטע האָבן אים מיט שמחה באַגריסט און נייע — זיינען געווען שטאָלץ צו דריקן זיין האַנט. מען האָט אים געפרעגט, פאַרוואָס האָט מען אים אַזויפיל חדשים ניט געזען, האָט ער געענטפערט.

— לאָנדאָן איז בעסער ווי די פּראָווינץ און זיכערער, איבערהויפּט די לעצטע יאָרן, ווען די געזעצן זיינען אַזוי אומ-רחמנותדיק און ווערן אַזוי שטרענג אָפּגעהיט. און ווען ניט דער צופאַל מיטן גלח, וואָלט איך דאָרטן ווייטער געוואוינט. איך האָב באַשלאָסן צו בלייבן דאָרטן אויף שטענדיק, און מער ניט וואַנדערן איבערן לאַנד, אָבער דער צופעליקער מאָרד האָט צעשטערט מיינע פּלענער.

דזשאָן האָבס האָט געפרעגט, וויפיל זייערע זיינען פאַראַן אין דער באַנדע. דער „סקאַנדאַליסט", וואָס איז געווען דער אָנפירער פון דער באַנדע, האָט געענטפערט:

— פינף-און-צוואַנציק שטיק שעפּסן-פעל, שטעפּערס, פיילן לומפּנהינט, בעטלער, ברומער, שוין אַריינרעכענענדיק די לע-רער, כאָנטעס און אַנדערע יאַטן *). דאָס רוב פון זיי זיינען דאָ,

*) גנבישע נעמען פאַר אַלערליי מדרגות פון גנבים, בעטלער און שלע-פּערס מיט זייערע ווייבער-שותּפים.

און די איבעריקע האָבן זיך אַוועקגעלאָזן צו מזרח צו. מירן זיך פּאַרטאָג אויך אַרויסגעלאָזן.

— עפּעס זע איך ניט אונען צווישן דער פייגער חברה. וואו קען ער דאָס זיין?

— אָ, דער אָרימער יאַט שפּייזט זיך איצט אין גיהנום מיט שוועבל און פּאַרבייסט, פון טעם וועגן, מיט הייסן פּעך: מ'האָט אים אַוועקגעלייגט, זומער־צייט, אין אַ געשלעג.

— אַ, פּאַרדראָסיק. געווען אַ וואוילער יאַט, און ניט פון די שרעקעדיקע.

— אָ, יאָ. דאָס איז אמת. די שווארצע בעס, זיין נקבה, איז איצט מיט אונז—זי איז אויך אַוועק מיט יענער חברה צו מזרח. אַ פיינע מויד, אַ וואוילע שטיק, פירט זיך גוט אויף און, מען קען זאָגן, זי וועט דיר קיינמאָל ניט אַריינגיסן קיין איבעריקע: קיינער האָט זי ניט געזען שיכור מער ווי פיר טעג אין דער וואָך.

— זי איז שטענדיק געווען אַזאַ — איך געדענק זי גוט — האָט דזשאָן געגעבן זיין הסכמה, — אַ וואוילע נקבה, וואָס איז כדאי מיט איר צו האָבן אַן עסק. די מאַמע אירע איז געווען אַ סך פרייער פון איר, און ניט אַזוי אָפּגעהיט. אַ ביטערע, מיאוסע נקבה, אָבער אַ קאָפּ האָט עס געהאַט, גאָר ניט קיין געוויינלאַכן.

— מיר האָבן זי פּאַרלאָרן טאַקע צוליב איר צו שאַרפן שכל. איר פּראָפעסיע פון אַ טרעפּערקע האָט איר געמאַכט אַ נאָמען פאַר אַ מכשפה, און זי איז, נאָכן געזעץ נאָך, אָפּגעבראָטן געוואָרן אויף אַ לאַנגזאַמען פייער. ס'האָט ממש גערירט ביים האַרצן דער מוט, מיט וועלכן זי האָט באַגעגנט איר סוף: זי האָט ניט אויפגעהערט צו פלוכן, שילטן און זידלען די חברה ליידיק־גייערס, וואָס זיינען געשטאַנען מיט אָפענע מיילער און צוגעקוקט ווי די פלאַמען האָבן געלעקט איר פנים, פאַרכאַפּט אירע שיטערע האָר און געטרעשצעט אַרום איר אַלטן, גרויען קאָפּ. געשאָלטן, האָב איך געזאָגט? גישקשה געשאָלטן! טויזנט יאָר, אַז דו וועסט לעבן, וועסטו אַזעלכע קללות ניט הערן! און,

איר קונסט איז געשטאָרבן צוזאַמען מיט איר. פאַראַן נאָך, וואָס מאַכן איר נאָך, אָבער ווי קומט דאָס צו איר — אמתע זידלעריי און אמתע גאָטלעסטערונג איז שוין ניטאָ!

דער „סקאַנדאַליסט" האָט אָפּגעזיפצט. די צוהערערס האָבן געענטפערט מיט מיטפילנדיקע זיפצן. אַן אומעט איז באַפאַלן די חברה, וואָרים אַפילו ביי די ערגסטע פאַרהאַרטעוועטע אויסוואורפן קען זיך אַמאָל אויפוועקן דער מיטגעפיל, דאָס מיטלייד, דאָס באַדויערן פון די, וואָס זיי פאַרלירן, איבערהויפּט אין אַזאַ מין פאַל, ווען טאַלאַנט און קולטור גייען צו גרונט און לאָזן ניט איבער קיין יורשים און נאָכפאָלגער. אָבער אַ רעכטער טרונק בראַנפן האָט באַלד צוריק אויפגעמונטערט די אבלים.

— זיינען ווער נאָך פון אונזערע פריינד אַריינגעפאַלן? — האָט האָבס געוואָלט וויסן.

— אייניקע — יאָ. איבערהויפּט פון די גרינע, די נייאינקע. דאָס רוב זיינען דאָס געווען קליינע פאַרמערלאַך, ביי וועלכע די לאַנד-אייגנטימער האָבן אָפּגענומען זייערע פערמעס און אַרויסגעוואָרפן זיי הונגעריק און היימלאָז אויף דער ברייטער וועלט. האָבן זיי גענומען בעטלען. האָט מען זיי געכאַפּט, צוגעבונדן צו אַ וואָגן, אָפּגעדעקט די לייבער ביזן גאַרטל און געשמיסן ביז זייער בלוט איז געגאַנגען. דערנאָך האָט מען זיי געפייניקט אין קלעצלאַך. זיי האָבן ווידער געבעטלט, מען האָט זיי ווידער געכאַפּט, ווייטער געשמיסן און דערצו נאָך אָפּגעשניטן אַן אויער. זיי האָבן אַ דריטן מאָל געבעטלט — וואָס אַנדערש האָבן די אָרימע טייוואָלים געקענט טאָן? — מען האָט זיי אויפסניי געפאַקט, אָפּגעשטעמפּלט די באַקן מיט אַ רויט-גליענדיקן אייזן און פאַרקויפט פאַר קנעכט. זיי זיינען אַנטלאָפן, מען האָט זיי געכאַפּט און אויפגעהאַנגען. — אָט האָסטו דיר אַ קורצע געשיכטע און גיך דערציילט. אַנדערע האָבן געכאַפּט אַ קלענערן פּסק. קומט נאָר אַהער, יאָקעל, בערנס און האָדזש — ווייזט אָקאָרשט, ווי מען האָט אייך באַפּוצט?

די דריי גערופענע זיינען צוגעגאַנגען, און אַראָפּוואַרפנדיק פון זיך די שמאַטעס, באַוויזן זייערע רוקנס, צעפּאַסעוועטע מיט

פאַרעלטערטע סימנים פון ריטער. איינער האָט אָפּגעוואָרפן די האָר און באַוויזן דעם אָרט, וואו ס'איז אַמאָל געווען זיין לינקער אויער. דער דריטער האָט אויך באַוויזן אַ שטעמפּל אויפן אַקסל, אַן אָפּגעשניטענעם אויער און דאָס אות „וואו" (וואַגאַבונד) אויסגעברענט אויף זיין באַק.

— איך בין יאָקעל — האָט דער דריטער געזאָגט, — געווען אַמאָל אַ פאַרמעגלאַכער פאַרמער מיט אַ געטרייער ווייב און קינדערלאַך. איצט איז מיין מצב און באַשעפטיקונג אַ ביסל געענדערט. מיין ווייב און קינדער זיינען געשטאָרבן. מעגלאַך, זיי זיינען אין גן־עדן, און אפשר — ערגעץ אַנדערש, ווי די מעשה איז — אַדאַנק דעם באַרימהאַרציקן גאָט — זיי וואוינען נ י ט מ ע ר א י ן ע נ ג ל אַ נ ד ! מיין גוטע, אַלטע, ערלאַכע מוטער האָט זיך באַמיט צו פאַרדינען איר ברויט דורך אויפפּאַסן קראַנקע. איינמאָל, איז איינער פון אירע אויפגעפּאַסטע חלאים געשטאָרבן און די דאָקטוירים האָבן ניט געוואוסט פון וואָס. האָט מען מיין מוטער פאַרברענט אַלס אַ מכשפה. מיינע קינדערלאַך האָבן געקוקט און געוויינט. אַ קלייניקייט, דאָס ענגלישע געזעץ! ע, איר! שטייט אויף אַלע מיט די בעכער אין די הענט! נו, אַלע מיטאַמאָל! טרינקט פאַר דעם באַרימהאַרציקן ענגלישן געזעץ, וואָס האָט כאָטש זי באַפרייט פונם ענגלישן גיהנום! איך דאַנק אייך, חברים, יעדערן באַזונדער, און אַלעמען אינאיינעם... איך בין געגאַנגען פון הויז צו הויז און געשאָלטן — איך מיט מיין ווייב, טראָגנדיק אויף זיך די הונגעריקע קינדערלאַך. אָבער הונגעריק זיין איז אין ענגלאַנד אַ פאַרברעכן, — האָט מען אונז אויסגעטאָן און מיט ריטער געטריבן דורך דריי שטעט. טרינקט־זשע אַלע ווידער פאַרן באַרימהאַרציקן ענגלישן געזעץ! פאַר דאָס געזעץ, וואָס האָט אויסגעזויגן מיין מ ע ר י ס בלוט און געבראַכט איר אַ גיכע דערלייזונג. זי ליגט אָן דאָרטן, אויף דעם טעפּערס פעלד, פריי פון אַלדעס בייז. און די קינדערלאַך — וואָס איז דאָ פאַראַן וואָס צו ריידן? — ביז מען האָט מיך, שמייסנדיק, געטריבן כון איין שטאָט אין דער צווייטער, זיינען זיי אויסגעגאַנגען פון הונגער. טרינקט־זשע, חברה, כאָטש איין טראָפּן, — איין טראָפּן פאַר די

אָרימע קינדערלאַך, וואָס האָבן קיינמאָל קיינעם קיין שלעכטס ניט געטאָן — — — — —

איך האָב ווידער געבעטלט, — געבעטן אַ פּיצל ברויט און באַקומען האָב איך קלעצלאַך און אַן אָפּגעשניטענעם אויער. איר זעט, אָט איז נאָר אַ זכר פון אים פאַרבליבן. איך האָב אַלץ געבעטלט — און אָט איז דער וואָרצל פון צווייטן אויער, איך זאָל אָן אים ניט פאַרגעסן. איך האָב פאָרט ניט אויפגעהערט צו בעטלען, — און מען האָט מיך פאַרקויפט פאַר אַ קנעכט. — ווען איך וואַש אָפּ דעם פלעק דאָ אויף מיין באַק, וואָלט איר געקענט זען דאָס רויטע בוכשטאַב „ק", אויסגעברענט מיט אַ גליענדיקן אייזן! „ק" — קנעכט! איר פאַרשטייט דאָס וואָרט? אַן ענגלישער קנעכט! — אָט ווער עס שטייט פאַר אייך! איך בין אַנטלאָפן פון מיין באַלעבאָס, און ווען מען כאַפּט מיך — פאַרפלוכט זאָל זיין פון גאָט דאָס לאַנד, וואָס האָט געשאַפן אַזעלכע געזעצן — וועט מען מיך הענגען!

אַ קלינגענדיקע שטימע האָט דורכגעשניטן די פייכטע לופט:

— דו וועסט ניט הענגען! — און היינטיקער טאָג מאַכט אַ סוף פון אַזאַ ווילדן געזעץ!

אַלע האָבן זיך אומגעקערט און דערזען די פאַנטאַסטישע געשטאַלט פון דעם קליינעם קיניג, וואָס איז איילנדיק געגאַנגען צו דער קאָמפּאַניע. ווען ער האָט זיך דערנעטערט צום פייער, האָבן זיך פון אַלע זייטן אַ שאָט געטאָן פראַגן: — ווער איז עס? וואָס איז דאָ? ווער ביסטו, נפשל?

— דאָס ייִנגל איז רואיק געשטאַנען צווישן דער חברה פאַרוואונדערטע, פרעגנדיקע פאַרשוינען און האָט מיט עכט קיניגלאַכער זעלבסטווערדע געענטפערט:

— איך בין עדוארד, דער קיניג פון ענגלאַנד.

עס האָט אויסגעבראָכן אַ ווילדער געלעכטער — טיילווייז אַ שפּאָטישער און טיילווייז אַ צופרידענער פון דעם אויסגעצייכנטן וויץ. דעם קיניג האָט עס אַ שטאָך געטאָן, און ער האָט שטרענג געזאָגט:

— איר אומדערצויגענע שלעפּערס! איז דאָס אייער דאַנק-

באַרקייט פאַר מיין קיניגלאַכן גנאָד, וואָס איך האָב אייך פאַר־שפּראָכן?

ער האָט נאָך גערעדט מיט כעס און מיט אויפגערעגטע באַוועגונגען, אָבער דאָס איז אַלץ פאַרלאָרן געגאַנגען אין אַ שטורים פון געלעכטער און שפּאָטישע אויסרופן.

דזשאָן האָבס האָט זיך עטלאַכע מאָל געפּרובט אי־בערשרייען די חברה, און צום סוף איז עס אים געלונגען.

— חברים, דאָס איז מיין זון! — האָט ער געזאָגט, — אַ פאַנטאַזירער, אַ נאַר און פּשוט משוגע. קוקט זיך ניט אום אויף אים. ער שטעלט זיך פאָר, אַז ער איז באמת דער קיניג.

— איך בין דער קיניג! — האָט עדוואַרד, ווענדנדיק זיך צו אים געזאָגט, — ווי דו וועסט זיך, אין דער ריכטיקער צייט, צו דיין גרויס באַדויערן, איבערצייגן. דו האָסט זיך מודה געווען אין אַ מאָרד און דו וועסט זיך דערפאַר וויגן אויף דער תליה.

— דו וועסט מיך אַרויסגעבן? - דו? איך וועל דיך מיט מיינע אייגענע הענט...

— טפרו, טפררו! — האָט דער אַטאַמאַן „סקאַנדאַליסט" אַ זאָג געטאָן און מיט אַ זעץ איבערן קאָפּ אַוועקגעלייגט האָבסן אויף דער ערד, צו פאַרהיטן דעם קיניג, — האָסט גאָר קיין דרך־ארץ ניט ניט פאַר מלכים, ניט פאַר אַטאַמאַנען? אויב דו וועסט נאָכאַמאָל מאַכן אַזעלכע שטיק אין מיין געגנוואַרט, וועל איך דיך אויפהענגען.

דאַן האָט ער זיך געווענדט צו זיין מאַיעסטעט און געזאָגט:

— דו זאָלסט דיינע חברים ניט סטראַשען, יאַטל. און דו מוזט האַלטן צונג וועגן זיי ערגעץ אַנדערש אויך. קענסט זיך זיין קיניג, אויב דאָס געפעלט דיין משוגענעם קאָפּ, אָבער זיי ניט קיין שעדלאַכער קיניג. וואַרף אַוועק דיין טיטל—דאָס איז פאַר־ראַט. מיר קענען זיך זיין, אין וועלכע ס'איז קלייניקייטן, ניט קיין פיינע לייט, אָבער דו וועסט צווישן אונז ניט געפינען קיין איינציקן, וואָס זאָל זיין אַ פאַררעטער צו זיין קיניג. ניט אַזוי?

אָט וועסטו זען. נו, אַלע מיטאַמאָל: — לאַנג לעבן זאָל עדוואַרד דער קיניג פון ענגלאַנד!

די פריילאַכע קאָמפּאַניע האָט געענטפערט מיט אַזאַ דונער־געשריי, אַז די גאַנצע געבײַדע האָט געציטערט ביזן פונדאַמענט. דעם קליינעם קיניגס פּנים איז אויף אַ מינוט באַלויכטן געוואָרן מיט אַן אויסדרוק פון פאַרגעניגן. ער האָט לײַכט אָנגעבויגן זײַן קאָפּ און מיט ערנסטע פּשטות געזאָגט:

— איך דאַנק אײַך, מײַן גוט פאָלק.

דידאָזיקע אומדערוואַרטע ווערטער האָבן ווידער אַרויסגע־רופן אַ גוואַלדיקן געלעכטער. ווען דער עולם האָט זיך אַ ביסל באַרואיקט, האָט דער „סקאַנדאַליסט" פעסט אָבער גוטמוטיק געזאָגט:

— וואַרף אַוועק די שטיק, ייִנגל, ס'איז ניט קלוג און ס'טויג ניט. קענסט זיך ווײַלן מיט עפּעס אַנדערש, אָבער דעם טיטל קיניג לאָז אָפּ.

דער קופּערשמיד האָט אַ ווײַלע געטראַכט און געזאָגט:

— איך שלאָג פאָר, מען זאָל אים קרוינען מיטן טיטל: פו־פו דער ערשטער, קיניג פון די דומקעפּ.

דער פאָרשלאָג האָט גלײַך „אָנגענומען". יעדערער האָט גע־ריסן די האַלז און אַלע האָבן אויסגעשריען:

— לאַנג לעבן זאָל פו־פו, דער קיניג פון די דומקעפּ! — באַגלייט מיט אַ פײַפערײַ און אַ געלעכטער.

— ברענגט אים אַהער און קרוינט אים!

— טוט אים אָן דאָס קיניג־קלייד!

— גיט אים דאָס קיניגלאַכע רוט אין האַנט!

— זעצט אים אויפן טראָן!

די און נאָך צוואַנציק אַנדערע אויסגעשרייען האָבן גלײַכ־צײַטיק אויסגעבראָכן, — און נאָך איידער דער קליינער אומגליקלאַ־כער קרבן האָט צײַט געהאַט אַרומצוקוקן זיך, איז ער שוין גע־ווען געקרוינט מיט אַ בלעכענעם בעקן אויפן קאָפּ, פאַרוויקלט אין אַ צעריסענער קאָלדרע, אַרויפגעזעצט אויף אַ לײַדיקער פעסל און אָנשטאָט דעם קיניגלאַכן רוט אַרײַנגערוקט אים דעם קופּערשמידס שמעלץ־אײַזן אין האַנט. דאַן האָבן אַלע אַ פאַל געטאָן פאַר אים

אויף די קני און, ווישנדיק די אויגן מיט די צעריסענע אַרבל און שמוציקע פאַרטוכער, כלומרשט געוויינט און געבעטן:

— אָ, ווייז אונז דיין גנאָד, זיסער קיניג!

— טרעט ניט מיט דיינע פיס די אומווערדיקע ווערים, אָ, דיין מאַיעסטעט!

— דערבאַרים, זיך אויף דיינע קנעכט און טרייסט זיי מיט אַ בריק פון דיין קיניגלאַכע פוס!

— דערפריי אונז און דערוואַרים אונז מיט דיינע גנאָדיקע שטראַלן, אָ, אונזער ליכטיקע זון!

— באַהייליק די ערד מיט דער באַרירונג פון דיין פוס, כדי מיר זאָלן דערנאָך קענען עסן די בלאָטע, אויף וועלכער דו האָסט געטראָטן אוז געאיידלט ווערן!

— באַוויליק צו שפייען אויף אונז, אָ, הערשער, כדי אונזערע קינדס־קינדער זאָלן דערציילן וועגן דיינע קיניגלאַכע חסדים און שטאָלצירן מיט זיי!

אָבער דער שאַרפזיניקער קופערשמיד האָט אַלעמען איבערגעשטייגט: פאַלנדיק אויף די קני, האָט ער כלומרשט געקושט דעם קיניגס פוס. דער קיניג האָט אים מיט פאַראַכטונג אָפּגעשטויסן. דער קופערשמיד האָט זיך ביי אַלעמען געבעטן, מען זאָל אים געבן אַ שמאַטקע צו פאַרבינדן דאָס אָרט, וואָס איז באַרירט געוואָרן פון זיין מאַיעסטעטס פוס, כדי די לופט זאָל דערויף ניט ווירקן. איצט האָט ער געזאָגט, וועט ער גליקלאַך ווערן, ווייל ער וועט באַווייזן די באַק פאַר הונדערט שילינג אַ קוק.

ער האָט דערביי געמאַכט אַזעלכע תנועות און הויות, אַז די גאַנצע באַנדע האָט זיך געקייקלט פון געלעכטער.

טרערן פון צאָרן און שאַנד זיינען געשטאַנען אין דעם קיניגס אויגן און ער האָט געקלערט: „ווען איך וואָלט זיי אַפילו ווער ווייס וואָס פאַר אַ שלעכטס געטאָן, וואָלטן זיי ניט געקענט זיין ערגער צו מיר ווי זיי זיינען, און איך האָב זיי דאָך פאַרשפראָכן צו באַווייזן מיין גנאָד—און אָט איז זייער דאַנקבאַרקייט!

אַכטצנטער קאַפּיטל.

דער פּרינץ צווישן שלעפּערס.

גאַנץ פרי פאַרטאָג האָט זיך די חברה געלאָזן אין וועג אַריין. איבערן קאָפּ זייִנען געהאַנגען שווערע וואָלקנס, אונטער די פיס איז געווען גליטשיק און די לופט איז געווען ווינטערדיק קאַלט. די גאַנצע פריילאַכקייט פון דער קאָמפּאַניע איז פאַרשוואונדן, אַלע זייִנען געווען פינסטער און שווייגנדיק. אייניקע זייִנען געווען בייז און אויפגערייצט, גוט געשטימט איז קיינער ניט געווען, און נאָך אַ טרונק בראַנפן האָט יעדערער געעלכצט.

דער „סקאַנדאַליסט" האָט אָפּגעגעבן „ד ז ש ע ק ן" אונטער הוגאָס השגחה, אָנזאָגנדיק דזשאָן קענטין ער זאָל זיך האַלטן פון וויטן און לאָזן דאָס יינגל צופרידן. ער האָט אויך אָנגעזאָגט הוגאָן, ער זאָל ניט זייִן צו גראָב מיט אים.

אַ ווײַלע שפּעטער איז געוואָרן עטוואָס וואַרימער און דער הימל האָט זיך אַ ביסל אויסגעלייטערט. די באַנדע האָט אויפגעהערט צו ציטערן פון קעלט און זייער שטימונג האָט זיך אַ ביסל געהויבן. ביסלאַכווייז האָבן זיי זיך פונאַנדערגעהולעט, גענומען רייצן איינער דעם אַנדערן און פאַרטשעפּען פאַרבייגייער.

דאָס האָט באַוויזן, אַז זיי גייען ווידער אַריין אין טעם פון לעבן מיט זייִנע פריידן. די מורא פאַר דער באַנדע איז געווען אַזוי גרויס, אַז יעדערער האָט זיי אָפּגעטראָטן דעם וועג און אָנגענומען זייער פרעכע חוצפּה, ניט ענטפערנדיק אַ וואָרט צוריק. זיי האָבן אַראָפּגעריסן וועש פון די פאַרקאַנעס פאַר די אויגן פון די בעלי־בתים, וואָס האָבן זיך ניט דערוועגט אַנטקעגן צו שטעלן זיך, זייענדיק קענטיק צופרידן, וואָס מען האָט זיי כאָטש איבערגעלאָזט די פאַרקאַנעס.

אין אַ ווײַלע אַרום האָבן זיי זיך אַרײַנגעריסן אין אַ קלײנער פערמע און צעלייגט זיך ווי בײַ זיך אינדערהיים, אין דער צייט וואָס דער פאַרמער און זײַן ווייב האָבן אויסגערוימט אַלץ וואָס ס׳איז געווען אין שפּײַכלער, צו מאַכן פאַר זיי אָן אָנבײַסן. צונע־מענדיק די געריכטן פון דער באַלעבאָסטע און אירע טעכטער, האָבן די בויאַנעס זיי פאַרטשעפּעט און געטריבן מיט זיי פוילן שפּאַס, באַגלייטנדיק עס מיט שמוציקע ווערטלאַך און פערדישער הירזשערײַ. זיי האָבן געוואָרפן אויף דעם פאַרמער און זײַנע זין מיט ביינער און שטיקלאַך גרינס, און אָנגעקוואָלן קוקנדיק, ווי יענע מאַ־טערן זיך אויסצומײַדן דאָס ביין. האָט אימיצער פון דער באַנדע גוט געטראָפן, האָט עס אַרויסגערופן רוישיקע אַפּלאָדיסמענטן און אַ גרויס געלעכטער. געענדיקט האָבן זיי דערמיט, וואָס זיי האָבן אויסגעשמירט מיט פּוטער דעם קאָפּ פון דעם פאַרמערס אַ טאָכ־טער, וואָס האָט ניט געוואָלט לײַדן זייער צעלאָזנקייט. פאַרן אַוועק־גיין האָבן זיי געסטראַשעט צו פאַרברענען די גאַנצע פאַרמע מיט אירע אײַנוואוינער, אויב וועגן זייערע מעשים וועט עפּעס דערגיין צו דער פּאָליצײַ.

נאָך אַ לאַנגן און מידן וועג, האָט זיך די באַנדע אַרום האַלבן טאָג פונאַנדערגעלייגט אָפּרוען הינטער אַ פאַרקאַן אין דער שכנות מיט אַ היבשן דאָרף. אַ שעה האָט מען גערוט, דערנאָך האָט זיך די חברה צעשאָטן, כּדי אַרײַנצוגיין אין דאָרף פון פאַרשיידענע זײַטן און פאַרנעמען זיך מיט זייערע פאַרשיידענע מלאכות.

„דזשעק“ איז געגאַנגען מיט הוגאָן, וואָס האָט זיך אומגע־שלעפּט הין און צוריק און אויסגעקוקט אַ געלעגנהייט אָפּצוטאָן עפּעס אַ שטיקל אַרבעט. אָבער עס האָט זיך קיין זאַך ניט געמאַכט, און ער האָט צום סוף געזאָגט:

— איך זע ניט, וואָס מען זאָל דאָ קענען גנבענען, אַ קבצניש ערטל. מיר מוזן דעריבער נעמען זיך בעטלען.

— מיר? נו, פאַרגעס אָן דעם! קענסט זיך באַשעפטיקן מיט דײַן פּראָפעסיע—זי פּאַסט דיר, אָבער איך וועל ניט בעטלען.

— דו וועסט ניט בעטלען! — האָט הוגאָ אויסגעשריען,

אָנקוקנדיק דעם קיניג מיט וואונדער, — זאָג מיר, איך בעט דיך, פון ווען אָן ביסטו עס געוואָרן אַזאַ בעל־תשובה?

— וואָס מיינסטו צו זאָגן?

— וואָס איך מיין? האָסטו דען ניט געבעטלט דיין גאַנצן לעבן אויף די לאָנדענער גאַסן?

— איך? אידיאָט דו איינער!

— באַהאַלט דיינע קאָמפּלימענטן, וועלן זיי דיר לענגער קלעקן. דיין טאַטע זאָגט, אַז דו האָסט דיין גאַנצן לעבן געבעטלט. אפשר זאָגט ער אַ ליגן. אפשר וועסטו זאָגן, אַז ער לייגט טאַקע? — האָט זיך היוגאָ געריצט מיט אים.

— אָט דער, וואָס דו רופסט אים מיין פאָטער? — יאָ, ער לייגט.

— נו, נו, גענוג צו שפּילן די פריילאַכע שפּיל פון אַ משוגענעם, חבר. דאָס איז גוט, ווען עס פאַרוויילט, אָבער ניט ווען עס שאַדט: אַז איך וועל אים נאָר דערציילן וואָס דו האָסט געזאָגט וועט ער דיר געבן אַ חלק, אַז דו וועסט האָבן צו געדענקען.

— זיי זיך ניט מטריח. איך וועל עס אים אַליין זאָגן.

— מיר געפעלט דיין דרייסטקייט, אויף מיין וואָרט מיר געפעלט. מיר געפעלט אָבער ניט דיין שכל און דיין גאַנג. קלעפּ און זידלערייפעלן ניט אין לעבן און מען דאַרף גאָרניט אַרויסגיין זיי אַנטקעגן מקבל פּנים זיין. — אָבער לאָמיר וועגן דעם מער ניט ריידן. איך גלייב דיין טאַטן. ס'איז ביי מיר קיין ספק ניט, אַז ער קען זאָגן אַ ליגן! איך צווייפל ניט, אַז ער זאָגט ליגן ווען מען דאַרף — דאָס טוט יעדערער פון אונז. אָבער דאָ איז אין דעם קיין נויטווענדיקייט ניט געווען. אַ קלוגער מענטש לייגט ניט אומזיסט. נאָר זאָג מיר, ווי באַלד דו ווילסט ניט בעטלען, וואָס־זשע דען וועלן מיר טאָן? מירן באַגנבענען קיכן?

— גענוג צו ריידן נאַרישקייט! — האָט דער קיניג אומגעדולדיק געזאָגט, — זיי האָבן מיר שוין דערעסן!

— הער נאָר, חבר, — האָט היוגאָ שוין אין כּעס געזאָגט, — בעטלען ווילסטו ניט, גנבענען ווילסטו ניט, זאָל זיין אַזוי. אָבער

כ׳וועל דיר זאָגן וואָס דו וועסט יאָ טאָן: דו וועסט אַריינגאַרן יאָלדן און איכ׳ל אַרבעטן. פּרוב נאָר אָפּזאָגן זיך!

דער קיניג האָט זיך געקליבן צו ענטפערן אויף זיין שטיי־גער מיט פאַראַכטונג, ווען היוגאָ האָט אים איבערגעשלאָגן:

— שטילער! אָן גייט אַ יאָלד מיט אַ גוטן פּרצוף. איך וועל באַלד קריגן די פאַליקע. ווען יענער פאַרשוין וועט צולויפן, גיב אַ פאַל אויף די קני און ברעך אויס אין אַזאַ יאָמער, פּונקט ווי טויזנט שדים פון אומגליק וואָלטן געזעסן אין דיינע קישקעס און און שריי: אָ, גוטער הער, דאָס איז מיין אומגליקלאַכער קראַנקער ברודער, און מיר זיינען אַזוי עלנט! אָ, ווי גאָט איז אייך ליב, האָט רחמנות אויף אַן עלנטן, פאַרלאָזענעם און אומגליקלאַכן נפש! שענקט איין פּעני פון אייער עשירות אַ גאָט־געשטראָפטן, פאַרלאָרענעם מענטשן! — און געדענק־זשע, זאָלסט ניט אויפהערן צו יאָמערן ביז מירן פון אים ניט אויסקוועטשן זיין פּעני, אַז ניט, וועסטו חרטה האָבן.

און, ניט לאַנג וואַרטנדיק, האָט היוגאָ אָנגעהויבן צו קרעכצען און אויקען, גלאָצן מיט די אויגן, וואַרפן, דרייען זיך, און ווען דער אומבאַקאַנטער איז צוגעגאַנגען נאָנט, האָט ער זיך מיט אַ געשריי אַוואָרף געטאָן אויף דער ערד און גענומען קייקלען און צאַפּלען זיך אין בלאָטע ווי אין גסיסה.

— אָ, נעבאַך, נעבאַך! — האָט דער גוטהאַרציקער אומבאַ־קאַנטער אויסגעשריען, — אָ, אומגליקלאַכער, וואָס פאַר יסורים ער לייט נעבאַך. אָט וועל איך דיך אויפהויבן.

— אָ, באַבעלער הער! זאָל אייך דער אויבערשטער באַצאָלן פאַר אייער גוט הארץ, אָבער יעדע באַרירונג פאַרשאַפט מיר יסורים, ווען עס כאַפּט מיר אָן אַזאַ אָנפאַל. מיין ברודער וועט אייך דערציילן, וואָס פאַר אַ יסורים איך שטיי אויס, ווען עס כאַפּט מיר אָן אַן אָנפאַל. אַ פּעני, טייערער הער, אַ פּעני אויף אַ שטיקל ברויט שענקט מיר און לאָזט מיך איבער אומגליקלאַכן מיט מיינע ווייטאָקן.

— אַ פּעני! איך וועל דיר געבן דריי, דו אומגליקלאַכע נשמה — האָט דער גוטהאַרציקער מענטש אויסגערופן, איילנדיק

און נערוועז אַרויסנעמענדיק פון טאַש דריי פּעניס.—נאַ, אָרימער יונג, נעם און פאַרגיניך עס געזונטערהייט. נו, איצט, יינגעלע, קום אַהער און העלף מיר איבערטראָגן דיין קראַנקן ברודער אין שטוב אַריין, וואו...

— איך בין ניט זיין ברודער — האָט דער קיניג איבערגעשלאָגן.

— וואָס! ניט זיין ברודער?

— אָ, הערט נאָר וואָס ער רעדט! — האָט הי ו ג אָ אויסגעשריען, קריצנדיק אין דער שטיל מיט די ציין,—ער זאָגט זיך אָפּ פון זיין אייגענעם ברודער, וואָס שטייט שוין מיט איין פוס אין קבר!

— פע, יינגעלע, מעגסט זיך טאַקע שעמען צו זיין אַזוי שטיין=האַרציק צו דיין ברודער. ער איז דאָך, נעבאַך, אַ קאַליקע, קוים וואָס ער רירט אַ האַנט אָדער אַ פוס. אויב ער איז ניט דיין ברודער ווי דו זאָגסט, טאָ ווער דען=זשע איז ער?

— אַ בעטלער און אַ גנב—אָט ווער ער איז! ער האָט ביי אייך אויסגענאַרט אייער געלט און צו דערזעלביקער צייט אויסגעליידיקט ביי אייך די קעשענעס. און דו קענסט מיט אַ מופת אים אויסהיילן דורך דעם, וואָס דו וועסט אים מכבד זיין מיטן שטעקן איבער די פּלייצעס, פאַרלאָזנדיק זיך אין דאָס איבעריקע אויף גאָט.

אָבער הי ו ג אָ האָט ניט געוואַרט אויף דעם מופת: אין איין מאָמענט איז ער אויפגעשפּרונגען און געלאָזן זיך לויפן ווי אַ ווינט, פאַרפאָלגט פון דעם אומבאַקאַנטן, וואָס האָט געמאַכט געוואַלדן אין הימל אַריין, מען זאָל אים פאַרהאַלטן.

דער קיניג, דאַנקענדיק גאָט פאַר זיין באַפרייאונג, האָט זיך געלאָזן לויפן אין דער צווייטער זייט, ניט אָפּשטעלנדיק זיך ביז ער איז ניט געווען אויסער געפאַר. ער האָט פאַרקערעוועט אויפן ערשטן בעסטן וועג און האָט אינגיכן איבערגעלאָזן דעם דאָרף הינטער זיך. עטלאַכע שעה נאָכאַנאַנד איז ער געגאַנגען אַזוי שנעל, ווי ער האָט נאָר געקענט, אומרואיק אומקוקנדיק זיך אַלע ווילע הינטער די פּלייצעס, צי מען יאָגט אים

ניט נאָך. אָבער די שרעק האָט אים צום סוף פאַרלאָזן און אַ געפיל פון זיכערקייט האָט פאַרנומען זיין אָרט.

איצט ערשט האָט ער דערפילט, אַז ער איז הונגעריק און זייער מיד. ער האָט געפּרובירט צוגיין צו אַ פערמע און שוין געוואָלט אָנהייבן ריידן, אָבער מען האָט אים גלייך אָפּגעהאַקט און גראָב פאַרטריבן. זיינע צעריסענע קליידער האָבן געדעדט קעגן אים. ער איז ווייטער געגאַנגען, אַ באַליידיקטער און צאָרנדיקער, פעסט באַשליסנדיק ביי זיך מער ניט אונטערצוואַרפן זיך אונטער אַזאַ באַהאַנדלונג. אָבער הונגער האָט מער דעה ווי שטאָלץ, און ווען דער אָוונט איז אָנגעשטאַנען, האָט ער געפּרובט אָפּשטעלן זיך ביי אַ צווייטער פערמע, אָבער דאָ האָט מען אים באַהאַנדלט נאָך ערגער ווי אין דער ערשטער: מען האָט אים גוט אויסגעזידלט און געסטראַשעט, אַז אויב ער וועט גלייך ניט נעמען דעם וועג, וועט מען אים אַרעסטירן אַלס היימלאָזן שלעפּער.

ס'איז אָנגעשטאַנען אַ קאַלטע, פינסטערע נאַכט, און דער מידער קיניג האָט זיך אַלץ לאַנגזאַם באַוועגט אויף זיינע אויסגעמאַטערטע פיס. ער האָט געמוזט האַלטן אין גיין, ווייל יעדעס מאָל, ווען ער האָט זיך צוגעזעצט אָפּרוען, איז ער דורכגענומען געוואָרן מיט קעלט ביזן מאַרך פון די ביינער. אַלע זיינע איבערלעבונגען און איינדרוקן, וואָס ער האָט געפילט, באַוועגנדיק זיך אין דער געדיכטער פינסטערניש און לערקייט פון דער נאַכט, זיינען אים געווען ניי און פרעמד. ער האָט צייטנווייז געהערט, עפּעס קולות, וואָס דערנעענטערן זיך, דערווייטערן זיך און גייען פאַרביי. די געשטאַלטן, צו וועמען די שטימען האָבן געהערט האָט ער ניט געזען, — ער האָט נאָר געזען עטוואָס ענלאַכס צו שאָטנס און דאָס האָט אין אים אַרויסגערופן אַ שוידער. צייטנווייז האָט ער געזען אַ פינקלענדיק פייערל ערגעץ ווייט, ווייט, ווי פון אַן אַנדער וועלט. מאַנכעס מאָל האָט זיך געהערט דאָס קלינגען פון די גלעקלאַך, וואָס זיינען צוגעבונדן ביי די שעפּסן אויף די העלזער, אָבער דער קלאַנג איז געקומען פון ערגעץ ווייט, איז געווען שוואַך און אומדייטלאַך. דאָס פאַרשטיקטע מעקען פון אַ טשערעדע, וואָס דער ווינט האָט פון ערגעץ ווייט געבראַכט,

האָט געקלונגען מעלאַנכאָליש און טרויעריק. פון צייט צו צייט האָט זיך פון ערגעץ ווייט איבער ברייטע פעלדער און ווייטע וועלדער דערטראָגן דאָס האַווקען פון אַ הונט. אַלע קלאַנגען האָבן דערגרייכט פון ערגעץ ווייט, און דאָס האָט אַרויסגערופן בײַם קיניג אַ געפיל, ווי אַלץ, וואָס לעבט און באַוועגט זיך, איז ווייט פון אים, און ער שטייט איינזאַם און עלנט אינמיטן פון אַ גרויסן מדבר. פאַלנדיק פון די פיס, האָט ער זיך ווייטער באַוועגט, אַרומגעכאַפּט פון דער גרויזאַמער פאַנטאַסטישקייט פון די נײַע איבערלעבונגען, אויפציטערנדיק צייטנווייז פון דעם גערויש פון טרוקענע בלעטער איבערן קאָפּ, וואָס האָט אים אויסגעזען ווי דאָס סודען זיך פון מענטשן. מיטאַמאָל האָט ער דערזען דאָס פינקלען פון אַ לאַמטערנע גאָר נאָנט לעבן זיך. ער איז אָפּגעטראָטן אָן אַ זייט און געוואַרט, וואָס וועט דאָ זיין. די לאַמטערנע איז געשטאַנען בײַ דער אָפענער טיר פון אַ שייער. דער קיניג האָט אַ ווײַלע אָפּגעוואַרט—קיין קלאַנג, קיין לעבעדיק באַשעפעניש אים איז געווען אַזוי קאַלט צו שטיין אויף איין אָרט און דער גאַסטפרײַנדלאַכער שייער האָט אַזוי גערופן צו זיך—אַז ער האָט באַשלאָסן צו ריזיקירן און אַרײַנגיין. שטיל און פאָרזיכטיק האָט ער זיך דערנענטערט צום טיר און ווען ער איז שוין געווען אויפן שוועל, האָט ער דערהערט שטימען הינטער זיך. ער האָט זיך אַ וואָרף געטאָן אין שייער, באַהאַלטן הינטער אַ פעסל, צוזעצנדיק זיך אויף די פיס. עס זײַנען אַרײַן צוויי לאַנד-אַרבעטער, אַרײַנברענגענדיק מיט זיך די לאַמטערנע און גענומען זיך אַרבעטן, שמועסנדיק בעת דער אַרבעט.

אין דער צייט, וואָס די לאַנד-אַרבעטער האָבן געטאָן זייער אַרבעט, האָט זיך דער קיניג גוט אַרומגעקוקט און באַמערקט אין דעם צווויטן עק שייער אַ היפּשן פערד-שטאַל און ער האָט בײַ זיך באַשלאָסן צו פאַרקלייבן זיך אַהין, ווען ער וועט בלייבן אַליין. ער האָט אויך באַמערקט אַ קופּע פערד-צודעקן, וואָס זײַנען געלעגן האַלב-וועג צום שטאַל און ער האָט בדעה געהאַט צו באַנוצן זיי היינטיקע נאַכט לטובת דער ענגלישער קרוין.

די לאַנד-אַרבעטער האָבן דערווייל אָפּגעטאָן זייער אַרבעט

און זייגען אַוועקגעגאַנגען, מיטנעמענדיק מיט זיך די לאַמטערנע און פאַרשליסנדיק די טיר הינטער זיך.

ציטערנדיק פון קעלט, האָט זיך דער קיניג אַ לאָז געטאָן צו די פערד־דעקן אַזוי שנעל, ווי די פינטסטערניש האָט נאָר געקענט ערלויבן, האָט זיי אויפגעהויבן און דערקליבן זיך בשלום צום שטאַל. צוויי דעקן האָט ער אונטערגעבעט אונטער זיך און מיט די אַנדערע צוויי צוגעדעקט זיך.

דער קיניג איז איצט געווען אַ צופרידענער מאָנאַרך, כאָטשבי די דעקן זייגען געווען דין און ניט געוואַרימט גענוג. חוץ דעם האָט פון זיי געשלאָגן אַ פערדישער ריח—דערשטיקט צו ווערן.

דער קיניג איז געווען הונגעריק און דערפראָרן, די מידקייט און שלעפעריקייט האָט אָבער גענומען די אויבערהאַנט איבער הונגער און ער איז אינגיכן אַריינגעפאַלן אין אַ האַלב־שלעפעריקייט. ווען ער האָט שוין געהאַלטן ביי איינגאַנצן איינצושלאָפן,—האָט ער דערפילט ווי עמיצער רירט אים אָן! אין איין סעקונדע איז ער געווען וואַך, קוים כאַפנדיק דעם אָטעם פאַר שרעק. פון דער געהיימעגישפולער באַרירונג אין דער פינסטערניש פון דער נאַכט איז זיין הארץ כמעט שטיין געבליבן. ער איז געלעגן שטיל אָן שום באַוועגונג און צוגעהערט זיך, קוים אָטעמענדיק. אָבער — קיין קלאַנג און קיין באַוועגונג. ער האָט ווידער אָנגעהויבן איינצודרעמלען, און מיטאַמאָל—ווידער די געהיימענישפולע באַרירונג

— וואָס פאַר אַ שוידערלאַכע זאַך דאָס איז — אָט די דאָזיקע לייכטע באַרירונג פון אַ אומזיכטיקער שטילשווייגיקער באַשעפעניש! דאָס יינגל האָט באַלד געחלשט פון שרעק. וואָס זאָל ער דאָ טאָן? — האָט ער זיך געפרעגט, און ניט געפונען קיין ענטפער. זאָל ער פאַרלאָזן דעמדאָזיקן, מער אָדער ווייניקער באַקוועמען געלעגער און אַנטלויפן פון דער אומדערקלערבאַרער שרעק? אָבער וואוהין זאָל ער לויפן? ער קען דאָך ניט אַרויסגיין פון שטאַל און בלאָנדזשען אין דער פינסטער אין די פיר ווענט פון שייער, פאַרפאָלגט פון דעם געהיימענישפולן גייסט, וואָס וועט אים נאָכגיין טריט ביי טריט און אַלע ווײַלע מכבד זיין אים מיט זיין שוידערלאַכער ווייכער באַרירונג אָן באַק

אָדער אַקסל! אָבער בלייבן דאָ און יעדער מינוט אָפּשטאַרבן פון שרעק איז דען בעסער? ניין! וואָס=זשע דען זאָל ער טאָן? יאָ, עס בלייבט נאָר איין אויסוועג — ער ווייס שוין וואָס: — אויסשטרעקן די האַנט און אויסגעפינען וואָס איז עס אַזוינס, וואָס באַרירט אים!

עס איז געווען גרינג צו קלערן אַזוי, אָבער שווער צו באַשליסן זיך צו טאָן. דריי מאָל האָט ער פּאָרזיכטיק אויסגעצויגן די האַנט אין דער פינסטער, און האַסטיק צוריק אַ כאַפּ געטאָן זי, ניט מחמת ער האָט עפּעס אָנגעטאַפּט, נאָר ווייל ער האָט זיך געקליבן אָנצוטאַפּן. אָבער צום פערטן מאָל האָט ער אויסגעצויגן די האַנט אַ ביסל ווייטער, און האָט אָנגעטאַפּט עטוואָס ווייכס און וואַרימס. ער איז כמעט פאַרגליווערט געוואָרן פון שרעק. ער האָט זיך אַנדערש ניט געקענט פאָרשטעלן, ווי, אַז דאָס איז אַ מת — ניט לאַנג טויט און נאָך וואַרים... אים האָט זיך געדוכט, אַז ער וועט בעסער שטאַרבן, איידער נאָכאַמאָל באַרירן ס. אָבער ער האָט אַזוי געקלערט, ווייל ער האָט ניט געוואוסט די אומשטערבלאַכע קראַפט פון מענטשלאַכער בייגעריקייט. עס האָט לאַנג ניט געדויערט, און זיין האַנט האָט ווידער געזוכט אין דער פינסטער — קעגן זיין ווילן און קעגן זיין שכל — עקשנותדיק געזוכט. די האַנט האָט זיך אָנגעשטויסן אויף אַ בינטל לאַנגע האָר. ער האָט אַ ציטער געטאָן, אָבער ווייטער געפירט מיטן האַנט איבער די האָר, ביז ער האָט אָנגעטאַפּט עטוואָס, וואָס האָט געשיינט צו זיין אַ וואַרימע שטריק; ער האָט געפירט מיטן האַנט איבערן שטריק, ביז ער האָט אָנגעטאַפּט אַן אומשולדיק קעלבל! — און די שטריק איז גאָר קיין שטריק ניט געווען, נאָר אַ קעלבערנער ווידל.

דער קיניג האָט זיך גוואַלטיק פאַרשעמט פאַר זיך אַליין, וואָס ער איז אויסגעשטאַנען אַזויפיל שרעק און ציטערניש איבער אַזאַ נאַרישקייט, ווי אַ שלאָפעדיק קעלבל. אָבער אין דער אמתן, האָט ער ניט געהאַט וואָס צו שעמען זיך, ווייל ער האָט זיך געשראָקן ניט פאַר דאָס קעלבל, נאָר פאַר יענץ אומבאַוואוסטס, וואָס ער האָט זיך פאָרגעשטעלט אָנשטאָט דאָס

קעלבל. און יעדער ייִנגל אויף זיין אָרט וואָלט אויך ניט בעסער געווען און וואָלט אויך געציטערט אין יענער אָבערגלויבישער צייט.

דער קיניג איז ניט נאָר גליקלאַך געווען, וואָס דאָס איז ניט מער ווי אַ קאַלב, נאָר וואָס ער האָט געפונען אַ קאַלב פאַר אַ חבר צו זיך. ער האָט זיך געפילט אַזוי עלנט און איינזאַם, אַז ער איז צופרידן געווען מיט דער נאָענטקייט און חברשאַפט כאָטש פון אַזאַ פשוטער באַשעפעניש ווי אַ קעלבל. ער איז אַזוי גראָב באַהאַנדלט געוואָרן און אַזוי באַליידיקט געוואָרן פון זיין גלייכן — פון מענטשן, אַז ס׳איז פאַר אים געווען אַן אמתע טרייסט און פאַרגעניגן צו זיין אין דער געזעלשאַפט פון אַ באַשעפעניש, אמת אָן הויכע געפילן, אָבער מיט אַ ווייך האַרץ און אַן איידעלער נאַטור. ער האָט דעריבער באַשלאָסן אַוועקצולייגן כבוד אָן אַ זייט און ווערן מיטן קעלבל גוט־פריינט.

גלעטנדיק דאָס קעלבלס וואַרימען, גלאַטן רוקן — זי איז געלעגן ניט ווייט פון אים, — איז אים אַיינגעפאַלן, אַז זי קען אים צו ניץ קומען אין עטלאַכע אופנים. ער האָט דעריבער גלייך איבערגעטראָגן זיין געלעגער האַרט צום קעלבל, אַיינגעטוליעט זיך צו איר רוקן, צוגעדעקט זיך און זיין פריינט מיט די דעקן, און אין אַ פאָר מינוט אַרום איז אים געווען ווייך און וואַרים, ווי אויף די ווייכע פערינעס פון פּאַלאַץ אין וועסטמינסטער.

אָנגענעמע מחשבות זיינען געקומען אין קאָפּ. דאָס לעבן האָט אָנגענומען אַ פריילאַכן אויסזען. ער איז פריי געווען איצט פון די קייטן פון קנעכטשאַפט און פאַרברעכן, פריי פון דער חברה נידעריקע געמיינע אויסוואורפן, אים איז וואַרים, ער האָט אַ דאַך איבערן קאָפּ, קורץ, ער איז גליקלאַך!

ס׳האָט זיך אויפגעהויבן אַ נאַכט־ווינט, וואָס האָט מיט זיינע האַסטיקע אָנפאַלן געמאַכט ציטערן דעם אַלטן שייער. צייטנווייז האָט דער שטורים אויפגעהערט און דער ווינט האָט געוויינט און געקרעכצט אין די ווינקלען און בעלקעס, אָבער איצט, ווען דעם קיניג איז געווען וואַרים און באַקוועם, — איז עס פאַר אים געווען מוזיק. זאָל דער ווינט בלאָזן און ווילדע=

ווען, זאָל ער קלאַפּן און טראַסקען, זאָל ער יאָמערן און קרעכצען— אים אַרט עס ניט; פאַרקערט, פאַר אים איז עס נאָך בעסער. ער האָט זיך צוגעטוליעט נאָך נעענטער צו זיין פריינט, קוויקנדיק זיך מיט זיין וואַרימקייט, און איז באַלד אַריינגעפאַלן אין אַ טיפן, גליקלאַכן שלאָף אָן שרעק און אָן חלומות.

ערגעץ ווייט האָבן געפּילט הינט, עס האָבן מעלאַנכאָליש באַקלאָגט זיך די בהמות, דער ווינט האָט ניט אויפגעהערט צו שטורימען און אַ גאָס רעגן האָט געפּלייצט איבערן דאַך, אָבער די מאַיעסטעט פון ענגלאַנד האָט געשלאָפן אומגעשטערט — דאָסגלייכן דאָס קעלבל, וואָס איז געווען אַ פּשוטע בריאה, וועמען ס'האָט ניט געאַרט קיין רעגן און וואָס איז ניט נתפעל געוואָרן פון שלאָפן מיט אַ קיניג.

ניינצנטער קאַפּיטל.

דער פּרינץ צווישן פויערים.

ווען דער קיניג האָט זיך גאַנץ פרי אויפגעכאַפּט פון זיין שלאָף, האָט ער געפונען, אַז אַ נאַסע, אָבער קלוגע מויז האָט זיך ביינאַכט געמאַכט אַ באַקוועמען געלעגער ביי אים אין בוזים.

ווי נאָר דער קיניג האָט זיך אַ ריר געטאָן, איז די מויז אַנטלאָפן. ער האָט אַ שמייכל געטאָן און געזאָגט:

— נאַריש מייזל, וואָס האָסטו מורא? איך בין אַזוי עלנט, ווי דו, און עס וואָלט געווען אַ חרפּה און עוולה צו טאָן אַ הילפלאָזן באַשעפעניש אין דער צייט, וואָס איך בין אַליין אַזוי הילפלאָז. אַדרבא, איך דאַרף דיר דאַנקבאַר זיין פאַר דעם גוטן, סימן וואָס דו האָסט מיר געבראַכט, וואָרים אַז אַ קיניג איז אַזוי נידעריק געפאַלן, אַז מייז מאַכן שוין אַ געלעגער אויף אים, איז אַ סימן, אַז זיין מזל וועט זיך איבערבייטן צו גוטן, וואָרים נידעריקער קען ער שוין ניט פאַלן.

ער איז אויפגעשטאַנען און איז אַרויס פון שטאַל. אין דערזעלביקער ווייל האָט ער דערהערט קינדערשע קולכלאַך. די טיר פון שייער האָט זיך געעפנט און צוויי קליינע מיידלאַך זיינען אַריין. ווי נאָר זיי האָבן אים דערזען, האָבן זיי אויפגעהערט צו ריידן און לאַכן. אָפּגעשטעלט זיך און שטיל אָנגעקוקט אים מיט גרויס בייגעריקייט. זיי האָבן זיך אָנגעהויבן צו סודען, צוגעגאַנגען אַ ביסל נענטער, ווידער באַטראַכט אים און אויף דאָס ניי גענומען סודען זיך. ביסלאַכוויז האָבן זיי זיך אָנגענומען מוט און גענומען ריידן וועגן אים אויפן קול.

— ער האָט אַ שיין פּנים—האָט איינע געזאָגט.

— און פראַכטיקע האָר—האָט די צווייטע צוגעגעבן.

— אָבער ער איז זייער שלעכט געקליידט.
— און ווי הונגעריק ער זעט אויס!

זיי זיינען צוגעגאַנגען נאָך נעענטער, געדרייט זיך שעמעוו־דיק אַרום אים, באַטראַכטנדיק אים גוט פון אַלע זייטן, ווי ער וואָלט געווען עפּעס אַן אומבאַוואוסטע חיה, דערביי זיינען זיי גע־ווען פאָרזיכטיק און אויף דער וואַך, ווי זיי וואָלטן מורא געהאַט, אַז די חיה קען, ביי אַ געלעגנהייט, אַ ביס טאָן. לסוף האָבן זיי זיך אָפּגעשטעלט לעבן אים און, האַלטנדיק זיך, פון זיכערקייט וועגן, איינע די אַנדערע פאַר די הענט, גוט אָנגעקוקט אים מיט זייערע אומשולדיקע אויגן.

דאַן האָט איינע פון זיי אויפגעקליבן איר גאַנצן מוט און גלייך און אָפן געפרעגט:

— ווער ביסטו, יינגעלע?
— איך בין דער קיניג — איז געווען דער ערנסטער ענטפער.

די קינדער האָבן זיך אַ כאַפּ געטאָן און געבליבן שטיין מיט ווייט אָפענע אויגן און אַ וואָסער האַלבע מינוט אָן ווערטער. נאָכהער האָט נייגעריקייט געשטערט דאָס שטילשווייגן:

— דער קיניג? וואָסער קיניג?
— דער קיניג פון ענגלאַנד.

די קינדער האָבן אָנגעקוקט איינע די אַנדערע, דערנאָך אים און ווידער איינע די אַנדערע צעטומלטע, צעמישטע און פאַר־וואונדערטע. דאַן האָט זיך איינע פון זיי אָפּגערופן:

— האָסטו געהערט, וואָס ער האָט געזאָגט, מערדזשע־רי? — ער זאָגט, ער איז דער קיניג. קען דאָס זיין אמת?

— ווי קען דען אַנדערש זיין, פּריסי? וואָלט ער דען גע־זאָגט אַ ליגן? וואָלט עס ניט געווען אמת, פּריסי, וואָלט עס דאָך געווען אַ ליגן, דו פאַרשטייסט? באַרעכן נאָר, אַז אַלץ וואָס ס'איז ניט אמת, איז ליגן, אַנדערש קען דאָך ניט זיין.

דאָס איז געווען אַ גוטער באַווייז און דאָס האָט פאַר פּרי־סיס האַלבן ספק ניט געלאָזן קיין ברעקל אָרט, וואו אַ פוס צו שטעלן.

זי האָט אַ ווײַלע געטראַכט, און נאָכהער פֿאַרלאָזן זיך אינגאַנצן אויפֿן קיניגס געוויסן, באַמערקנדיק:

— אויב דו ביסט דער קיניג, גלויב איך דיר.

— איך בין באמת דער קיניג—האָט ער געזאָגט.

דערמיט האָט זיך די זאַך געענדיקט. זײַן קיניגלאַכע מאַיעסטעט איז אָנערקענט געוואָרן אָן ווײַטערדיקע פֿראַגן און סיכסוכים, און די צוויי קלײנע מיידלאַך האָבן גלײַך גענומען פֿונאַנדערפֿרעגן אים, ווי קומט ער אַהער, וואָס טוט ער דאָ, וואוהין גייט ער, ווי קומט עס, וואָס ער איז אַזוי ניט קייזערלאַך אָנגעטאָן און וועגן אַלע זײַנע איבעריקע ענינים.

פֿאַר דעם קיניג איז עס געווען אַ גרויסע פֿאַרלײַכטערונג אויסצוגיסן זײַן ביטער האַרץ דאָ, וואו מען וועט פֿון אים ניט לאַכן און וואו מען וועט אָננעמען זײַנע רייד אָן ספֿקות. האָט ער דערציילט זײַן געשיכטע מיט האַרץ און געפֿיל, פֿאַרגעסנדיק אַפֿילו דערווײַל אָן זײַן הונגער.

די קלײנע צאַרטע מיידעלאַך האָבן עס אויפֿגענומען מיט דעם טיפֿסטן און צאַרטלאַכסטן מיטגעפֿיל, אָבער ווען ער איז דערגאַנגען צו דעם, וואָס ער האָט זיך אָנגעליטן גאָר לעצטנס און דערוואוסט זיך, ווי לאַנג ער האָט שוין ניט געגעסן, האָבן זיי אים איבערגעהאַקט אינמיטן און אַוועקגעשלעפּט אין שטוב אַרײַן צו געבן אים אַ גוטן אָנבײַסן.

דער קיניג איז איצט געווען פֿריילאַך און גליקלאַך.

„ווען איך וועל צוריקקומען אויף מײַן אָרט, וועל איך שטענדיק אַכטן קלײנע קינדערלאַך, געדענקענדיק ווי זיי האָבן מיר געגלויבט און געטרויט אין מײַנע שווערע טעג, אין דער צײַט, וואָס דערוואַקסענע, וואָס האָבן זיך געהאַלטן קליגער, האָבן געלאַכט פֿון און באַטראַכט מיך פֿאַר אַ ליגנער".

די קינדערס מוטער האָט אויפֿגענומען דעם קיניג פֿרײַנדלאַך און מיט גרויס רחמנות. זײַן עלנטקייט און זײַן, קענטיק, צעמישטער פֿאַרשטאַנד, האָט גערירט איר פֿרויען־האַרץ. זי איז געווען אַן אלמנה און גאָרניט רײַך, און האָט אַליין געליטן אין איר לעבן גענוג צרות, האָט זי געקענט מיטפֿילן מיט אַנדערע.

זי האָט זיך פאָרגעשטעלט, אַז דער משוגענער ייִנגל האָט אַוועקגעוואַנדערט פון זיינע עלטערן אָדער אויפפאַסער, האָט זי זיך אַלץ באַמיט צו דערגיין פון אים, פונוואַנען ער קומט, כדי זי זאָל קענען אָננעמען וועלכע ס׳איז מיטלען צו שיקן אים אַהיים. אָבער פון אַלע אירע פראַגן און שמועסן וועגן דערבייאיקע שטעט און דערפער איז גאָרניט אַרויסגעקומען. דאָס ייִנגלס פנים און זיינע ענטפערס האָבן באַוויזן, אַז אַלץ, וועגן וואָס זי רעדט, איז אים אומבאַקאַנט. ער האָט ערנסט און איינפאַך גערעדט וועגן הויף-אָנגעלעגנהייטן און איז אַריינגעפאַלן אין פאַרצווייפלונג יעדעס מאָל, ווען ער האָט אָנגעהויבן צו ריידן וועגן דעם פאַרשטאָרבענעם קיניג — „זיין פאָטער". ווי נאָר אָבער דער שמועס איז אַריבערגעגאַנגען אויף איינפאַכערע זאַכן, האָט ער זיך דערמיט אויפגעהערט צו אינטערעסירן און איז שטיל געבליבן.

די פרוי איז גאָר צעטומלט געוואָרן. זי האָט אָבער די האָפענונג ניט פאַרלאָרן. קאָכנדיק דעם אָנבייסן, האָט זי אַלץ צוגעטראַכט עפעס אַן איינפאַל, וואָס זאָל צווינגען דאָס ייִנגל אויסצוזאָגן, ווער און פונוואַנען ער איז. זי האָט פאַרפירט אַ שמועס וועגן בהמות—דער קיניג האָט ניט אַרויסגעוויזן קיין שום אינטערעס; וועגן שעפסן — דערזעלביקער רעזולטאַט. אַלזאָ, איז איר השערה, אַז ער איז געווען אַ פאַסטוך—אַ טעות. זי האָט גערעדט וועגן מילן, וועגן פאַבריקן, וועגן וועבערס, בלעכערס, שמידן, וועגן אַלערליי אַרבעטן און אַרבעטער — אַלץ אומזיסט: זי האָט געהאַט אַ פולן דורכפאַל אויף אַלע פונקטן. זי האָט זיך אָבער אַלץ ניט אונטערגעגעבן און האָט זיך אַראָפגעלאָזן צו אַ שמועס וועגן שטוב-דינער און דינסטמיידלאַך. יאָ, איצט איז זי אַרויף אויפן ריכטיקן וועג: ער איז געוויס געווען ערגעץ אַ שטוב-דינער. אָבער דער רעזולטאַט איז געווען אַ קלאָגעדיקער: דער שמועס וועגן אויסקערן די שטוב האָט אים קענטיק געלאַנגווייליקט, וועגן דעם אויוון הייצן האָט אים ניט גערירט, שייערן און וואַשן האָט אין אים ניט אַרויסגערופן קיין ענטוזיאַזם. דאַן האָט די גוטע פרוי, מיט דעם לעצטן פונק האָפענונג אין האַרצן, באַרירט די פראַגע פון קאָכן, און צו איר גרויס וואונדער און נאָך גרעסערער

שמחה, איז דעם קיניגס פּנים באַלויכטן געוואָרן מיט פרייד!

אָ, זי האָט אים פּאָרט געפּאַקט!—האָט זי געטראַכט,—און איז שטאָלץ געווען אויף איר קלוגשאַפט און טאַקט, מיט וועלכן זי האָט עס אויסגעפונען.

איצט האָט איר מידער צונג געקענט אָפּרוען אַ ביסל, ווייל דער קיניג האָט שוין גערעדט פאַר איר. באַגייסטערט פון שאַרפן הונגער און צערייצט פון די געשמאַקע ריחות, וואָס האָבן גע־שלאָגן פון די טעפּ און פאַנען, — האָט ער זיך פונאַנדערגעלאָזן און אַוועקגעלייגט אַזאַ דרשה וועגן פאַרשיידענע געשמאַקע גע־ריכטן, אַז אין דריי מינוטן אַרום האָט די פרוי צו זיך אַליין געזאָגט:

„איך בין פּאָרט גערעכט געווען — ער איז געווען אַ קיך־יינגל!“ ער האָט זיך ווייטער צערעדט און באַשריבן איר אַלערליי שפּייזן מיט אַזאַ ברען און קענטעניש, אַז די פרוי איז אויסער זיך געוואָרן:

„טאַטע זיסער! פונוואַנען ווייס ער אַזויפיל געריכטן און נאָך אַזעלכע פיינע! דאָס דערלאַנגט מען דאָך נאָר צום טיש ביי רייכע און גרויסע לייט. אָ, איצט פאַרשטיי איך שוין: איידער ער איז פון זינען אַראָפּ, האָט ער געווויס געדינט אין קייזערלאַכן פּאַלאַץ. יאָ, יאָ, ער האָט געמוזט זיין אַ געהילפס־יינגל אין סאַמע קייזערלאַכער קיך. איך וועל עס באַלד וויסן.“

און וועלנדיק דורכאויס באַווייזן איר שאַרפזיניקייט, האָט זי געהייסן דעם קיניג, ער זאָל דאָ אויפפּאַסן אויף די טעפּלאַך, געבנדיק אים אָנצוהערעניש, אַז ער מעג צוגעבן דאָ אַ געריכט, די אַנדערע, אויב ער וויל.

דאַן איז זי אַרויס פון צימער, אַ וואונק געבנדיק די קינ־דער, זיי זאָלן איר נאָכגיין.

— אַן אַנדער ענגלישער קיניג האָט שוין אַמאָל געהאַט אַזאַ אויפגאַבע—האָט דער קיניג געטראַכט,—ס׳איז ניט קיין אומכבוד פאַר מיר צו טאָן אַן אַרבעט, וואָס ס׳איז אָנגעשטאַנען אַלפרעד דעם גרויסן צו טאָן. אָבער איך וועל זיך באַמיען צו טאָן

מיינע פליכטן בעסער פון אים: ביי אים זיינען דאָך די פלעצלאַך פאַרבערענט געוואָרן.

די כוונה איז געווען גוט, אָבער אויסגעפירט געוואָרן איז זי שלעכט: דער קיסר, אַזוי גוט ווי יענער, האָבן זיך באַלד פאַרטראַכט וועגן זייערע וויכטיקע ענינים און דאָס עסן איז צוגעברענט.

די פרוי איז נאָך געקומען אין דער ריכטיקער צייט צו פאַרכאַפּן, דער אָנבייסן זאָל אינגאַנצן ניט איבערגעפירט ווערן זי האָט גלייך איבערגעריסן דעם קיניגס חלומות, גוט מכבד זייענדיק אים פאַר זיין נאַכלעסיקייט. נאָר זעענדיק, וואָס פאַר אַ צער דאָס פאַרשאַפט אים, איז זי גלייך ווייך געוואָרן און איז געווען צו אים די גוטסקייט און צערטלאַכקייט אַליין.

דאָס יינגל האָט גוט און געשמאַק אָפּגעגעסן און האָט זיך דערפילט פריש און צופרידן. דערדאָזיקער מאָלצייט האָט זיך אויסגעצייכנט דערמיט, וואָס ביידע צדדים האָבן פאַרבויגן יחוס אָן אַ זייט און קיינעם פון זיי איז ניט איינגעפאַלן, אַז דער צווייטער צד טוט אים אָן עָרע.

די פרוי האָט בדעה געהאַט צו געבן עסן דעם יונגן בעטלערל ערגעץ אין אַ ווינקל און אים געבן די שריים פון טיש, ווי מען גיט עסן אַנדערע בעטלער אָדער אַ הונט. זי האָט אָבער אַזוי חרטה געהאַט דערויף, וואָס זי האָט אים געזידלט, אַז זי האָט געטאָן אַלץ וואָס זי האָט געקענט צו פאַרגלעטן אירע האַרטע רייד און האָט אים אַוועקגעזעצט ביי איין טיש מיט זיך, ווי איר גלייכן. דעם קיניג ווידער, האָט אַזוי פאַרדראָסן, וואָס נאָכדעם, ווי די פאַמיליע איז צו אים אַזוי גוט געווען, האָט ער ניט געקענט טאָן זיי אַפילו די קליינע טובה פון אויפפאַסן דעם אָנבייסן, — אַז ער האָט באַשלאָסן פאַרריכטן זיין פעלער דערמיט, וואָס ער וועט זיך אַראָפּלאָזן צו דער פאַמיליע און ערלויבן זיי צו זיצן מיט אים ביי איין טיש, אָנשטאָט צו זיצן אייבער אַליין און זיי זאָלן אים באַדינען, ווי עס פּאַסט זיך פאַר זיין קיניגלאַכן ראַנג. — ווי איר זעט, שאַדט ניט, מיר זאָלן אַלע, צייטנווייז, פאַרבויגן אונזער כבוד. — די פרוי איז אַ גאַנצן טאָג געווען גליקלאַך מיט דעם חסד,

וואָס זי האָט געטאָן מיט אַן אָרימען בעטלער, און דער קיניג איז דאָסגלייכן געווען צופרידן מיט דער גנאָדיקער עניוות, וואָס ער האָט אַרויסגעוויזן קעגן אַ פּשוטער גוטער פּויערטע.

נאָך אָנבייסן האָט די פרוי געהייסן דעם קיניג אויסוואַשן דאָס געפּעס. לכתחילה האָט עס דעם קיניג אַ שטאָך געטאָן און ער האָט שוין געוואָלט אַנטקעגנשטעלן זיך, אָבער באַלד האָט ער זיך געזאָגט:

„אַלפרעד דער גרויסער האָט אויפגעפּאַסט די פּלעצ־לאַך, מן הסתם וואָלט ער וואַשן געפּעס אויך, ווען ס׳וואָלט אים אויסגעקומען, וועל איך אויך פּרובירן".

און צו זיין גרויס וואונדער, האָט ער אָפּגעטאָן די שטיקל אַרבעט ניט זייער גלאַנציק, און ס׳האָט דאָך אויסגעזען צו זיין אַזאַ גרינגע זאַך אויסצוואַשן עטלאַכע שיסלאַך און הילצערנע לעפל! אָבער ער האָט, ווי עס איז, געענדיקט די לאַנגווייליקע און שווערע אַרבעט. איצט האָט ער געוואָלט וואָס גיכער לאָזן זיך אין וועג, אָבער ער האָט ניט געקענט אַזוי גיך לויז ווערן פון דער אויסגערעכנטער באַלעבאָסטע.

זי האָט אים איינגעטיילט נאָך עטלאַכע מלאכות און ער האָט עס נישקשהדיק אָפּגעטאָן. דערנאָך האָט זי אים אַוועקגע־זעצט מיט די צוויי מיידלאַך שיילן עפּל — אַן אַרבעט, צו וועלכער ער האָט לחלוטין ניט געטויגט, האָט זי אים באַפרייט דערפון און געגעבן אים אָנשאַרפן אַ קיך־מעסער. צום סוף האָט זי אים מכבד געווען צו קאָמען וואָל, ביז דער קיניג האָט אָנגעהויבן צו דענקען, אַז ער האָט שוין לאַנג איבערגעשטייגט דעם גוטן קיניג אַלפרעד דעם גרויסן און מיט אַן אויסגעהאַלטנקייט, וואָס זיינען גוט אין ביכער אָדער אין אַנעקדאָטן, אָבער ניט אין לעבן,— און ער האָט שוין כמעט בדעה געהאַט אָפּצוזאָגן זיך.

ווען די גוטע פרוי האָט אים געגעבן אַ קערבל מיט קליינע קעצלאַך און געהייסן דערטרינקען זיי, האָט ער זיך אָפּגעזאָגט, ווייניקסטנס, ער האָט זיך געקליבן אָפּצוזאָגן, ווייל ער האָט גע־פילט, אַז צו אַלץ מוז נעמען אַ סוף, און מאַכן אַ סוף ביי די קעצ־לאַך איז די ריכטיקסטע זאַך. אָבער פּונקט אין דער מינוט, ווען

ער האָט שוין געוואָלט אָנהויבן ריידן, האָט זיך באַוויזן ד ז ש אָ ן ק ע נ ט י—מיט אַ פּאַק אויף די פּלייצעס—און ה י ו ג אָ.

דער קיניג האָט דערזען די צוויי באַנדיטן אַריינגייענדיק אין טויער, איידער זיי האָבן צייט געהאַט אים צו דערזען, האָט ער אַוועקגעלייגט די טענות אָן אַ זייט, אַ כאַפּ געטאָן דאָס קערבל מיט די קעצלאַך און איז אָן ווערטער אַרויס דורכן הינטער־טיר.

איבערלאָזנדיק די קעצלאַך הינטערן שטוב, האָט ער זיך האַסטיק געלאָזן דורך אַ הינטער־געסל אין וועג אַריין.

צוואַנציגסטער קאַפּיטל.

דער פּרינץ און דער נזיר.

פאַרשטעלט דורך אַ הויכן פּאַרקאַן פון שטוב־זייט, איז דער קיניג מיט אַלע כּוחות געלאָפן צום וואַלד, וואָס האָט זיך געזען פון ווייטן. ער האָט זיך קיין איין מאָל ניט אומגעקערט אַהינטער, ביז ער האָט ניט דערגרייכט דעם וואַלד. ערשט דאַן האָט ער זיך אומגעקוקט און דערזען פון ווייטן צוויי געשטאַלטן. דאָס איז פאַר אים גענוג געווען. ער האָט זיך ניט אָפּגעהאַלטן גוט צו באַטראַכטן זיי, נאָר ווייטער געלאָפן אָן אָפּהאַלט, ביז ער איז געקומען אין די טונקעלע געדיכטעניש פון וואַלד. ערשט איצט האָט ער זיך אָפּגעשטעלט, פילנדיק, אַז ער איז אַרויס פון געפאַר. ער האָט זיך אויפמערקזאַם צוגעהערט — אַרום און אַרום האָט געהערשט אַ טיפע, פולשטענדיק אימהדיקע שטילקייט, — אַ שטילקייט, וואָס האָט געדריקט דאָס האַרץ. זייער זעלטן האָט זיין אָנגעשטרענגטער אויער געכאַפּט עפּעס מאָדנע קלאַנגען, אָבער זיי זיינען געווען אַזוי ווייט, און לער און געהיימניספול, אַז זיי זיינען מער ענלאַך געווען צו דאָס קרעכצן און באַקלאָגן זיך פון טויטע גייסטער, ווי צו קלאַנגען גופא. און דידאָזיקע רעטזועלהאַפטיקע קלאַנגען, זיינען געווען מער שרעקלאַך ווי די שטילקייט, וואָס זיי האָבן געשטערט.

לכתחילה האָט ער געוואָלט פאַרבלייבן דעם גאַנצן טאָג אויף דעמזעלביקן אָרט, אָבער אַ קאַלטער ווינט האָט אינגיכן דורכגענומען זיין פאַרשוויצטן קערפּער, און ער האָט זיך גע־מוזט באַוועגן צו דערוואַרימען זיך אַ ביסל. ער האָט זיך געלאָזן גלייך דורכן וואַלד, האָפנדיק דורכצושלאָגן זיך צו אַ וועג, אָבער ער האָט זיך אין דעם אָפּגענאַרט. ער איז געגאַנגען ווייטער און

ווייטער, אָבער וואָס מער ער איז געגאַנגען, אַלץ געדיכטער איז דער וואַלד געוואָרן. ביסלאַכווייז האָט אָגגעהויבן פינסטער צו ווערן און דער קיניג האָט פאַרשטאַנען, אַז די נאַכט קומט אָן. ער האָט געציטערט ביי דעם געדאַנק, אַז ער וועט דאַרפן פאַרבריינגען די נאַכט אין אַזאַ מוראדיקן אָרט. האָט ער אָנגעהויבן נאָך שנעלער צו גיין, אָבער די פינסטערניש האָט אים געשטערט צו באַוועגן זיך גיך: ער האָט זיך אַלע ווײַלע אָנגעשטויסן אויף בוים־וואָרצלען און פאַרפלאָנטערט זיך אין ווילדע געוויקסן.

מען קען זיך דעריבער פאָרשטעלן, ווי גליקלאַך ער איז געווען, ווען ער האָט צום סוף דערזען אַ פינקלענדיק פייערל! מיד האָט ער זיך צו אים דערנענטערט, אָפשטעלנדיק זיך אָפט צוצוהערן זיך און אַרומקוקן זיך.

דאָס פייערל האָט געפינקלט פון אַ פענסטערל אָן שייבלאַך אין אַ קליין שטיבעלע. ער האָט דערהערט אַ שטימע פון אינעווייניק, און האָט שוין געוואָלט אַנטלויפן און באַהאַלטן זיך, אָבער גאַלד האָט ער געביטן זיין באַשלוס, ווייל דער קול איז געווען פון איינעם, וואָס איז, קענטיק מתפלל. ער האָט זיך אונטערגעגנבעט צום איינציקן פענסטערל און האָט אַריינגעקוקט אינעווייניק. דאָס שטיבעלע איז באַשטאַנען פון אַ קליין חדרל, די פאָדלאָגע איז געווען אַן ערדיקע, גוט אַיינגעקלאַפט מיט די פיס. אין אַ ווינקל איז געווען אַ געלעגער פון (טראָסט) צעראָט, באַדעקט מיט אַ פאָר צעריסענע קאָלדרעס. לעבן געלעגער איז געשטאַנען אַן עמער, אַ קריגל, אַ בעקן און צוויי־דריי טעפלאַך און פאַנען. דאָ איז אויך געשטאַנען אַ מין ביינקל און אַ דרייפיסיקער שטול. אויפן פריפעטשיק האָבן געגליט עטלאַכע קוילן פון אַן אויסגעגאַנגענעם פייער; פאַר די הייליקע בילדער, ביי וועלכע ס'האָט געברענט אַ ליכטל, האָט געקניט אָן אַלטער מאַן, און לעבן אים איז אויף אַ הילצערנעם קעסטל געלעגן אַן אָפן בוך און אַ מענטשלאַכער שאַרבן. דער אַלטער איז געווען גרויס און ביינִיג, זיין באָרד און האָר זיינען געווען זייער לאַנג און ווייס ווי שניי. אָנגעטאָן איז ער געווען אין אַ מלבוש פון

שפּסן-פּעל, וואָס האָט אים דערגרייכט ביז די סאַמע פּיאַטעס.

— אַ הייליקער וואַלד-נזיר! — האָט דער קיניג אַ טראַכט געטאָן, — ווי גליקלאַך איך בין עס!

דער הייליקער האָט זיך אויפגעהויבן פון זיינע קני. דער קיניג האָט אָנגעקלאַפּט אין טיר, און אַ געדיכטע שטימע האָט געענטפערט: — קום אַריין! — אָבער לאָז איבער דיינע זינד הינטער זיך, וואָרום די ערד אויף וועלכער דו וועסט טרעטן, איז הייליק.

דער קיניג איז אַריין און האָט זיך אָפּגעשטעלט. דער הייליקער האָט אָנגעווענדט אויף אים אַ פּאָר ברענענדיקע, אומרו-איקע אויגן און געפרעגט:

— ווער ביסטו?

— איך בין דער קיניג — איז געווען דער רואיקער ענטפער.

— זיי באַגריסט, קיניג! — האָט דער הייליקער מיט היץ אויסגעשריען.

ער האָט זיך גענומען אײַלנדיק און נערוועז עסקן, איבער-חזרנדיק די גאַנצע צייט, „זיי באַגריסט! זיי באַגריסט!" האָט אָפּגעווישט דאָס ביינקל, צוגעוואָרפן עטלאַכע שטיקלאַך האָלץ אין פייער, אַוועקגעזעצט לעבן אים דעם קיניג און גענומען אומ-רואיק שפּרייזן הין און צוריק איבערן צימערל און ריידן.

— זיי באַגריסט! אַ סך האָבן געזוכט געהייליקט צו ווערן דאָ, אָבער זיי האָבן ניט זוכה געווען, און זיינען דעריבער אָפּ-געווענדט געוואָרן פון מיר. אָבער אַ קיניג, וואָס וואַרפט אַליין אַראָפּ די קרוין פון זיין קאָפּ, טוט פאַראַכטן דעם הבלדיקן גלאַנץ פון זיין קיניגטום, און טוט אָן זיין קערפּער אין צעריסענע שמאַ-טעס צו ווידמען זיין לעבן צו קדושה און צו פּייניקן זיין גוף, — איז אַ בעל-זכאי, — ער איז באַגריסט! ער איז געוואונטשן! — דאָ וועט ער פאַרבלייבן גאָר זיינע טעג, ביז די שעה פון זיין טויט וועט שלאָגן!

דער קיניג האָט אים געוואָלט איבערשלאָגן און דערקלערן, אַז ער האָט אַ טעות, אָבער דער הייליקער נזיר האָט זיך אויף

אים ניט אומגעקוקט, אַפילו ניט געהערט וואָס ער זאָגט. ער האָט ווייטער גערעדט, נאָך מיט מער פייער און גרעסערער ענערגיע:

— דאָ וועסטו לעבן בשלום. קיינער וועט ניט אויסגעפינען דיין באַהעלטעניש צו באַאומרואיקן דיך מיט בקשות אומצוקערן זיך צוריק צו יענעם פוסטן און נאַרישן לעבן, וואָס גאָט האָט דיר געהאָלפן צו פאַרלאָזן. דאָ וועסטו תפילה טאָן; דאָ וועסטו לערנען דאָס הייליקע בוך; דאָ וועסטו צייט האָבן צו קלערן וועגן די הבל הבלים פון דער וועלט און וועגן דער לייטזעליקייט און פראַכט פון יענער וועלט. דו וועסט זיך שפייזן מיט טרוקן ברויט און קרייטעכער און וועסט יעדן טאָג פייניקן דיין לייב מיט ריטער כדי צו רייניקן דיין נשמה. אַ האָריק העמד וועט באַדעקן דיין לייב, דיין געטראַנק וועט זיין בלויז וואַסער און דו וועסט לעבן בשלוה, יאָ, בשלום און בשלוה, ווייל די, וואָס וועלן קומען נאָך דיר, וועלן מיט שפּאָט צוריק אַוועקגיין, מחמת זיי וועלן דיך ניט געפינען און וועלן דיך ניט באַאומרואיקן.

דער אַלטער מאַן האָט אויפגעהערט צו ריידן. שפּרייזנדיק הין און צוריק האָט ער עפּעס געמורמלט פאַר זיך. דער קיניג האָט אויסגענוצט די געלעגנהייט צו דערציילן זיין געשיכטע. אונטער דער ווירקונג פון שרעק און אומרואיקייט, האָט ער אָנגעווענדט זיין גאַנצע רעדנער-קראַפט. אָבער דער אַלטער האָט זיך אויף אים אַפילו ניט אומגעקוקט.

אַלץ מורמלענדיק איז ער צוגעגאַנגען צום קיניג און דורכדרינגלאַך געזאָגט:

— שש!... איך וועל דיר זאָגן אַ סוד!

ער האָט זיך אָנגעבויגן צו דערציילן, אָבער ער האָט זיך אָבגעהאַקט, ווי ער וואָלט זיך צו וואָס צוגעהערט. אין אַ פּאָר מינוט אַרום איז ער אויף די שפּיץ פינגער צוגעגאַנגען צום פענסטערל, אַרויסגערוקט דעם קאָפּ און אַרומגעקוקט זיך אין דער פינסטערניש, איז צוריק צוגעגאַנגען אויף די שפּיץ פינגער און אָנבויגנדיק זיך נאָענט צום קיניגס פּנים איינגערוימט:

— איך בין אַ שר פון מלאכים!

דער קיניג איז אַ פאַרציטערטער געוואָרן און אַ קלער גע-

טאָן: „הלוואַי וואָלט מיר גאָט געהאָלפן איך זאָל בעסער זיין איצט צווישן די באַנדיטן, איידער געפינען זיך אין די הענט פון אַ משוגענעם׳!״

זיין שרעק איז געוואַקסן און האָט זיך דייטלאַך אויסגע־דריקט אויף זיין פּנים.

אין אַ נידעריקן, באַגייסטערטן קול האָט דער הייליקער נזיר ווייטער גערעדט:

— איך זע, אַז דו פילסט מיין רוח! דיין פּנים דריקט אויס הייליקע פּורכט! קיינער קען ניט קומען אין דעמדאָזיקן גע־צעלט ער זאָל ניט דערפילן מיין גייסט, וואָס דאָס איז דער רוח הקדש פון הימל. איך גיי אַהין און קום צוריק כּהרף־עין. מיך האָט מען געמאַכט פאַר אַ שר פון מלאכים מיט פינף יאָר צוריק דאָ אויף דעם זעלביקן אָרט, דורך מלאכים, וואָס זיינען אַראָפּ־געשיקט געוואָרן פון הימל, אַרויפצולייגן אויף מיר דידאָזיקע מוראדיקע גדולה. זייער אָנוועזנהייט האָט אָנגעפילט דעמדאָזיקן אָרט מיט אַ פאַרבלענדנדיקער ליכטיקייט, און זיי האָבן געקניט פאַר מיר, יאָ, קיניג, געקניט פאַר מיר, ווייל איך בין העכער פון זיי; איך האָב געשפּאַצירט איבער די גערטנער פון גן־עדן און געפירט אַ שמועס מיט די אָבות. באַריר מיין האַנט—האָב קיין מורא ניט,—באַריר זי! זיי־זשע וויסן, אַז דו האָסט באַרירט אַ האַנט, וואָס האָט מקבל שלום געווען פון אברהם, יצחק און יעקב! וואָ־רים איך האָב געשפּאַצירט אין די גאָלדענע סעדער פון פמליה של מעלה און דאָב געזען דעם כּו ויכול פּנים אַל פּנים!...

ער האָט זיך אַ ווײַלע אָפּגעשטעלט, זיינע ווערטער זאָלן בעסער ווירקן, מיטאַמאָל האָט ער זיך אינגאַנצן אומגעביטן. ער איז אויפגעשפּרונגען אויף די פיס און מיט גרויס קראַפט צאָרנ־דיק אויסגעשריען:

— יאָ, איך בין אַ שר פון מלאכים אַ פּשוטער שר, — איך, וואָס האָב געקענט זיין פּויפּסט! יאָ, יאָ, ס׳איז אמת! מען האָט עס מיר באַוויזן פון הימל אין חלום צוואַנציק יאָר צוריק, אָ, יאָ, איך האָב געדאַרפט זיין פּויפּסט! און איך וואָלט גע־ווען פּויפּסט—וואָרים אַזוי איז באַשטימט געוואָרן מן השמים, —

אָבער דער קיניג האָט חרוב געמאַכט מיין בית התפילה, און איך, אָרימער אומבאַוואוסטער נזיר, בין אַרויסגעוואָרפן געוואָרן עלנט און היימלאָז אויף דער וועלט, באַרויבט פון דער מעכטיקער גרויסקייט צו וועלכער איך בין באַשטימט געווען פון הימל!

ער האָט ווידער אָנגעהויבן מורמלען, געקלאַפּט זיך מיט גרויס כּעס אין שטערן, שיליגנדיק און פלוכנדיק אָן אויפהער און אויסשרייענדיק פון צייט צו צייט:

— דעריבער בין איך ניט מער ווי אַ ש״, אין דער צייט, וואָס איך האָב געדאַרפט זיין אַ פויפּסט!

אַ גאַנצע שעה האָט דער אַלטער גערעדט און געשאָלטן און דער אומגליקלאַכער קליינער קיניג איז געזעסן און געפּייניקט זיך. מיטאַמאָל איז דעם אַלטנס משוגעת אַוועק און ער איז געוואָרן די צערטלאַכקייט אַליין. זיין קול איז ווייך געוואָרן, ער האָט זיך אַראָפּגעלאָזן פון די וואָלקנס און גענומען שמועסן וועגן געוויינלאַכע זאַכן אַזוי פּשוט און האַרציק, אַז ער האָט גיך איינגאַנצן געוואונען דעם קיניגס צוטרוי. דער אַלטער נזיר האָט צוגערוקט דאָס ייִנגל נעענטער צום פייער, באַקוועם געמאַכט אים, מיט אַ געשיקטער און צאַרטער האַנט פאַרגלעט און געהיילט זיינע קליינע וואונדן און צייכנס און גענומען פאָרבערייטן פאַר אים אַן אָוונט־מאָלצייט, פלוידערנ־דיק ליבלאַך די גאַנצע צייט און גלעטנדיק, פון צייט צו צייט דאָס ייִנגל איבערן בעקל אָדער קעפּל מיט אַזאַ איבערגעבנקייט און צערטלאַכקייט, אַז די גאַנצע מורא און אָפּשטויס, וואָס ער האָט געפילט צום מלאך, איז איבערגעביטן געוואָרן אין ליבע און צוגעבונדנקייט צום מענטשן.

דערדאָזיקער גליקלאַכער צושטאַנד האָט אָנגעהאַלטן די גאַנצע צייט פון אָוונט־מאָלצייט. נאָכן עסן, האָבן זיי תפילה גע־טאָן און דער אַלטער האָט איינגעלעגט דאָס ייִנגל שלאָפן אין דערבייאיקן קעמערל, איינגעוויקלט און איינגעדעקט אים צערט־לאַך ווי אַ מוטער און, אַ גלעט געבנדיק דאָס ייִנגל איבערן בעקל, איז ער אַוועק און אַנידערגעזעצט זיך לעבן פייער, צוועקלאָז און פאַרטראַכט מישנדיק די קוילן. מיטאַמאָל האָט ער זיך אָפּגעשטעלט עטלאַכע מאָל אַ קלאַפּ געטאָן זיך אין שטערן, ווי ער וואָלט זיך

וואָס געוואָלט דערמאָנען, נאָר דאָס איז אים, קענטיק ניט גע־לונגען. האַסטיק אויפהויבנדיק זיך פון אָרט, איז ער צוגעגאַנגען צום יינגל און געפרעגט:

— דו ביסט דער קיניג?

— יאָ — האָט דער קיניג שלעפעריק געמורמלט.

— וואָסער קיניג?

— דער קיניג פון ענגלאַנד.

— פון ענגלאַנד! איז, הייסט עס, ה ע נ ר י געשטאָרבן?

— אַך, צום באַדויערן, אָ, איך בין זיין זון.

אַ טונקעלער שאָטן האָט באַדעקט דעם נזירס פנים און ער האָט מיט אַן אויסדרוק פון נקמה־געפיל צונויפגעדריקט זיינע דאַרע הענט. עטלאַכע מינוט איז ער געשטאַנען שטיל, דערנאָך האָט ער מיט אַ פאַרשטיקטן קול אַ זאָג געטאָן:

— ווייסטו, אַז ער האָט אונז אַרויסגעוואָרפן אין דער ברייטער וועלט אַריין אָן אַ היים און אַ דאַך?

קיין ענטפער איז ניט געקומען. דער אַלטער האָט זיך אָנ־געבויגן און איינגעקוקט זיך אין דאָס יינגלס רואיקן פנים און צוגעהערט זיך צו זיין מעסיקן אָטעם און געמורמלט: „ער שלאָפט — ער שלאָפט פעסט!" — און דער טונקעלער שאָטן איז פאַרשוואונדן פון זיין פנים, אָפּטרעטנדיק זיין אָרט אַן אויסדרוק פון בייזוויי־ליקער צופרידנקייט.

אַ שמייכל האָט דורכגעשוועבט איבער דאָס יינגלס שלאָפע־דיק פנים.

— אָ, ער איז גליקלאַך! — האָט געמורמלט דער נזיר און האָט זיך אָפּגעקערט אָן אַ זייט.

ער האָט זיך אומגעדרייט איבערן שטיבל, זוכנדיק עפּעס, פון צייט צו צייט האָט ער זיך אָפּגעשטעלט, צוגעהערט זיך, אומגעקוקט זיך צום בעט, ניט אויפהערנדיק צו מורמלען, וואָר־טשען און ריידן צו זיך אַליין. צום סוף האָט ער געפונען וואָס ער האָט געזוכט: אַן אַלטן פאַרראָסטן קיך־מעסער און אַ שאַרף־שטיין. ער האָט זיך צוגעזעצט צו זיין אָרט ביים פייער, אַוועק־

געזעצט זיך און גענומען שטיל שאַרפן דאָס מעסער, אַלץ ניט אויפהערנדיק צו מורמלען און פּלאַפּלען.

דער ווינט האָט געיאָמערט אַרום דער איינזאַמער שטיבל, געהיימענישפולע נאַכט-קלאַנגען, געבראַכט פון דער ווייטנס, האָבן געשוועבט אַרום, מייז און פּאַצוקעס האָבן אַרויסגעקוקט מיט זייערע ברענענדיקע אויגלאַך פון די לעכער, אָבער דער אַלטער נזיר, פאַרטיפט אין זיין אַרבעט, האָט קיין זאַך ניט באַמערקט און ניט געהערט.

פון צייט צו צייט פלעגט ער אַ פיר טאָן מיטן גראָבן פינגער איבערן שאַרף פון מעסער און צופרידן שאָקלען מיטן קאָפּ: „ער ווערט שאַרפער, יאָ, ער ווערט אַלץ שאַרפער... — ער האָט ניט באַמערקט ווי די צייט לויפט ביי דער אַרבעט, זייענדיק פאַרנומען מיט זיינע געדאַנקען, וועלכע ער האָט צייטנווייס אַרויסגעזאָגט אויפן קול:

— זיין פאָטער האָט אונז שלעכטס געטאָן, ער האָט אונז חרוב געמאַכט, און איז אַריינגעפאַלן אין אייביקן גיהנום! יאָ, טיף אין די אייביקע פייערן פון גיהנום! ער האָט אונז אויסגעמיידט—מין הסתם האָט גאָט אַזוי געוואָלט, יאָ גאָטס ווילן איז אַזוי געווען, און מיר טאָרן אים ניט ווידערשפעניקן. אָבער דעם גיהנום האָט ער ניט פאַרמידן — און זיינע פייערן ברענען דאָך אייביק! ניין, ניין, ער איז ניט אויסגעלייזט געוואָרן פון די אייביקע פאַרניכטנדיקע, אומרחמנותדיקע, גרויזאַמע פייערן פון גיהנום!

און ער האָט ווייטער און ווייטער געשאַרפט דאָס מעסער מורמלענדיק און שטיל אונטערלאַכנדיק און אָפּטמאָל ווידער ריידנדיק צו זיך אַליין:

— דאָס האָט אַלץ זיין פאָטער געטאָן! איך בין ניט מער ווי אַ מלאך, אין דער צייט וואָס—ווען ניט ער — וואָלט איך געקענט זיין פויפּסט.

דער קיניג האָט זיך אַריר געטאָן. דער נזיר איז שטיל צוגעשפּרונגען צו זיין בעט, אַוועקגעשטעלט זיך אויף די קני און אויפגעהויבן דאָס מעסער איבער דעם שלאָפנדיקן יינגל. דאָס

יינגל האָט זיך ווידער אַ ריר געטאָן און אויף אַ סעקונדע געעפנט די אויגן: אָבער קיין סימן פון געדאַנק איז אין זיי ניט געווען — דאָס יינגל האָט קיין זאַך ניט געזען, און אין אַ מינוט אַרום האָט זיין רואיקער אָטעם באַוויזן, אַז ער איז ווידער פעסט איינגע־שלאָפן.

דער נזיר האָט זיך צוגעקוקט און צוגעהערט, קוים עטע־מענדיק און אַלץ האַלטנדיק דאָס מעסער איבער דעם יינגלס קאָפּ. נאַכהער האָט ער לאַנגזאַם אַראָפּגעלאָזן די האַנט און שטיל אָפּגעע־טראָטן, זאָגנדיק:

— ס׳איז שוין לאַנג נאָך האַלבע נאַכט. ס׳וועט ניט טויגן אויב ער וועט אַ געשריי טאָן; אימיצער קען נאָך צופעליק פאַר־ביייגיין.

ער האָט זיך געשאַרט איבערן שטיבל, אויפזוכנדיק דאָ אַ שמאַטקע, דאָרט אַ שטריקל, אַ שנירל און, אומקערנדיק זיך צום בעט, האָט ער שטיל, ניט אויפוועקנדיק דעם קיניג, איבערגע־בונדן זיינע פיס ביי די קנעכלאַך. דאַן האָט ער געפּרובירט בינדן זיינע הענט, אָבער יעדעס מאָל, ווען ער האָט שוין געוואָלט פאַר־בינדן דאָס שטריקל, האָט דער קיניג אַוועקגענומען דאָס איין האַנט, דאָס די אַנדערע.

נאָר גראָד דאַמאָלסט, ווען דער נזיר האָט זיך שוין באַלד מיאש געווען, האָט דער קיניג אַליין צוזאַמענגעלייגט די הענט אויפן ברוסט, און אין איין מינוט זיינען זיי געווען פאַרבונדן. נאָכהער האָט ער פאַרבונדן מיט אַ באַנד דעם קיניגס קאָפּ צום בעט אַזוי שטיל און פאָרזיכטיק, אַז ער האָט זיך אַפילו ניט אַ ריר געטאָן.

איין־און־צוואַנציגסטער קאַפּיטל.

הענדאָן קומט צוהילף.

שטיל ווי אַ קאַץ האָט זיך דער אַלטער נזיר מיט גנבישע טריט אַוועקגעשאַרט פון בעט און געבראַכט דאָס נידריק ביינקל. ער האָט זיך אַנידערגעזעצט אויף אים אַזוי, אַז אַ האַלבער גוף איז געווען אין שאָטן און אויף דעם צווייטן האַלבן איז געפאַלן דאָס טונקעלע, פינטלדיקע שיין פון דאָס ליכטל ביים הייליקן בילד. און אַזוי איז ער געזעסן איינגעבויגן איבער דעם שלאָפעדיקן יינגל און, קוקנדיק אויף אים מיט בלוט־דורשטיקע אויגן, געדולדיק געהאַלטן וואַך איבער אים און אַלץ געשאַרפט און געשאַרפט דאָס מעסער, ניט באַמערקנדיק ווי די צייט לויפט.

ער האָט מיט זיין גאַנצן אויסזען דערמאָנט אַ גרויסן עקל־האַפטן און שרעקלאַכן שפין, בעת ער פרעסט מיט די אויגן אַ הילפלאָזע פליגעלע, וואָס האָט זיך פאַרפלאָנטערט אין זיין שפינוועבס.

אין אַ היפשע ווײַלע אַרום, האָט דער אַלטער, וואָס האָט נאָך אַלץ געקוקט — אָבער ניט געזען, זייענדיק אינגאַנצן פאַרזונקען אין זייגע ווילדע חלומות, — מיטאַמאָל באַמערקט, אַז דעם יינגלס אויגן זיינען אָפן! — ווייט אָפן, און קוקן מיט פאַרגליווערטן טויט־שרעק אויפן מעסער! אַ צופרידענער טייוולשער שמייכל האָט זיך פאַרשפרייט איבער דעם אַלטנס פנים און, ניט רירנדיק זיך פון אָרט און אַלץ שאַרפנדיק דאָס מעסער האָט ער געזאָגט:

— זון פון הענרי דעם אַכטן, האָסטו מתפלל געווען?

דאָס יינגל האָט זיך הילפלאָז געראַנגלט אין זיינע פענטעס און, צו דערזעלבער צייט, אַרויסגעלאָזן אַ פאַרשטיקטן

קלאַנג, וואָס איז דעם נזיר געפעלן געוואָרן צו פּאַרטייטשן פאַר אַ באַשטעטיקונגס־ענטפער אויף זיין פראַגע.

— טו־זשע נאָכאַמאָל תפילה. זאָג ודוי פאַרן טויט!

אַ שוידער האָט דורכגענומען דאָס ייִנגל, און זיין פּנים איז בלייך געוואָרן ווי קרייט. ער האָט זיך ווידער ווילד און פאַר־צווייפלט געראַנגלט, געצאַפּלט און געמאַטערט זיך צו צוררייסן זיינע שטריק, אָבער — אומזיסט.

דער אַלטער מענטשן־פרעסער האָט געקוקט אויף אים און געשמייכלט, צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ און אַלץ געשאַרפט דאָס מע־סער, מורמלענדיק פון צייט צו צייט:

— די מינוטן זיינען טייער — געציילט און טייער, זאָג־זשע ודוי פאַרן טויט!

דאָס ייִנגל האָט אויפגעהערט צו ראַנגלען זיך. אַרויסלאָזנ־דיק אַ האַרצרייסנדיק געשריי, איז ער געבליבן ליגן אָן אָטעם. טרערן האָבן זיך איינע נאָך די אַנדערע געקייקלט איבער זיינע באַקן, אָבער זיי האָבן ניט ווייך געמאַכט דאָס פאַרשטיינערטע האַרץ פון דעם אַלטן.

עס האָט אָנגעהויבן צו טאָגן. דער אַלטער האָט עס באַ־מערקט און זיין קול האָט געקלונגען אומרואיק, ווען ער האָט געזאָגט: — איך טאָר זיך מער ניט זעטיקן מיט דאָס פאַרגעניגן לענגער! די נאַכט איז שוין פאַרשוואונדן, — פאַרשוואונדן ווי אַ מאָמענט, ווי איין מאָמענט! און ווען דאָס וואָלט געדויערט כאָטש אַ יאָר! דו, זרע פון דעם קלויסטער־צושטערער, פאַרמאַך דיינע אויגן, אויב דו קאָנסט ניט קוקן אויף...

דאָס איבעריקע איז פאַרלאָרן געגאַנגען אין אַן אומדייט־לאַכער מורמלעריי. דער אַלטער האָט זיך אַראָפּגעלאָזן אויף די קני און האָט זיך מיטן מעסער אין האַנט אָנגעבויגן איבער דעם קרעכצנדיקן ייִנגל.

שאַ! עפּעס האָבן זיך דערהערט שטימען לעבן שטיבל. דאָס מעסער איז אַרויסגעפאַלן פון דעם נזירס האַנט. ער האָט גיך איבערגעדעקט דאָס ייִנגל מיט אַ שעפּסן־פעל, און איז, ציטערנדיק אויפגעשפּרונגען. די קולות האָבן זיך דערנענטערט

און פאַרשטאַרקט. דערנאָך האָבן זיך דערהערט קלעפּ און אַ רוף צו הילף. נאָכדעם — אַ טופּעריי פון אײַלנדיקע דערווייטערטע טריט. גלייך נאָכדעם האָט זיך דערהערט אַ האַסטיקע קלאַפּעריי אין טיר און אַ קול: — האַללאָ-אָ! ע, עפן! און ריר זיך — אין נאָמען פון אַלע רוחות!

אָ, דאָס איז געווען די בעסטע מוזיק, וואָס דעם קיניגס אויערן האָבן ווען עס איז געהערט: דאָס איז געווען מיילס הענדאָנס קול!

קריצנדיק מיט די ציין פון מאַכטלאָזן צאָרן, איז דער נזיר שטיל אַרויס פון קעמערל, פאַרמאַכנדיק די טיר הינטער זיך. גלייך נאָכדעם האָט דער קיניג דערהערט וועגן זיך אַזאַ מין שמועס:

— זײַ געגערט און באַגריסט, הייליקער מאַן! וואו איז דאָס ייִנגל? מײַן ייִנגל?

— וואָסער ייִנגל, פרײַנט?

— וואָסער ייִנגל! ניט לייג מיר קיין ליגנס, געערטער פּריסט, שפּיל מיט מיר ניט אין נאַרעריי! איך בין ניט געשטימט דערצו. ניט ווייט פון דאַנען האָב איך געכאַפּט די באַנדיטן, וואָס האָבן, ווערליך איך פאַרשטיי, אים צוגעגנבעט פון מיר. איך האָב זיי געצוואונגען מודה זײַן זיך אין דעם. זיי האָבן מיר געזאָגט, אַז ער איז פון זיי ווידער אַנטלאָפן, און זיי האָבן אים נאָכגעשפּירט ביז דײַן טיר. זיי האָבן מיר אַפילו געוויזן די צייכנס פון זײַנע טריט. און איצט — גענוג אויסצודרייען זיך, הייליקער מאַן, אויב דו גיבסט אים מיר ניט — וואו איז דאָס ייִנגל?!

— אָ, גוטער הער? אפשר מיינסטו דעם אָפּגעריסענעם קיניגלאַכן וואַנדערער, וואָס האָט זיך דאָ אויפגעהאַלטן די נאַכט. אויב דאָס איז ער, ווערן ווען דו באַגערסט אַזוי צו געוואָר ווערן, — זײַ וויסן, אַז איך האָב אים געשיקט אין אַ שליחות און ער וועט באַלד צוריקקומען.

— ווען וועט ער קומען? ווי גיך? פאַרליר ניט קיין צייט

קען איך אים ניט איבערנעמען אויפן וועג? ווען וועט ער זיין צוריק?

— באַמי זיך ניט, מיין הערר, ער וועט באַלד צוריק קומען.

— זאָל זיין אַזוי. כ׳וועל פּרובן וואַרטן. וואַרט נאָר! דו האָסט אים געשיקט אַ גאַנג? — דו! אויף מיין וואָרט דאָס איז אַ ליגן! ער וואָלט ניט געגאַנגען. ער וואָלט דיר פאַר אַזאַ חוצפּה דיין גרויע באָרד אויסגעריסן. דו זאָגסט ליגן, מיין פריינד — דו זאָגסט זיכער ליגן! ער וואָלט ניט געגאַנגען קיין שליחות ניט פאַר דיר, ניט פאַר אַן אַנדער מענטש.

פאַר אַן אַנדער מ ע נ ט ש ן ניט. איך בין אָבער קיין מענטש ניט.

— וו אָ ס! וואָס-זשע, אין גאָטס נאָמען, ביסטו?

— ס׳איז אַסוד. — געדענק-זשע דערציייל קיינעם ניט: איך בין אַ שר פון מלאָכים!

אַ שרעקלאַך און ניט איבעריק הייליק וואָרט האָט זיך אַרויסגעריסן פון מ יי ל ס ה ע נ ד אָ נ ס מויל. באַלד נאָכדעם האָט ער צוגעגעבן.

— נו, אויב אַזוי פאַרשטיי איך זיין נאָכגעביקייט, פאַר אַ בשר ודם וואָלט ער מיט אַ האַנט אָדער מיט אַ פוס ניט גערירט, אָבער אַ מלאך מוז דאָך אַפילו אַ קסר אויך פאָלגן. וואָס איז דאָ פאַראַן וואָס צו ריידן... וואַרט נאָר, ששש! וואָס הערט זיך עפּעס דאָרטן פאַר אַ טומל?

דער קליינער קיניג איז די גאַנצע צייט געלעגן און געט-רייסלט זיך פון שרעק און האָפנונג. ער האָט מיט אַלע כוחות גע-מאַטערט זיך צו קרעכצן, האָפנדיק, אַז זיי וועלן דערגרייכן צו ה ע נ ד אָ נ ע ן און איז געווען פאַרצווייפלט זענדיק, אַז ס׳איז אַלץ אומזיסט.

די לעצטע ווערטער פון זיין פריינד זיינען דעריבער גע-ווען פאַר אים ווי דער פרישער ווינטל פון גרינע פעלדער פאַר אַ גוסס. און ער האָט ווידער געקרעכצט, אויף וויפל די כוחות זיי-נע האָבן געקלעקט.

— אַ טומל? איך הער נאָר דעם ווינט בלאָזן — האָט דער נזיר געזאָגט.

— עס קען זייער זיין. יאָ ס׳איז אָן ספק דער ווינט. איך הער עס כמעט די גאַנצע צייט. — ווידער! ניין, ס׳איז ניט דער ווינט! וואָס פאַר אַ מאָדנער קלאַנג! קום, לאָמיר אַקאָרשט אויס־געפינען!

דער קיניג איז געווען אויסער זיך פון פרייד. זיינע מידע לונגען האָבן געטאָן וואָס זיי האָבן נאָר געקענט, אָבער זיין פאַר־בונדענער מויל און די שעפסן־פעל איבערן קאָפּ, האָבן פאַרשטיקט זייגע קולות.

גלייך נאָך דעם איז אים ווידער איינגעפאַלן אין האַרצן ווען ער האָט געהערט דעם נזיר זאָגנדיק:

— אָ, דאָס הערט זיך פון דרויסן. איך רעכן אַז פון אָט יענע בוימלאַך. קום איך וועל דיר פירן.

דער קיניג האָט געהערט ווי זיי זיינען ביידע אַרויסגעגאַנגען, ער האָט געהערט זייערע טריט דערווייטערן זיך, און ער איז פאַרבליבן אַליין מיט דער שרעקענדיקער אימאַדיקער שטילקייט.

אים האָט זיך געדוכט, אַז עס זיינען אַוועק ווער ווייס ווי פיל צייט זינט זיי זיינען אַוועק, ווען ער האָט ווידער דערהערט שטימען, דאָס מאָל אַ צוגאָב: די קלאַפּעריי פון פערדישע פּאָד־קעוועס. נאָכהער האָט ער געהערט ווי הענד אָן זאָגט:

— איך וועל מערניט וואַרטן. איך קען מערניט וואַרטן. ער האָט געוויס פאַרבלאָנדזשעט אין דעמדאָזיקן געדיכטן וואַלד אין וועלכער זייט איז ער געגאַנגען? גיך—ווייז מיר אָן!

— ער... וואַרט, איך וועל גיין מיט דיר.

— גוט, גוט. באמת, דו ביסט בעסער, ווי דו זעסט אויס אויף מיין וואָרט, איך גלויב ניט, אַז ס׳זאָל זיין ערגעץ נאָך אַ מלאך מיט אַזאַ גוט האַרץ ווי דיינס. ווילסטו רייטן? ווילסטו פאָרן אויף דאָס קליין רואיק אייזעלע, וואָס איך האָב אָנגעגרייט פאַר מיין יינגל אָדער וועסטו באַווייליגן צו פאַרשפּרייטן דיינע הייליקע פיס איבער דעם גאַרישן מויל־אייזל, וואָס איך האָב גע־קויפט פאַר זיך אַליין?—און האָב זיך אָפּגענאַרט איך, ווען אַפילו כ׳וואָלט פאַר אים באַצאָלט אַ צעבראָכענעם קופּער־גראָשן.

— ניין, רייט אויף דיין מויל־אייזל און פיר דיין אייזעלע

פאַרן צוים. איך פיל זיך זיכערער אויף מיינע אייגענע פיס און וועל בעסער גיין צופוס.

— זיי־זשע מוחל האַלט צו דאָס קליין אייזעלע ביז איך וועל איינשטעלן מיין לעבן און אַרויפזעצן זיך אויף מיינעם.

ס'האָט זיך געהערט ווי דער מויל־אייזל שפאַרט זיך איין, בריקעט זיך, הירזשעט און שרייט. העגדאָנס מוראדיקע זידלעריי און קולות, וואָס האָבן זיך געענדיקט מיט אַ ביטערן פאָרוואורף צום מויל־אייזל. דאָס האָט, קענטיק, געווירקט אויף אים און ער האָט זיך אונטערגעגעבן: דער קאַמף האָט אויפגעהערט.

מיט אומאויסדריקלאַכן יאוש האָט דער געבונדענער קליינער קעניג צוגעהערט זיך ווי זייערע טריט דערווייטערן זיך און שטאַרבן אָפּ. יעדע האָפנונג איז פאַרשוואונדן און אַ טעמפּע פאַרצווייפלונג האָט אַרומגעכאַפּט זיין האַרץ. „מיין איינציקן פריינד האָט מען אָפּגענאַרט און אַרויסגעפּטרט פונדאַנען”—האָט ער געטראַכט,—דער גזיר וועט זיך אומקערן און...

עס האָט אים פאַרכאַפּט דער אָטעם און ער האָט ווידער גענומען ראַנגלען זיך מיט אַזאַ פאַרצווייפלונג, אַז די שעפּסן־פעל האָט זיך אַראָפּגעגליטשט פון אים.

מיטאַמאָל האָט ער דערהערט ווי די טיר עפנט זיך!—דאָס בלוט איז פאַרגליווערט געוואָרן אין זיינע אָדערן. אים האָט זיך געדוכט, אַז ער פילט שוין דאָס מעסער אויף זיין האַלז... פון גרויס שרעק האָט ער צוגעמאַכט די אויגן, פון שרעק האָט ער זיי ווידער געעפנט און—פאַר אים זיינען געשטאַנען דזשאָן קענטי און היוגאָ.

וואָלט זיין מויל ניט געווען פאַרבונדן, וואָלט ער געזאָגט: „אַ דאַנק גאָט!”

אין אַ מינוט אַרום איז ער געווען פריי פון זיינע שרעק, די צוויי באַנדיטן האָבן אים אונטערגעכאַפּט אונטער די הענט און פאַרשוואונדן מיט אים אין דער טיפקייט פון וואַלד.

צוויי=און=צוואַנציקסטער קאַפּיטל.

אַ קרבן פון פאַרראַט.

ווידער אַמאָל האָט „פּו=פּו דער ערשטער" געוואַנדערט מיט דער באַנדע באַנדיטן און שלעפּערס, דינענדיק אַלס ציל פאַר זייערע פוילע וויצן און גראָבע, נאַרישע שפּאַסן. צייטנווייז, ווען דער „סקאַנדאַליסט" האָט ניט געזען, פלעגן אים דזשאָן קענטי און היוגאָ טאָן צו להכעיס און נוקם זיין זיך אָן אים. חוץ קענטין און היוגאָן האָט אים קיינער ניט פיינט געהאַט. דאָס רוב פון דער חברה האָט אים גאָר ליב געהאַט און אַלע זיינען אַנטציקט געווען פון זיין דרייסטקייט און שכל. די ערשטע צוויי=דריי טעג, האָט היוגאָ, אונטער וועמעס השגחה דער קיניג האָט זיך געפונען, געטאָן הינטן אַרום אַלץ, וואָס ער האָט נאָר געקענט, צו רייצן אים. ביינאַכט, בעת די באַנדע פלעגט געוויינלאַך שיכורן און הוליען, פלעגט היוגאָ אַמוזירן דעם עולם דערמיט, וואָס ער פלעגט כּלומרשט ניט ווילנדיק פאַרטשעפּען דעם קיניג. צוויי מאָל האָט ער אים אָנגעטראָטן אויף די פיס, אָבער דער קיניג האָט, ווי עס פּאַסט זיך פאַר זיין קיניגלאַכער ווערדע, פאַראַכטלאַך ניט ווויסנדיק געמאַכט זיך, ווען אָבער היוגאָ האָט אַ דריטן מאָל געטאָן דיזעלביקע „חכמה", האָט אים דער קיניג מיט איין זעץ פון אַ דובינע אַ לייג געטאָן צו דער ערד, צום גרויס פאַרגעניגן פון דער חברה. היוגאָ האָט, ברענענדיק פון חרפּה און כּעס, געכאַפּט אַ שייט האָלץ און האָט זיך מיט רציחה אַ וואָרף געטאָן אויף זיין קליינעם קעגנער.

אין אַ מינוט איז אַרום די צוויי שלעגערס געמאַכט געוואָרן אַ ראָד, ס'האָט זיך אָנגעהויבן אַ געוועט, ווער וועט וועמען מנצח

זיין און יעדערער האָט אונטערגעגעבן די שלעגערס היץ. אָבער דער שלימזלדיקער היוגאָ האָט גאָרנישט געקענט אויפטאָן:

זיינעווילדע און אומגעשיקטע אַטאַקעס האָבן ניט געקענט באַשטיין קעגן אַ האַנט, וואָס איז געלערנט געווען די קונסט פון שטעקן-שלאַכט, דוביגע-קאַמף און אַלערליי קונצן פון פעכטעריי ביי די בעסטע פעכט-מייסטערס פון אייראָפּע. דער קליינער קיניג איז געשטאַנען וואַכזאַם, אָבער רואיק און געלאַסן און מיט אַזאַ גראַציעזער לייכטקייט אָפּגעווענדט דעם האָגל קלעפּ, וואָס האָבן זיך אויף אים געשאָטן, אַז ער האָט אַרויסגערופן די ווילדע התפּעלות פון דער גאַנצער מיאוסער באַנדע. פון צייט צו צייט, ווען זיין געגניט אויג האָט באַמערקט די קלענסטע נאַכלעסיקייט פון זיין געגנער, פלעגט ער פלינק, ווי אַ בליץ, דערלאַנגען אים אַ זעץ מיט זיין שטעקן איבערן קאָפּ, באַגלייט פון אַ שטורים אַפּלאָדיסמענטן און געלעכטער—אַ שרעק צו הערן. אין אַ פערטל שעה אַרום האָט היוגאָ, אַ צעשלאָגענער, אַ צעבייזלטער, אַן אויסגעלאַכטער פון דער חברה, פאַרלאָזן דאָס שלאַכט-פעלד, און דער אומבאַשעדיקטער העלד פון דעם קאַמף איז אונטערגעכאַפּט געוואָרן אויף די הענט און מיט גרויס פּאַראַד אַוועקגעטראָגן געוואָרן אויף די אַקסלען פון דער צעהוליעטער חברה צום ערן-פּלאַץ לעבן דעם סאַמע אַטאַמאַן, וואו ער איז געקרוינט געוואָרן מיט דעם טיטל: „קיניג פון די שלאָג-העלדער". צו דערזעלביקער צייט איז זיין פריערדיקער קלענערער טיטל בטל געוואָרן און אַ דעקרעט איז אַרויסגעגעבן געוואָרן, אַז יעדערער, ווער ס'וועט אים אָנרופן ביי זיין פריערדיקן נאָמען, וועט פאַרטריבן ווערן פון דער חברה.

וויפל מען האָט זיך ניט געמאַטערט צו צווינגען דעם קיניג נוציק זיין דער באַנדע,—איז אַלץ געווען אומזיסט. ער האָט מיט דער גרעסטער עקשנות אָפּגעזאָגט זיך צו טאָן עפּעס. דעם ערשטן טאָג פון זיין צוריקקומען האָט מען אים אַריינגעשטויסן אין אַ קיך, וואו די בעל-הביתטע האָט איבערגעלאָזן אַליין, אָבער ער האָט ניט נאָר קיינזאַך ניט געגנבעט, נאָר ער האָט געפּרובירט מאַכן אַ גוואַלד די דינסטן זאָלן זיך אויפלויפן. מען האָט אים

אַרויסגעשיקט מיטן קופּערשמיד, ער זאָל אים העלפן אין דער אַרבעט, האָט ער ניט געוואָלט אַרבעטן. נאָך מער, ער האָט זיך געוואָרפן אויפן קופּערשמיד מיט זיין אייגענעם שמעלץ־אייזן. דער סוף איז געווען, אַז דער קופּערשמיד און ה י ו ג אָ זיינען נאָר געווען פאַרנומען מיט אַכטונג געבן, ער זאָל ניט אַנטלויפן. ער האָט אויסגעלאָזן גאָר זיין קיניגלאַכן כּעס צו יעדערן, ווער עס האָט אים געוואָלט צווינגען צו אַרבעטן אָדער ווער עס האָט באַרירט זיינע פרייהייטן. מען האָט אים אַרויסגעשיקט אונטער ה י ו ג אָ ס השגחה, מיט אַן אָפּגעריסענער פרוי און אַ קראַנק קינד בעטן נדבות, אָבער ער האָט זיך אָפּגעזאָגט צו בעטן „אויף אַ רפואה" און איבערהויפּט צו זיין אַ מחותּן מיט זיי.

אַזוי האָט געדויערט עטלאַכע טעג. די שוועריקייטן, די שמוציקייט, די פוילקייט, די גראָבקייט און געמיינהייט פון דעם וואַנדער־לעבן זיינען דעם קיניג געוואָרן אַזוי צו לאַסט, אַז ער האָט אָנגעהויבן צו באַטראַכטן זיין רעטונג פון דעם נזירס מעסער אַלס אַ צייטווייליקע נדחה פון זיין טויט.

אָבער ביינאַכט, אין זיינע חלומות, זיינען די אַלע אומגליקן און צרות פאַרגעסן געוואָרן, און ער איז ווידער געווען אויף זיין טראָן און איז ווידער געווען הערשער. דאָס, פאַרשטייט זיך, האָט נאָך טרויעריקער געמאַכט דאָס אויפוואַכן צו דער ווירקלאַכקייט. און אַזוי איז זיין לעבן, זינט מען האָט אים צוריקגעכאַפּט, געוואָרן וואָס וויטער אַלץ ביטערער און ביטערער, און אַלץ שווערער צו פאַרטראָגן.

אויף מאָרגן נאָכן געשלעג, איז ה י ו ג אָ אויפגעשטאַנען מיט אַ האַרץ פול נקמה. ער האָט אויסגעאַרבעט צוויי פּלענער, ווי אַזוי נוקם צו זיין זיך אָן דעם קיניג: דער ערשטער פּלאַן איז געווען אָפּצוטאָן אים עפּעס אַזוינס, וואָס זאָל שטאַרק דערנידערן זיין „קיניגלאַכע" ווערדע, און, אויב דאָס וועט אים ניט געראָטן, וועט ער אויף אים מאַכן עפּעס אַ בילבול און איבערגעבן אים אין די אייזערנע צוואַנגען פון געזעץ.

אויסצופירן דעם ערשטן פּלאַן, האָט ער גערעכנט אַרויפצולייגן „אַ שטעמפּל" אויפן קיניגס פוס, פאַרשטייענדיק גאַנץ גוט,

ווי ווייט ער וועט זיך דערפון פילן באַליידיקט, און, ווען דער „שטעמפל" וועט אָנהייבן ווירקן,—צווינגען אים אויסצושטעלן זיין פוס פאַר לייטן און בעטן נדבות.

„אַ שטעמפל" — איז אויף גנבישן לשון געווען דער נאָמען פאַר אַ וואונד, וואָס איז בכיוון געמאַכט געוואָרן. כדי אַרויסצורופן די וואונד, האָט מען געמאַכט אַ פלאַסטער אָדער אַ קאָמפּרעס פון ניט געלאָשענער וואַפנע, זייף און אייזן־ראָסט, אַנגעשמירט עס אויף אַ שטיקל לעדער און פעסט פאַרבונדן אַרום פוס. דאָס האָט באַלד אָפּגעפּרעסן די הויט און שרעקלאַך אויפגערייצט דאָס פלייש. דערנאָך האָט מען פונאַנדערגעשמירט דאָס בלוט פון וואונד און געלאָזן עס פאַרטריקנט ווערן, און די וואונד האָט באַקומען אַ שרעקלאַכן אָפּשטויסיקן אויסזען. דאַן איז די וואונד בכיוון נאָכלעסיק פאַרבונדן געוואָרן מיט שמאַטעס אַזוי, אַז זי זאָל זיך גוט אַרויסזען און אַרויסרופן רחמנות ביי די פאַרבייגייער.

היוגאָ האָט זיך באַוואָרנט מיט דער הילף פון קופּערשמיד, וואָס איז איינמאָל אַטאַקירט געוואָרן פון קיניג מיטן שמעלץ־אייזן; זיי האָבן מיטגענומען דאָס יינגל כלומרשט אויף אַרבעט, און ווי נאָר זיי זיינען געווען ווייט פון זייער לאַגער, האָט אים דער קופּערשמיד אַ וואָרף געטאָן צו דער ערד און היוגאָ האָט פעסט פאַרבונדן דעם פלאַסטער אַרום זיין פוס.

דער קיניג האָט געשטורימט און געדונערט, סטראַשענדיק ביידן אויפצוהענגען, ווי נאָר ער וועט צוריק קומען אויף זיין טראָן, אָבער זיי האָבן אים געהאַלטן פעסט אין די הענט, געוויילט זיך איבער זיין ראַנגלען זיך און אָנגעקוואָלן פון זיינע טרערן. דאָס האָט אַזוי אָנגעהאַלטן ביז דער פלאַסטער האָט אָנגעהויבן צו ווירקן. עס וואָלט לאַנג ניט געדויערט און די שרעקלאַכע וואונד וואָלט אַרויסגערופן געוואָרן, ווען עס גייט ניט גראַד ניט אָן דער „קנעכט", וואָס האָט געהאַלטן די רעדע וועגן ענגלישע געזעצן און מאַכט ניט אַ סוף צו די ליידן.

דער קיניג האָט געוואָלט נעמען זיין ערלייזערס שטעקן און דאָ, גלייך אויפן אָרט, גוט צעברעכן די צוויי חברה־לייט די ביינער, אָבער דער „קנעכט" האָט אים אָפּגע־

האלטן, מחמת עס לוינט ניט צו מאַכן אַ טומל און פרעמדע לייט זאָלן זיך אויפלויפן. זאָל ער דאָס בעסער אָפּלייגן ביז נאַכט, ווען די גאַנצע קאָמפּאַניע וועט זיך אויפקלייבן און קיין זייטיקע מענטשן וועלן דערביי ניט זיין.

ער האָט גלייך אָפּגעפירט אַלע דריי אין לאַגער און דער־ציילט דעם „סקאַנדאַליסט" די גאַנצע מעשה. דער אַטאַמאַן האָט אַ ווײַלע געטראַכט און באַשלאָסן ניט צו צווינגען מער דעם קיניג בעטלען, ווייל ס'איז קלאָר ווי דער טאָג, אַז ער טויג אויף עפּעס בעסערס.

און ער האָט אים גלייך אויפן אָרט דערהויבן פון זיין איצטיקער נידעריקער מדרגה צו דער הויכער מדרגה פון אַ גנב!

היוגאָ איז געווען אויסער זיך פון שמחה. ער האָט שוין ניט איין מאָל געפּרובט צווינגען דעם קיניג צו גנבענען און ס'האָט זיך אים ניט איינגעגעבן, אָבער איצט איז אַן אַנדער מעשה: איצט וועט אים אפילו ניט איינפאַלן ניט צו פאָלגן אַ באַפעל, וואָס איז אָפּגעגעבן געוואָרן פונם סאַמע אַטאַמאַן!

ער האָט שוין געפּלאַנעוועט אַ גנבה אויף היינט נאָכמיטאָג, ווען ער וועט אים איבערגעבן אין די הענט פון געזעץ. ס'פאַר־שטייט זיך, אַז אָפּגעטאָן מוז עס ווערן אַזוי גלאַט, אַז עס זאָל אויסזען ווי אַן אומגליקלאַכער צופאַל, וואָרים דער „קיניג פון די שלאַג־הענער" איז באַליבט ביי דער באַנדע, און זיי וועלן זיך ניט צו צאַרט באַגיין מיט איינעם פון דער חברה, וואָס האָט אים איבערגעגעבן צום אַלגעמיינעם פיינד — צום געזעץ.

זייער גוט! אין דער ריכטיקער צייט האָט היוגאָ מיט זיין קרבן זיך אַוועקגעלאָזן צום דערבייאיקן דערפל. זיי זיינען פּאַוואָלינקע אומגעגאַנגען הין און צוריק איבערן גאַס, איינער, אויסקוקנדיק אַ זיכערע געלעגנהייט ווי אַזוי אָפּצוטאָן זיין געמיינע שטיקל אַרבעט, און דער צווייטער — ווי אַזוי צו מאַכן פיס און אויף שטענדיק באַפרייט צו ווערן פון זיין שונא.

ביידע האָבן דורכגעלאָזן גאָר נישקשהדיקע געלעגנהייטן, ווייל ביידע האָבן פעסט באַשלאָסן אין האַרצן דאָס מאָל אָפּצו־טאָן נאָר אַ זיכערע שטיקל אַרבעט.

דער ערשטער האָט געהאַט אַ געלעגנהייט היוגאָ: ער האָט דערזען אַ פרוי מיט אַ דיקן פעקל און אַ קערבל. היוגאָס אויגן האָבן אַ בליץ געטאָן מיט פאַרגעניגן, ווען ער האָט גע־טראַכט: „ווי דו זעסט מיך אַ לעבעדיקן, אַז ווען איך קען אויף אים אַרויפוואַרפן דאָס פעקל, איז ער אויך פאַרזאָרגט מיט קעסט און דירה, אָט דער קיניג פון די שלאָג־העגער!"

ער האָט געוואַרט און אויסגעקוקט — אויסערלאַך געדולדיק, אָבער ברענענדיק אינערלאַך פון אומגעדולד — ביז די פרוי איז פאַרבייגעגאַנגען, און האָט געזאָגט:

— וואַרט דאָ, ביז איך וועל צוריקקומען.

און האָט זיך גענומען גנבענען הינטער דער פרוי.

דעם קיניגס האַרץ האָט געקלאַפּט פון פרייד: זאָל נאָר היוגאָ אָפּגיין אַ ביסל ווייטער, וועט ער קענען אַנטלויפן.

ס'איז אים אָבער ניט באַשערט געווען אַזאַ גליק. היוגאָ האָט זיך אונטערגעגנבעט צו דער פרוי, אַ כאַפּ אַרויסגעגעבן דאָס פעקל און געלאָזט זיך לויפן, איינוויקלענדיק עס אין אַ שטיק אַלטע קאָלדרע, וואָס ער האָט געהאַט מיט זיך. דער־פילנדיק, אַז דאָס קערבל איז איר מיטאַמאָל גרינג געוואָרן, האָט די פרוי אויפגעהויבן אַ געשריי מיט אַ גוואַלד, אַז די גאַנצע גאַס איז אויף געווען.

היוגאָ האָט אַריינגעוואָרפן דאָס פעקל דעם קיניג אין די הענט אַריין און געזאָגט:

— לויף נאָך מיר, ווי גיך דו קענסט און שריי: „כאַפּט דעם גנב!" אָבער געדענק, פאַרפיר זיי אין אַן אַנדער זייט!

און גלייך נאָכדעם האָט זיך היוגאָ פאַרקערעוועט הינ־טער אַ ווינקל און געלאָזן זיך לויפן איבער אַ געדרייטע געסל, נאָך אין אַ פּאָר מינוט אַרום, האָט ער זיך באַוויזן מיט אַזאַ אומשולדיקן און גלייכגילטיקן פנים, ווי ניט אים מיינט מען. ער האָט זיך געשטעלט הינטער אַ סלופּ צו זען, וואָס וועט דאָ זיין.

דער באַליידיקטער קיניג האָט אַ וואָרף געטאָן דאָס פעקל אָן דער ערד, און די קאָלדרע האָט זיך פונאַנדערגעוויקלט פונקט

אין דעם מאָמענט, ווען די באַגנבעטע פרוי, באַגלייט פון אַ גרויסן המון, איז צוגעלאָפן צו אים. זי האָט אַ כאַפּ געטאָן דאָס פעקל מיט איין האַנט און דעם קיניג מיט דער צווייטער האַנט און גענומען שיטן אויף אים אַ האָגל זידלערײ און קולות, אין דער צייט, וואָס ער האָט זיך אומזיסט געמאַטערט צו באַפרייען זיך פון איר.

היוגאָ האָט געגנוג געזען: זיין שונא האָט מען געכאַפּט און דאָס געזעץ וועט זיך שוין מיט אים אָפּרעכענען ווי עס געהערט צו זיין.

אָנקוועלנדיק און לאַכנדיק אין הויפן, האָט ער זיך געלאָזן צום לאַגער צו, אויסקלערנדיק עפּעס אַ גוטן תּירוץ פאַר דער באַנדע און פאַרן אַטאַמאַן.

דער קיניג האָט ניט אויפגעהערט צו רייסן זיך פון דער פרוי, שרייענדיק מיט פאַרדראָס:

— לאָז מיך אָפּ, דו נאַרישע פרוי! ניט איך האָב ביי דיר געגנבעט דיינע קלאָגעדיקע זאַכן!

דער המון האָט אַרומגערינגלט דעם קיניג, געסטראַשעט אים און געזידלט. אַ פאַרקאָפּטשעטער שמיד אין אַ לעדערנעם פאַרטוך און מיט די אַרבל פאַרשאַרצט איבער די עלנבויגנס האָט שוין געוואָלט אָננעמען דאָס יינגל און „ווייזן אים ווי ווייטער צו גנבענען“. — ווען אַ לאַנגער שווערד האָט אַ בליק געטאָן אין דער לופטן און מיט כּוח אַ פאַל געטאָן מיט דער פלאַכער זייט אויף דעם שמידס האַנט, און דער אייגנטימער פון דעם שווערד האָט געלאַסן געזאָגט:

— שאַ, ניט געקאָכט זיך, גוטע מענטשן, מיר קענען דאָס אַלץ מאַכן מיט גוטן, צו וואָס־זשע טויג אונז מאַכן זיך בייז בלוט און זידלען זיך. דאָס איז אַן עסק פאַרן געזעץ, אָבער ניט פאַר זייטיקע מענטשן. לאָז אָפּ דאָס יינגל, גוטע פרוי.

דער שמיד האָט ווי אויסגעמאָסטן מיט די אויגן דעם סאָלדאַטס הויכע פיגור, און איז אַוועקגעגאַנגען, וואָרטשענדיק אונטערן נאָז און רייבנדיק די האַנט. די פרוי האָט אומגערן אָפּגע־

לאָזן דעם יינגל. דער עולם האָט ברוגז געקוקט אויפן סאָלדאַט, אָבער, פון פאַרזיכטיקייטס וועגן, געשוויגן.

דער קיניג איז מיט פלאַמענדיקע באַקן און ברענענדיקע אויגן צוגעשפּרונגען צו הענדאָנען און אויסגעשריען:

— דו האָסט שטאַרק געלאַנגוואַמט, אָבער ביסט נאָך געקומען צו דער צייט, סער מיילס. צרייב מיר די באַנדע אויף מיסט!

דריי־און־צוואַנציקסטער קאַפּיטל.

דער פּרינץ — אַרעסטירט.

הענדאָן האָט פאַרשטיקט דעם שמייכל אויף זיינע ליפּן און, אָנבויגנדיק זיך צום פּרינצס אויער איינגערוימט:

— שטילער, שטילער, מיין פּרינץ. טו פאַרזיכטיק באַוועגן מיט דיין צונג — נאָך בעסער דו זאָלסט אים גאָרניט באַוועגן. פאַרלאָז זיך אויף מיר, און אַלץ וועט זיך גוט ענדיקן.

דאַן האָט ער צו זיך אַליין צוגעגעבן:

סער מיילס! גאָט מיינער, און איך האָב גאָר געהאַט פאַרגעסן אָן מיין טיטל! מערקווירדיק, ווי דידאָזיקע איינריידעניש האַלט זיך פעסט אין זיין זכרון!.. אָבער ווי נאַריש און פוסט מיין טיטל זאָל ניט זיין, איז עס אַלץ עפּעס ווערט צו האָבן. איך רעכן, אַז ס'איז מער ערע צו זיין געטיטלט אין דער קיניגרייך פון חלומות און שאָטנס, איידער צו ערנידעריקן זיך און זיין אַ גראַף פון אייניקע אמתע מלוכות.

דער עולם האָט געמאַכט וועג פאַר אַ פּאָליציי־מאַן, וואָס איז צוגעגאַנגען און שוין געוואָלט אַרויפלייגן זיין האַנט אויפן קיניגס אַקסל, ווען הענדאָן האָט געזאָגט:

— שאַ, מיין פריינד, רואיקער. נעם צו דיין האַנט, ער וועט אַזוי אויך גיין, איך בין דיר דערפאַר ערב, גיי דו פאָראויס און מיר וועלן דיר נאָכגיין.

דער פּאָליציי־מאַן און די פרוי מיט איר פּעקל זיינען געגאַנגען פאָראויס און הענדאָן מיטן קיניג, באַגלייט פון המון, זיינען זיי נאָכגעגאַנגען. דער קיניג איז שוין גרייט געווען אַנטקעגן צו שטעלן זיך, אָבער הענדאָן האָט אים שטיל געזאָגט:

— באַרעכנט זיך, מײַן האַר, אײַערע געזעצן זײַנען דער געזונטער גײַסט פון אײַער אײגענער קיניגלאַכער מאַיעסטעט. אויב דער שטאַם גופא װעט זיך זײ אַנטקעגנשטעלן, װי קען ער ערװאַרטן, אַז די צװײַגן זאָלן זײ אַכטן? אײנער פון די געזעצן איז, קענטיק, געשטערט געװאָרן. װען דער קיניג װעט צוריק זײַן אויפן טראָן, װעט אים דען ניט זײַן אָנגענעם צו דערמאָנען, אַז בעת מען האָט געדאַרפט, האָט דער בירגער גובר געװען אין אים דעם קיניג און ער האָט זיך אונטערגעװאָרפן דעם געזעץ?

— דו האָסט רעכט, רייד ניט מער. דו װעסט זען, אַז אויב דער קיניג פון ענגלאַנד פאָדערט פון זײַנע אונטערטאַנער, זײ זאָלן זיך אונטערגעבן דעם געזעץ, פאָלגט ער אַלײן אויך דאָס געזעץ, װען ער איז אין דער לאַגע פון אַ פשוטן בירגער.

װען מען האָט אַרויסגערופן די פרוי צו געבן אירע עדות פאַרן פרידנס־ריכטער, האָט זי געשװאָרן, אַז דאָס ייִנגל װאָס שטײט פאַרן געריכט, האָט באַגאַנגען די גנבה, און אַזױ װי עס איז ניט געװען קײנער, װאָס זאָל באַװײַזן דאָס קעגנזײַטיקע, איז דער קיניג אָנערקענט געװאָרן פאַר שולדיק. מען האָט פונאַנדערגעװיקלט דאָס פעקל און דאָרטן האָט זיך אַרויסגעװיזן אַ פעטער געריכערטער חזירל. דער ריכטער האָט אויסגעזען באַאומרואיקט און ה ע נ ד אָ ן איז בלאַס געװאָרן און זײַן גאַנצער קערפּער האָט אַ ציטער געטאָן פון פאַרצװײפלונג װי פון אַן עלעקטרישן פונק. נאָר דער קיניג, ניט װיסנדיק, װאָס אים שטײט פאָר, איז געבליבן רואיק.

דער ריכטער האָט אַ װײַלע געטראַכט, דאַן האָט ער, ברעכנדיק די אָנגעשטרענגטע שטילקייט, געפרעגט:

— אין װאָס פאַר אַ סומע שאַצסטו דײַן געגנבעט אײגנטום?

די פרוי האָט זיך פאַרנײגט און געענטפערט:

— דרײַ שילינג און אַכט פּעניס, אײַער גנאָד. איך קען דערפון קײן אײן פּעני ניט אַראָפּלאָזן, דאָס איז דער מקח.

דער ריכטער האָט עוואַרפן אַן אומרואיקן בליק אויפן עולם און ווענדנדיק זיך צום פּאָליציי־מאַן געזאָגט:

— אָפּרייניקן דאָס געריכט־זאַל פון זייטיקע מענטשן און פאַרשליסן די טירן!

דער באַפעל איז ערפילט געוואָרן. אין זאַל זיינען נאָר פאַר־בליבן די געריכטס־באַאַמטע, דער באַשולדיקטער, די באַשולדי־קערין, דער פּאָליציי־מאַן און מיילס הענדאָן.

הענדאָן איז געשטאַנען ווי אַ פאַרגליווערטער, בלייך ווי קאַלך און קאַלטע טראָפּנס שווייס זיינען אַרויסגעטראָטן אויף זיין שטערן.

דער ריכטער האָט זיך געווענדט צו דער פרוי און רחמנות־דיק געזאָגט:

— דאָס איז אַן אָרימער, אומוויסנדער יינגל, וואָס איז אפשר געטריבן געוואָרן צו גנבה דורך הונגער, — וואָרים שווערע צייטן זיינען איצט אָנגעשטאַנען פאַר די אָרימע. — גיב אַ קוק, ער האָט ניט קיין פּנים פון אַ פאַרברעכער — און ווען דער הונגער טרייבט... גוטע פרוי! ווייסטו, אַז ווען איינער גנבעט אַ זאַך, וואָס איז ווערט מער ווי דרייצן פּעניס, קומט אים דערפאַר הענגען?

דער קליינער קיניג האָט אַ ציטער געטאָן און אויפגעריסן די אויגן, אָבער ער האָט זיך גענומען אין האַנט און געבליבן אויסערלאַך רואיק. די פרוי אָבער איז אויפגעשפּרונגען פון איר אָרט, און ציטערנדיק פון שרעק, אויסגעשריען:

— אָ, גאָט מיינער, וואָס האָב איך עס געטאָן! באַרימהאַר־ציקער גאָט, כ׳וואָלט ניט געוואָלט, מען זאָל הענגען דעם אָרימען יינגל פאַר גאָר דאָס גוטס פון דער וועלט! אָ, באַפרייט מיך דער־פון, אייער גנאָד! וואָס זאָל איך טאָן, וואָס קען איך טאָן?

ניט ענדערנדיק זיין געריכטלאַכע רואיקייט, האָט דער ריכ־טער פּשוט געזאָגט:

— מען מעג, פאַרשטייט זיך, אָפּשאַצן די זאַך ביליגער, כּל־זמן ס׳איז נאָך ניט פאַרשריבן אין פּראָטאָקאָל.

— אויב אַזוי, ווי גאָט איז אייך ליב, קאָסט דאָס חזירל

נאָר אַכט פּעניס, און געבענטשט זאָל זיין פון גאָט דער טאָג, וואָס האָט באַפרייט מיין געוויסן פון אַזאַ שרעקלאַכער זינד!

פון גרויס שמחה האָט ה ע נ ד אָ ן גאָר פאַרגעסן דעם גאַנצן עטיקעט און, אַרומכאַפּנדיק דעם קיניג, האַרציק צעקושט אים, מיט וואָס ער האָט אים פאַרוואונדערט און באַרירט זיין קיניגלאַכע ווערדע.

דאַנקענדיק, האָט די פרוי גענומען איר חזירל און איז אַרויס. דער פּאָליציי־מאַן איז אַרויס נאָך איר אין שמאָלן קאָרידאָר.

ה ע נ ד אָ ן, וואָס איז שטענדיק געווען אויף דער וואַך, האָט אַ טראַכט געטאָן, אַז עס שאַדט ניט צו וויסן, נאָך וואָס איז דער פּאָליציי־מאַן אַרויס. אַרויסגייענדיק אין טונקעלן קאָרידאָר, האָט ער דערהערט אַזאַ מין שמועס:

— ס'איז אַ פעטער חזירל און דאַרף זיין ניט קיין שלעכ־טער ביסן. איך קויף אים ביי דיר, נאַ דיר דיינע אַכט פּעניס.

— אַכט פּעניס, טאַקע! עס רעדט זיך אַזוי. דאָס קאָסט מיר דריי שילינג און אַכט פּעניס, גוטע ריינינקע מטבעות, וואָס דער געשטאָרבענער ה ע נ ר י האָט נאָך ניט באַרירט אפילו. מען לאַכט פון דיינע אַכט פּעניס!

— ביסטו ביים זינען? האָסט, הייסט עס, געשוואָרן פאַלש, ווען דו האָסט געזאָגט, אַז דער חזירל קאָסט נאָר אַכט פּעניס. קום־זשע צוריק פאַרן ריכטער און ענטפער פאַר דיין פאַרברעכן!— דאָס יינגל וועט מען אויפהענגען—דאָס איז זיך באַזונדער.

— שאַ, שאַ, טייערינקער מיינער, זאָג נאָר קיינעם ניט אויס. איך בין צופרידן, גיב מיר די אַכט פּעניס, אַבי רייד ניט מער.

די פרוי איז אַוועק וויינענדיק.

ה ע נ ד אָ ן איז שטילינקערהייט אַריין אין געריכטס־זאַל און אין אַ ווײַלע אַרום איז אַריין דער פּאָליציי־מאַן, באַהאַלטנדיק זיין קניה אין אַ זייטיק אָרט.

דער ריכטער האָט אויפגעשריבן דעם פּראָטאָקאָל, נאָכהער האָט ער גוט אויסגעמוסרט דעם קיניג און האָט אים פאַרמשפּט

צו זיצן אַ קורצע צייט אין געפענגעניש און נאָכהער געשמיסן צו ווערן אין דער עפנטלאַכקייט.

דער איבערראַשטער קיניג האָט שוין געוואָלט עפענען דאָס מויל און הייסן קעפּן דעם ריכטער דאָ אויפן אָרט, אָבער ער האָט געכאַפּט אַ וואָרענונגס־צייכן פון הענדאָנען און איז אַנט־שוויגן געוואָרן.

הענדאָן האָט אים אָנגענומען פאַרן האַנט און, אונטער דער שמירה פון דעם פּאָליציי־מאַן, זיינען זיי אַרויס און געלאָזן זיך צום געפענגעניש. ווי נאָר זיי זיינען צוגעגאַנגען צו דער גאַס, וואו די תפיסה האָט זיך געפונען, האָט דער קיניג אַן אָנגע־צונדענער אַריס געגעבן זיין האַנט און אויסגעשריען:

— אידיאָט דו אייבער! שטעלסטו זיך פאָר, אַז מיין פוס וועט איבערטרעטן דעם שוועל פון אַ געוויינלאַכער געפענגעניש לעבעדיקערהייט!!

הענדאָן האָט זיך אָנגעבויגן און אַ ביסל שאַרפלאַך גע־זאָגט:

— ווילט איר זיך פאַרלאָזן אויף מיר? רואיק! מאַכט ניט ערגער אונזער לאַגע דורך אומפּאָרזיכטיקע רייד. וואָס גאָט וועט וועלן, דאָס וועט געשען. מיר קענען עס ניט צואיילן און מיר קענען עס ניט ענדערן. דעריבער איז בעסער וואַרטן און זיין געדולדיק. עס וועט זיין צייט גענוג צו פרייען זיך אָדער קלאָגן, ווען דאָס, וואָס עס דאַרף געשען, וועט געשען.

פיר־און־צוואַנציקסטער קאַפּיטל.

דאָס אַנטלויפן.

דער קורצער ווינטער־טאָג האָט זיך באַלד געענדיקט. די גאַסן זיינען געווען ליידיק. דאָ און דאָרט נאָר האָט מען באַגעגנט איינצעלנע דורכגייער, וואָס האָבן געאיילט וואָס גיכער צו ענדיקן זייערע געשעפטן און באַהאַלטן זיך אין זייערע היימלאַכע, וואַרימע הייזער פון דער אָנקומענדיקער פינסטערניש און פון דעם ווינט, וואָס האָט זיך וואָס ווייטער, אַלץ מער געשטאַרקט. די דורכגייער האָבן זיך ניט אַרומגעקוקט ניט רעכטס, ניט לינקס, נאָר זיינען געלאָפן גלייך זייער וועג, ניט שענקענדיק קיין שום אויפמערקזאַמקייט אונזער קאָמפּאַניע. זיי האָבן זי אַפילו ניט באַמערקט. עדוּאַרד דער זעקסטער האָט געקלערט וועגן דעם, צי האָט די סצענע, ווי מען פירט אַ קיניג אין געפענגעניש, ווען עס איז באַגעגנט אַזאַ גלייכגילטיקייט ווי איצט.

זיי זיינען צוגעקומען צו אַ גרויסן מאַרק־פּלאַץ און גענומען דורכשניידן אים. ווען הענדאָן האָט אַרויפגעלייגט זיין האַנט אויף דעם פּאָליצײמאַנס אַקסעל און שטיל געזאָגט:

— וואַרט אַ ווײַלע, גוטער ברודער. דאָ וועט אונז קיינער ניט הערן איך וואָלט דיר געוואָלט זאָגן אַ פּאָר ווערטער.

— איך טאָר עס ניט טאָן, איך בעט דיך, פאַרהאַלט מיר ניט. די נאַכט קומט אָן.

— ס'מאַכט ניט אויס, שטיי. וואָרים דער ענין איז דיר שטאַרק נוגע. קער זיך אום און מאַך זיך ניט זעענדיק: לאָז דעמדאָזיקן אָרימען יינגל אַנטלויפן.

— דו דערוואַגסט זיך עס מיר צו זאָגן! איך אַרעסטיר דיך אין...

— נו, נו, ניט האַסטיק. זע, זיי פּאַרזיכטיק און טו ניט קיין נאַרישקייט.

און, אָנבויגנדיק זיך צו זיין אויער, האָט ער אים אַרייגע-רוימט:

— דאָס חזירל, וואָס דו האָסט געקויפט פאַר אַכט פּעניס, קען דיר קאָסטן דיין קאָפּ.

פון אומגעריכטקייט האָט דער פּאָליציסט לכתחילה פאַר-לאָרן דאָס לשון, נאָכהער איז ער געקומען צו זיך און גענומען זידלען זיך און סטראַשען, אָבער הענדאָן איז געשטאַנען רואיק און געוואַרט ביז ער האָט אויסגעשאָסן גאַר זיין פּולווער און דאַן געזאָגט:

— דו געפעלסט מיר, פריינד, און איך וואָלט ניט געוואָלט דיר זאָל געשען שלעכטס. דאַרפסט וויסן, אַז איך האָב אַלץ גע-הערט,—יעדעס וואָרט. כ'קען דיר איבערצייגן.

און, איבערחזרנדיק, וואָרט אין וואָרט, דעם גאַנצן שמועס צווישן פּאָליציסט און דער פרוי, האָט ער צוגעגעבן.

— נו, וואָס זאָגסטו? האָב איך ריכטיק איבערגעגעבן? ווי מיינסטו, וואָלט איך ניט געקענט נאָכאַמאָל איבערגעבן די זאַך ריכטיק פאַרן ריכטער, ווען ס'וועט זיך פאָדערן?

דער פּאָליציסט איז אַ ווײַלע געשטאַנען שטום פון שרעק און פאַרצווייפלונג, נאָכהער האָט ער זיך אַ כאַפּ געטאָן און כלומרשט קאַלטבלוטיק געזאָגט:

— דו קענסט, אויף מיין וואָרט, מאַכן פון אַ וויץ ווער ווייס וואָס. כ'האָב פּשוט אָנגעשראָקן די פרוי פון שפּאַס וועגן.

— און דאָס חזירל האָסטו אויך גענומען פון שפּאַס וועגן?

— ניט אַנדערש, מיין הער,— איך זאָג דיר, ס'איז געווען אַ שפּאַס.

— כ'הייב דיר אָן צו גלויבן — האָט הענדאָן האַלב-ערנסט, האַלב-שפּאָטיש געזאָגט, — אָבער וואַרט דאָ אַ ווײַלינקע, ביז איך וועל אַריבערלויפן צום ריכטער און פרעגן. ער איז געוויס געניט אין געזעצן, אין שפּאַסן און...

ער האָט זיך געלאָזן גיין, אַלץ ריידנדיק. דער פּאָליציסט האָט געקווענקלט, אַ פּאָר מאָל אויסגעשפּייגן, נאָכהער אויסגעשריען

— שטיי, שטיי, מיין גוטער הער! איך בעט דיך, וואַרט אַ ווײַלע. צום ריכטער! וואָס רעדסטו, מענטש איינער, יענער פאַרשטייט אַ וויץ ניט מער פון אַ טויטן! — קום נאָר אַהער, וועלן מיר זיך דורכריידן. אָט אַ געלעכטער! איך בין, דאַכט זיך, אַריינ-געקראָכן אין מיאוסער מעשה. און אַלץ איבער אַן אומשולדיק, ניט באַטראַכטן שפּאַס! איך בין אַ פאַמיליען-מענטש, אַ טאַטע פון קליינע קינדער. באַרעכן אַליין, אייער גנאָד, וואָס פאַרלאַנגסטו פון מיר!

— ניט מער, ווי דו זאָלסט זיין בלינד און טויב און פּאַ-ראַליזירט ביז מען קען אָפּציילן הונדערט טויזנט — און לאַנגזאַם ציילן — האָט הענדאָן געזאָגט מיט אַ מינע פון אַ מענטשן, וואָס פאַרלאַנגט אַ קלייניקייט.

— דאָס וועט דאָך זיין מיין סוף! — האָט דער פּאָליציסט פאַרצווייפלט אויסגעשריען, — אָ, זייט מיט יושר, גוטער הער. באַטראַכט נאָר די זאַך פון אַלע זייטן און זעט, אַז ס'איז געווען ניט מער ווי אַ שפּאַס — ס'איז דאָך קלאָר, ווי דער טאָג. און לאָמיר אַפילו זאָגן, אַז ס'איז געווען ניט קיין שפּאַס, איז די גרעסטע שטראָף, וואָס איך קען דערפאַר כאַפּן — אַן אויסרייד און אַ וואָרענונג פון דעם ריכטער.

הענדאָן האָט געענטפערט מיט אַן ערנסט, וואָס האָט גע-קענט פאַרגליווערן די לופט אַרום אים:

— דיין שפּאַס האָט אין געזעץ-בוך אַ נאָמען — ווייסטו וואָסערן?

— איך ווייס ניט! אפשר האָב איך טאַקע געטאָן אַ נאַ-רישקייט. מיר האָט זיך אַפילו ניט געחלומט, אַז מען טאָר עס ניט. אָ, גאָט מיינער, כ'האָב געמיינט, ס'איז אַ חכמה!

— יאָ, דאָס האָט אַ נאָמען. דאָס געזעץ רופט אָן אַזאַ פאַרברעכן: „נאָן קאָמפּאָס מענטיס לעקס טאַלעאָניס סיק טראַנסיט גלאָריאַ מונדי *).

*) לאַטיינישע ווערטער אָן אַ שום זין און אינהאַלט.

— אָ, גאָט מײַנער!

— און קומען קומט דערפֿאַר טויט־שטראָף!

— אָ, באַרימהאַרציקער גאָט, האָב רחמנות אויף מיר, דעם זינדיקן!

— אויסנוצנדיק אַ טעות, וואָס אימיצער, וועלכער איז געוועזן אונטער דײַן שוץ, האָט געמאַכט אין אַ מאָמענט פֿון געפֿאַר האָסטו בײַ אים אַוועקגענומען אַ זאַך, וואָס האָט די ווערט פֿון מעהר ווי דרײַצן און אַ האַלבע פּעני, באַצאָלנדיק דערפֿאַר אַ קלײניקײט. פֿאַרן געזעץ איז עס געפּלאַנטער שווינדל, אָפּגענאַרטער צוטרוי, אַ פֿליכטס־פֿאַרברעכן און „אַד האָמינעם עקספּורגאַטיס אין סטאַטוס קוואָ" — האָט הענדאָן ווײַטער אַ שאָט געטאָן מיט זינלאָזע לאַטײנישע ווערטער — און דערפֿאַר קומט הענגען אָן געלט־אויסקויף, אָן שטראָף־פֿאַרלײכטערונג און אָן ודוי פֿאַרן גלח.

— אָ, האַלט מיך צו, מײַן גוטער הערר! די פֿיס ברעכן זיך מיר אונטער! האָב רחמנות, איך וועל זיך אומקערן צו אײַך מיטן רוקן און וויל ניט זען און ניט הערן וואָס עס וועט געשען.

— גוט, איצט רעדסטו קלוג און צו דער זאַך, און דאָס חזירל וועסטו צוריק אָפּגעבן?

— איך וועל אָפּגעבן, כ'וועל אָפּגעבן, כ'וועל אָפּגעבן. און איך וועל זיך שוין קײנמאָל אין לעבן ניט צורירן צו אַ חזיר, ווען אַפֿילו גאָט אַלײן זאָל מיר אים שיקן דורך אַ מלך... גײ, זע קײן זאַך ניט. איך וועל זאָגן, אַז דו האָסט זיך אַרײַנגעריסן אין אָסטראָג און באַפֿרײַט אים. די טיר איז אַן אַלטע און אַ פֿוילע איך וועל זי אַלײן צוברעכן אַרום האַלבע נאַכט.

— אַזוי זאָלסטו טאָן, מײַן גוטע נשמה, ס'וועט, חלילה, קײנעם ניט שאַטן. דער ריכטער האָט אַלײן רחמנות אויפֿן אָרימען ייִנגל און ער וועט זיך ניט זעצן ווײַנען און וועט קײן אײן שומר ניט צעברעכן די בײנער דערפֿאַר, וואָס דער אומשולדיקער ייִנגל איז אַנטלאָפֿן.

פינף־און־צוואַנציגסטער קאַפּיטל.

הענדאָן־שלאָס.

ווי נאָר ה ע נ ד אָ ן און דער קיניג זיינען אָפּגעגאַנגען ווייט פון פּאָליציסט, האָט ה ע נ ד אָ ן געזאָגט זיין מאַיעסטעט, ער זאָל אויף אים וואַרטן אין אַ געוויסן אָרט אונטערן שטעטל, ביז ער וועט גיין אויף דער אַכסניה און אָפּרעכענען זיך.

אין אַ האַלבע שעה אַרום האָבן די צוויי פריינט געריטן אויף ה ע נ ד אָ נ ס קאַליקע קליאַטשעס. דער קיניג האָט אַראָפּגעוואָרפן פון זיך די טראַנטעס און האָט אָנגעטאָן דעם געניצטן אָנצוג, וואָס ה ע נ ד אָ ן האָט פאַר אים געקויפט אויפן ל אָ נ ד אָ ן־ב ר י ק, און ער האָט זיך איצט געפילט וואַרים און באַקוועם.

ה ע נ ד אָ ן האָט ניט געוואָלט צו פיל אָנשטרענגען דאָס יינגל. ער האָט באַרעכנט, אַז שווערע נסיעות, ניט רעגלמעסיגעס עסן און ווייניג שלאָף וועט שלעכט ווירקן אויף זיין געשטערטן פאַרשטאַנד, אין דער צייט וואָס רו, רעגלמעסיקייט און לייכטע באַוועגונג וועט אים היילן. און ער האָט אַזוי געוואָלט די קראַנקע פאַנטאַזיעס זאָלן פאַרשווינדן פון זיין ליבן קעפּל, און ער זאָל זיין געזונט! ער האָט דעריבער באַשלאָסן צו מאַכן די רייזע אַהיים, פונוואַנען ער איז אַזוי לאַנג געווען אָפּגעריסן, ניט געאיילט, ביסלאַכווייז, ניט קוקנדיק דערויף, וואָס ער וואָלט געוואָלט פאָרן טאָג און נאַכט, אַבי קומען וואָס גיכער.

ווען זיי זיינען אָפּגעפאָרן אַ מייל צען, זיינען זיי אָנגעקומען אין אַ היפּשן דאָרף און אָפּגעשטעלט זיך האַלטן נאַכט אין אַ גוטער קרעטשמע. די באַציאונגען צווישן זיי איז געווען די פריערדיקע: ה ע נ ד אָ ן איז געשטאַנען הינטער דעם קיניגס שטול און האָט אים באַדינט בעת ער האָט געגעסן, ער האָט אים

אויסגעטאָן פאַרן שלאָף און אַליין אַיינגעוויקלט זיך אין אַ קאָלדרע און געלייגט זיך אויפן דיל ביים טיר.

אויף מאָרגן און איבערמאָרגן האָבן זיי זיך ווייטער פאַרוואַלינקע באַוועגט, שמועסנדיק וועגן די פּאַסירונגען, וואָס ס'האָט מיט זיי פּאַסירט, זינט זיי האָבן זיך צושיידט. הענדאָן האָט דערציילט וועגן זיינע וואַנדערונגען, ווי אַזוי ער האָט אַרומגעזוכט דעם קיניג און באַשריבן, ווי אַזוי דער „שר של מלאָכים" האָט אים געמאַכט צום נאַר און אַרומגעפירט אים איבערן וואַלד, ווי אַזוי, זעענדיק, אַז ער קען פון אים ניט פּטור ווערן, האָט ער אים צוריק געבראַכט צים שטיבל. דערנאָך — האָט הענדאָן דערציילט, — איז דער אַלטער אריין אין שטיבל און איז אַרויס צוריק אַ צוברָאָכענער און געזאָגט, אַז ער האָט געהאָפט צו געפינען דאָרט דאָס יינגל, אָבער לײדער איז ער ניט צוריקגעקומען. הענדאָן האָט געוואַרט אַ גאַנצן טאָג און, פאַרלירנדיק די האָפענונג אויף דעם קיניגס צוריקקומען, האָט ער זיך ווייטער אַוועקגעלאָזט זוכן אים.

— און דער אַלטער קדשי קדשים האָט באמת צער געהאַט וואָס אַייער הויכלויט איז ניט צוריקגעקומען — האָט הענדאָן געזאָגט, — כ'האָב עס באַמערקט נאָך זיין פּנים.

— אָ, דאָס איז ביי מיר קיין שום ספק ניט! האָט דער קיניג געזאָגט, און דערציילט זיין גאַנצע געשיכטע, נאָך וועלכער הענדאָנען האָט שוין פאַרדראָסן, למאי ער האָט פון דעם „מלאָך" קיין סוף ניט געמאַכט.

דעם לעצטן טאָג פון דער נסיעה האָט זיך הענדאָנס שטימונג גוואַלטיק געהויבן. זיין צונג האָט קיין איין מינוט ניט גערוט. ער האָט גערעדט וועגן זיין פאָטער, וועגן זיין ברודער אַרטור, און דערציילט אַ סך מעשיות, וואָס האָבן געדאַרפט באַווייזן זייער פיינקייט און גוטסקייט. ער האָט מיט אַ ליבע-פייער גערעדט וועגן זיין עדיט און איז געווען אַזוי גליקלאַך, אַז ער האָט געפונען עטלאַכע גוטע ווערטער אַפילו פאַר זיין ברודער גיו. ער האָט אַ סך גערעדט וועגן דער קומענדיקער באַגעגעניש אין הענדאָן-שלאָס, וואָס פאַר אַן איבעראַשונג זיין אָנ-

קומען וועט פאַר יעדערן זיין, און ווי יעדערער וועט זיך דאָס פרייען אַביסל און דאַנקען גאָט.

זיי זיינען געפאָרן איבער אַ שיינע געגנט, דאָ און דאָרט באַשפּרינקלט מיט הייזלאַך און סעדער. דער וועג האָט זיך געצויגן צווישן ברייטע באַרג־און־טאָליקע פּאַשע־פעלדער, וואָס האָבן דערמאָנט אָן די צאַפּלדיקע ים־כוואַליעס. פון נאָכמיטאָג אָן האָט דער צוריקקומענדיקער „בן סורר" אַלע ווײַלע אָפּגעקערט פון וועג און געפּרובירט זיך, צו קען מען ניט פון וואָסער עס איז בערגל כאַפּן אַ קוק אויף זיין היים. צום סוף האָט עס זיך אים איינגעגעבן, און ער האָט צוקאָכט אויסגעשריען: — אָן איז דער דאָרף, מיין פרינץ, און אָט איז האַרט ביי אים דער שלאָס! איר קענט פון דאַנען זען די טורימס. און אָט יענער וואַלד — דאָס איז מיין פּאָטערס פּאַרק. אָ, א י צ ט וועסטו וויסן וואָס הייסט גדלות און עשירות! אַ הויז מיט זיבעציק חדרים — באַרעכן נאָר! און זיבן־און־צוואַנציק דינער! ניט קיין שלעכטע דירה פאַר אַזעלכע ווי איך און דו, האַ? נו, לאָמיר זיך צואײַלן, איך קען שוין ניט אויסהאַלטן פון אומגעדולד.

זיי זיינען געפאָרן אַזוי גיך ווי נאָר מעגלאַך, דאָך איז שוין געוועזן נאָך דריי דער זייגער, ווען זיי זיינען אָנגעקומען אין דאָרף. די רייזנדער זיינען אים האַסטיק דורכגעפלויגן, און הענדאָנס צונג האָט ניט אויפגעהערט צו מאָלן:

— אָט איז דער קלויסטער — באַוואָקסן מיט דיזעלביקע ווילדע וויינטרויבן וואָס פריער. קיין איין צווייגעלע ניט מער און ניט ווייניקער... אָן איז די קרעטשמע, דער אַלטער „ר ו י ־ ט ע ר ל י י ב", און אָן איז דער מאַרק... אָט איז דער מאַי־סלופּ און אָט איז די פּאָמפּע. — קיין זאַך האָט זיך ניט געענדערט, — קיין זאַך ניט, — אַחוץ די מענטשן, אפשר. אַ מענטש ענדערט זיך אין צען יאָר. איך דערקען אייניקע, אָבער מיך דערקענט קיינער ניט.

אַזוי פּלאַפּלענדיק זיינען זיי געקומען ביזן סוף דאָרף. דאָ האָבן זיי פאַרקערעוועט אויף אַ געדרייטע שמאָלע וועגל, וואָס האָט זיך געצויגן צווישן צוויי הויכע צוימען, אויף אַן ערך אַ האַלבן

מייל, דערנאָך זיינען זיי דורך אַ גרויסן טויער מיט שטיינערנע זיילן און הערבן, אַריינגעפאָרן אין אַ גרויסן בלומען־גאָרטן און האָבן דערזען פאַר זיך אַ פּראַכטיקע געביידע.

— באַגריסט זאָל זיין דיין אָנקומען אין ה ע נ ד אָ ן־ש ל אָ ס, מיין קיניג! — האָט מיילס אויסגעשריִען. — אָ, דאָס איז אַ גרויסער טאָג! מיין פאָטער, און מיין ברודער און ליידי ע ד י ט וועלן משוגע ווערן פון שמחה און וועלן די ערשטע פאַר מינוט האָבן אויגן און צינגער נאָר פאַר מיר, און דיר וועט זיך אויסדוכטן, אַז מען האָט דיך קאַלט אויפגענומען, — אָבער דאָס איז גאָרנישט! עס וועט באַלד אַנדערש ווערן. איך וועל זיי נאָר זאָגן, אַז דו ביסט אונטער מיין שוץ און ווי ליב איך האָב דיך, וועלן זיי דיך, צוליב מ י י ל ס ה ע נ ד אָ ן צודריקן צו זייער ברוסט און מאַכן זייער הויז און זייערע הערצער פאַר דיין היים פון היינט אָן אויף אייביק!

אין אַ מינוט אַרום איז ה ע נ ד אָ ן אַראָפּגעשפּרונגען פאַר דער גרויסער טיר, געהאָלפן דעם קיניג אַרונטערגיין פון אייזל, אַ כאַפּ געטאָן אים פאַרן האַנט און אַריינגעלאָפן אינעווייניק. עס־לאַכע טריט האָבן אים געבראַכט אין אַ גרויסן צימער. ער האָט אַוועקגעזעצט דעם קיניג מיט מער איילעניש, ווי מיט כּבוד, איז צוגעלאָפן צו אַ יונגן מאַן, וואָס איז געזעסן ביי אַ שרייב־טיש און אויסגעשריִען:

— נעם מיך אַרום, ג י ו, און זאָג, אַז דיך פרייט מיין צוריקקומען! רוף אַהער אונזער פאָטער, וואָרים די היים איז פאַר מיר קיין היים ניט, ביז איך וועל ניט באַרירן זיין האַנט, און וועל ניט זען זיין פּנים און ניט הערן, נאָך אַמאָל, זיין שטים!

אָבער ג י ו האָט זיך צוריקגעצויגן, אַרויסווייזנדיק איין מאָ־מענט איבעראַשונג, — האָט ער נאָכהער אָנגעשטעלט אויף דעם אומגעבעטענעם גאַסט אַ שטרענגן בליק. דער בליק האָט אָנפאַנגס אויסגעדריקט באַליידיקטן שטאָלץ, נאָר דערנאָך האָט ער קענטיק אונטער דער ווירקונג פון אַ געוויסן באַשלוס, אָנגענומען אַן אויס־דרוק פון פאַרוואונדערטע נייגעריקייט און אמתן אָדער געמאַכטן רחמנות, און ער האָט מיט אַ ווייכער שטים געזאָגט:

— דו ביסט, קענטיק געריכט פון זינען, אָרימער אומבאַקאַנטער. דו האָסט זיך, נעבאַך, געוויס אָנגעליטן הונגער און עולות אין דיין לעבן. דיין פּנים און דיינע קליידער זאָגן עדות אויף דעם. פאַר וועמען נעמסטו מיך אָן?

— נעם דיך אָן? פאַר וועמען, איך בעט דיך, זאָל איך דיך אָננעמען, אויב ניט פאַר דעם, ווער דו ביסט? איך נעם דיך אָן פאַר גיו הענדאָן — האָט מיילס שאַרף געזאָגט:

— און ווער, שטעלסטו זיך פאָר, ביסטו אַליין?—האָט יענער מיט דערזעלביקער ווייכקייט ווייטער געפרעגט.

— פאָרשטעלונגען האָבן דערמיט ניט צו טאָן! דו מאַכסט זיך, אַז דו דערקענסט ניט דיין ברודער מיילס הענדאָן?

אַן אויסדרוק פון צופרידענער איבערראַשונג האָט דורכגעשוועבט איבער גיוס פּנים און ער האָט געזאָגט:

— וואָס? דו טרייבסט קיין שפּאַס ניט? קענען טויטע לעבעדיק ווערן? אַ דאַנק גאָט, אויב אַזוי! אונזער אָרימער פאַרלאָרענער ייִנגל קומט נאָך אַזויפיל שרעקלאַכע יאָרן צוריק צו אונז! אָ, עס זעט אויס צו זיין צו גוט, דאָס זאָל זיין אמת, עס איז צו גוט! איך בעט דיך, האָב רחמנות, טרייב מיט מיר קיין שפּאַס ניט! גיך קום צו דער שיין און לאָז מיר גוט באַטראַכטן דיך!

ער האָט אַ כאַפּ געטאָן מיילסן פאַרן האַנט, צוגעשלעפּט צום פענסטער און גענומען פאָרשן אים מיט די אויגן, געדרייט אים אַהין און אַהער, אַרומגעלאָפן אַרום אים און באַטראַכט אים פון אַלע זייטן, אין דער צייט וואָס דער צוריקגעקומענער האָט געבלאַנקט פון צופרידנקייט, געשמייכלט, געלאַכט און שאָקלענדיק מיטן קאָפּ, געזאָגט:

— נאָך, נאָך, ברודער, האָב קיין מורא ניט. יעדער מינע וועט אויסהאַלטן די פּראָבע. אונטערזוך און פאָרש מיך אויס וויפל דיין האַרץ געלוסט, מיין גוטער גיו איך בין דיין מיילס, — דערזעלביקער פאַרלאָרענער ברודער דיינער מיילס, ניט אַזוי? אָ, ס'איז אַ גרויסער טאָג, איך זאָג דיר—אַ גרויסער טאָג! גיב=

זשע מיר דיין האַנט, גיב מיר דיין באַק — אָ, גאָט, איך וועל, דוכט זיך, שטאַרבן פון פרייד!

ער האָט זיך שוין געוואָלט וואַרפן דעם ברודער אויפן האַלז, אָבער ג י ו האָט אים באַזייטיקט מיטן האנט און, אַראָפּלאָזנדיק דעם קאָפּ טרויעריק אויפן ברוסט געריהרט געזאָגט:

— אַך, זאָל מיר דער באַרמהאַרציקער גאָט געבן כוחות איבערצוטראָגן דידאָזיקע שרעקלאַכע אַנטוישונג!

מ י י ל ס איז אַזוי צעמישט געוואָרן, אַז ער האָט אַ וואָרט ניט געקענט אויסריידן. נאַכהער איז ער צו זיך געקומען און אויסגעשריען:

— וו אָ ס ע ר אַנטוישונג? בין איך דען ניט דיין ברודער?

— איך בעט גאָט עס זאָל טאַקע זיין אַזוי ווי דו זאָגסט, און אַז אַנדערע אויגן זאָלן געפינען די ענלאַכקייט, וואָס איז פאַרבאָרגן פון מיינע אויגן. אַך, איך האָב מורא, אַז אין בריוו איז געווען דער אמת!

— וואָסער בריוו?

— דער בריוו, וואָס איז געקומען פון יענעם זייט ים מיט זעקס-זיבן יאָר צוריק. אין אים איז געשטאַנען, אַז מיין ברודער איז געהרגעט געוואָרן אין אַ שלאַכט.

— ס׳איז געווען אַ ליגן! רוף אַריין דיין פאָטער — ער וועט מיך יאָ דערקענען.

— קיין מתים קען מען ניט אַרייגרופן.

— מתים? מיין פאָטער איז געשטאָרבן!—האָט מ י י ל ס מיט אַ ציטעריק קול אויסגעשריען. אָ, וואָס פאַר אַ טרויעריקע ידיעה! מיין פרייד איז האַלב פאַרשטערט. איך בעט דיך, לאָז מיר כאָטש אָנקוקן מיין ברודער אַ ר ט ו ר. ער וועט מיך דערקענען,—דערקענען און טרייסטן.

— ער איז אויך געשטאָרבן.

— אָ, גאָט, דערבאַרים זיך איבער מיר, דעם געשטראָפטן! געשטאָרבן, ביידע געשטאָרבן—די ווירדיקע ווערן אַוועקגענומען און די אומווירדיקע, ווי איך, בלייבן דאָ! אַך, איך בעט דיך, האָב רחמנות, זאָג ניט, אַז די ליידי ע ד י ט...

— איז געשטאָרבן? ניין, זי לעבט.

— גאָט צו דאַנקען! איך בין ווידער גליקלאַך! אייל זיך ברודער און ברענג זי אַהער! און אויב זי וועט זאָגן, אַז איך בין ניט איך — אָבער ניין, זי וועט עס ניט זאָגן, ניין, ניין זי וועט מיך שוין דערקענען, איך בין געוועזן אַ נאַר וואָס איך האָב גאָר געצווייפלט אין דעם. ברענג זי, ברענג, די אַלטע דינער, זיי וועלן מיך אויך דערקענען.

— אַלע צעשטאָרבן אַחוץ פינף: פעטער, העלסי, דייוויד, בערנאַרד און מאַרגאַריט.

אָפּגעזאָגט און איז אַרויס פון צימער. מיילס איז געשטאַנען אַ ווײַלע און געטראַכט. נאָכהער האָט ער גענומען שפּרייזן הין און צוריק מורמלענדיק:

— די פינף גרעסטע אויסוואורפן האָבן איבערגעלעבט צווייאון־צוואַנציק ערלאַכע און געטרייע — אַ מאָדנע זאַך.

ער האָט אַלץ געשפּרייזט הין־און־צוריק און גערעדט צו זיך אַליין, אינגאַנצן פאַרגעסנדיק אָן דעם קיניג. דער קיניג האָט אויף אים געקוקט און צום סוף ערנסט און מיט אמתן רחמנות — כאָטש די ווערטער האָבן געקלונגען איראָניש — געזאָגט:

— נעם זיך ניט צום האַרצן, מיין טייערער: פאַראַן אויף דער וועלט נאָך מענטשן, וואָס ווערן ניט אָנערקענט און זייערע רעכט ווערן אָפּגעלייקנט, דו האָסט אַ חבר צו דיין אומגליק.

— אָ, מיין קיניג — האָט הענדאָן אויסגעשריען, רויטווערנדיק אַ ביסל, — פאַראורטייל מיר ניט. וואַרט און דו וועסט זען. איך בין ניט קיין באַטריגער — זי וועט עס באַשטעטיקן. דו וועסט עס הערן פון די פּראַכטיקסטע ליפּן אין ענגלאַנד. איך — אַ באַטריגער? וואָס רעדסטו? איך האָב געקענט דעמדאָזיקן אַלטן שלאָס, אָט די אַלע בילדער פון מיינע אור־עלטערן, אָט די אַלע זאַכן, וואָס זיינען אַרום אונז, ווי אַ קינד קען זיין קינדער־צימער. דאָ בין איך געבאָרן געוואָרן און דאָ בין איך אויסגעהאָדעוועט געוואָרן, מיין האַר. איך זאָג דיר דעם ריינעם אמת. איך וואָלט דיך ניט גענאַרט. און זאָל מיר קיינער ניט גלויבן, — בעט איך

דיך, ד ו זאָלסט אין מיר ניט צווייפלען—דאָס וואָלט איך ניט אי־בערגעטראָגן.

— איך צווייפל ניט אין דיר—האָט דער קיניג מיט אַ קינדערשער איינפאַכקייט און צוטרוי געזאָגט.

— איך דאַנק דיר פון גאַנצן האַרצן! — האָט ה ע נ ד אָ ן אויסגערופן מיט אַ היץ, וואָס האָט באַוויזן ווי געריירט ער איז.

דער קיניג האָט מיט דערזעלביקער איינפאַכקייט ווייטער געזאָגט:

— האָסטו אין מ י ר געצווייפלט?

ה ע נ ד אָ ן האָט זיך דערפילט ווי שולדיק, און ער איז געוועזן צופרידן, וואָס ג י ו איז אַריין און פאַרשפּאָרט אים צו ענטפערן.

אַ פּראַכטיקע, רייך־געקליידטע דאַמע איז אַריין נאָך אים און הינטער איר זיינען געקומען עטלאַכע דינער אין ליווריען. די דאַמע איז געגאַנגען מיט לאַנגזאַמע טריט, דעם קאָפּ אַראָפּ־געלאָזן און מיט די אויגן צו דער ערד. איר פּנים איז געווען אויסערגעוויינלאַך טרויעריק.

מ י י ל ס ה ע נ ד אָ ן האָט אַ שפּרונג געטאָן פאָראויס און אויסגעשריען:

— אָ, מיין ע ד י ט, מיין טייערע!...

אָבער ג י ו האָט אים אָפּגעשטופּט אָן אַ זייט און געזאָגט דער דאַמע:

— גיב נאָר אַ קוק אויף אים, דו קענסט אים?

דערהערנדיק מ י י ל ס ע ס שטים האָט די דאַמע אַ ציטער געטאָן און אירע באַקן זיינען רויט געוואָרן. זי האָט אינגאַנצן געציטערט.

זי איז אייניקע מינוטן געשטאַנען שטיל, נאָכהער האָט זי לאַנגזאַם אויפגעהויבן דעם קאָפּ און מיט אַ פאַרשטיינערטן, דערשראָקענעם בליק, אַ קוק געטאָן ה ע נ ד אָ נ ע ן אין די אויגן. די בלוט איז, טראָפּן נאָך טראָפּן, פאַרשוואונדן פון איר פּנים און אין אים איז בלויז פאַרבליבן אַ גרויע טויטע בלאַסקייט. דאַן האָט זי, מיט אַ קול, וואָס איז געווען אַזוי טויט ווי איר פּנים, געזאָגט

— איך קען אים ניט! — און אומקערנדיק זיך האָט זי מיט אַ קרעכץ און אַ פאַרשטיקטן קול פאַרלאָזן דאָס צימער.

מיילס הענדאָן האָט זיך אַראָפּגעלאָזן אויף אַ שטול און פאַרדעקט דעם פּנים מיט די הענט. אין אַ ווײַלע אַרום האָט זײַן ברודער זיך געווענדט צו די דינער:

— איר האָט אים באַטראַכט. קענט איר אים?

זיי האָבן געשאָקלט מיט די קעפּ אויף ניין.

דאַן האָט ער ווידער געזאָגט:

— די דינער קענען אײַך ניט, סער, איך האָב מורא, אַז דאָ איז עפּעס אַ טעות, איר האָט דאָך געזען, אַז מײַן ווײַב קען אײַך אויך ניט.

— דײַן ווײַב? — און אין אַ מאָמענט איז גיו געווען צוגעדריקט צום וואַנט און מיילס האָט אים, ווי מיט אײַזערנע צוואַנגען געהאַלטן בײַם האַלז, — אָ, דו פוקס־האַרציקער קנעכט, איצט פאַרשטיי איך שוין אַלץ! דאָס האָסטו אַליין געשריבן דעם פאַלשן בריוו, און דער שכר דערפאַר איז מײַן געגנבעטע גוטס און מײַן כּלה. נו, די מינוט אַרויס פונדאַנען, אַז ניט וועל איך נאָך באַלײדיקן מײַן ערע פון אַ זעלנער דורך דעם מאָרד פון אַזאַ מיאוסע בריאה, ווי דו ביסט!

גיו, מיט אַ בלוט־פאַרלאָפענעם פּנים און כּמעט אַ דערוואָרגענער איז אַ פאַל געטאָן אין דעם נאָענטסטן שטול און באַפוילן די דינער זיי זאָלן כאַפּן און בינדן דעם מערדערישן אומבאַקאַנטן, אָבער די דינער האָבן געקווײַנקלט און איינער פון זיי האָט זיך אָפּגערופן:

— ער איז באַוואָפנט, סער גיו, און מיר זײַנען מיט ליידיקע הענט.

— באַוואָפנט! איז וואָס איז? איר אַלע אויף אים איינעם? נעמט אים, זאָג איך!

אָבער מיילס האָט זיי געוואָרנט, זיי זאָלן זײַן פאָרזיכטיק.

— איר קענט מיך פון אַמאָל — האָט ער געזאָגט, — איך האָב זיך ניט געענדערט, קומט אַהער, אויב איר ווילט.

זיין אָנצוהערעניש האָט די דינער ניט צוגעגעבן קיין מוט און זיי זיינען פאַרבליבן אויף זייערע ערטער.

— טו גייט כאָטש, איר געמיינע פייגלינגס, באַוואָפּנט זיך און היט אים ער זאָל ניט אַנטלויפן ביז איך וועל ברענגען די וואַך—האָט ג י ו געזאָגט.

און אומקערנדיק זיך פון שוועל האָט ער צוגעגעבן:

— ס׳וועט זיין גלייכער פאַר אייך, אַז איר וועט זיך ניט פּרובירן אומזיסט צו אַנטלויפן.

— אַנטלויפן? אויב דו האָסט קיין אַנדער זאָרג ניט, קענסטו זיין רואיק. מיילס הענדאָן איז באַלעבאָס פון הענדאָן־שלאָס און פון אַלץ, וואָס אין אים געפינט זיך. ער וועט דאָ פאַרבלייבן— קענסט אין דעם זיכער זיין.

זעקס=און=צוואַנציקסטער קאַפּיטל.

דער אָפּגעלייקנטער.

דער קיניג איז געזעסן אַ ווײַלע פאַרטראַכט, נאָכהער האָט ער אויפגעהויבן דעם קאָפּ און געזאָגט: — מאָדנע, זייער מאָדנע, איך קען דאָס גאָרניט פאַרשטיין.

— ס׳איז גאָרניט מאָדנע, מיין קיניג. איך קען אים, און זיין גאַנצע האַנדלונג איז פּונקט נאָך זיין כאַראַקטער. ער איז געווען אַן אויסוואורף פון געבאָרן טאָג אָן.

— אָ, איך רייד ניט וועגן אים, סער מיילס.

— ניט וועגן אים? פון וועמען=זשע? וואָס-זשע דען איז מאָדנע?

— וואָס מען כאַפּט זיך ניט, אַז דער קיניג איז פאַר=שוואונדן?

— וואָס? ווי אַזוי? וועלכער? איך פאַרשטיי ניט.

— טאַקע? קומט עס ביי דיר ניט אויס מאָדנע, וואָס די גאַנצע לאַנד — איז ניט פאַרפלייצט מיט שלוחים, וואָס זאָלן מיך אַרומזוכן און מיט אויפרופן, וואָס זאָלן באַשרייבן מיין פערזאָן? איז די פאַרשווינדונג פון דעם עלטעסטן אין דער מלוכה ניט גענוג אויפצורודערן די גאַנצע לאַנד? איז מיין פאַרשווינדונג אַזאַ קלייניקייט, אַז קיינער זאָל עס גאָרניט באַמערקן?

— אמת, מיין קיניג, כ׳האָב גאָר פאַרגעסן — האָט הענ-דאָן געזאָגט, און, אָפּזיפצנדיק אַ קלער געטאָן: „אַ אָרימער משוגענער! ער איז נאָך אַלץ פאַרנומען מיט זיין רירנדן טרוים".

— אָבער איך האָב אַ פּלאַן, וואָס וועט אונז ביידן אויפ=ריכטן — האָט דער קיניג ווייטער געזאָגט — איך וועל אָנשרייבן

אַ פּאַפּיר אין דריי לשונות — לאַטיין, גריכיש און ענגליש — און דו וועסט עס מאָרגן פרי אײַלנדיק אָפּפירן קיין לאָנדאָן. גיב עס קיינעם ניט איבער, אַחוץ אין די אייגענע הענט פון מיין פעטער, דעם לאָרד הערטפּאָרד. ווען ער וועט עס זען, וועט ער וויסן, אַז איך האָב עס געשריבן, און ער וועט גלייך שיקן נאָך מיר.

— וואָלט ניט געווען גלייכער, מיין פּרינץ, מיר זאָלן בעסער וואַרטן דאָ ביז איך וועל פעסטשטעלן מיינע רעכט? איך וואָלט דאַמאָלסט אַ סך בעסער געקענט...

דער קיניג האָט אים באַפעליק איבערגעריסן:

— גענוג! וואָס פאַר אַ ווערדע האָבן דיינע אומבאַדייטנדע געשעפטן, אין פאַרגלייך מיט דאָס וואוילזיין פון אַ גאַנץ פאָלק און שטאַנדהאַפטיקייט פון אַ טראָן!?

און ווי אים וואָלט באַנג געטאָן זיין שטרענגקייט, האָט ער ווייך צוגעגעבן:

— געהאָרך מיך און האָב קיין פורכט. איך וועל דיך אויב־ריכטן. איך וועל דיר אומקערן אַלץ, וואָס געהערט צו דיר און נאָך מער. איך וועל געדיינקען דיין געטרייקייט און וועל דיך באַלוינען.

ריידנדיק אַזוי, האָט ער גענומען די פען און געזעצט זיך שרייבן. הענדאָן האָט אים באַטראַכט מיט ליבע און גע־קלערט: „ווען ס'וואָלט געווען פינסטער, וואָלט איך געמיינט, אַז עס רעדט מיט מיר באמת אַ קיניג. ווען עס כאַפּט אים אָן, בליצט ער און דונערט ווי אַן אמתער קיניג. אָבער וואו האָט ער זיך דאָס אויסגעלערנט דעם קונץ? קוקט נאָר אָן ווי ער שמירט עס אַביסל זיינע דריידלעך, פאַרשטעלנדיק זיך, אַז דאָס זיינען גריכישע און לאַטיינישע ווערטער! סיידן איך וועל עפּעס אויס־קלערן אַ גוטן תירוץ אָפּצונאַרן אים, אַז ניט וועל איך מוזן פאָרן מאָרגן קיין לאָנדאָן אין דער ווילדער שליחות, וואָס ער האָט אויסגעטראַכט פאַר מיר".

דערנאָך האָט זיך סער מיילס ווידער פאַרטראַכט וועגן זיין אייגענעם צופאַל. ער איז אַזוי געווען פאַרטיפט אין זיינע

געדאַנקען, אַז ווען דער קיניג האָט אים איינגיכן דערלאַנגט דעם אָנגעשריבענעם פּאַפּיר, האָט ער. אַליין ניט באַמערקט, ווי ער האָט עס צוגענומען, און אַריינגעלייגט אין בוזים־קעשענע.

— ווי מאָדנע רעטזעלהאַפט זי האָט געהאַנדלט — האָט ער גערעדט צו זיך אַליין, — איך רעכן, אַז זי האָט מיך יאָ דער־קענט. און איך רעכן, אַז זי האָט מיך ניט דערקענט. איך ווייס, אַז איינס איז סותר דאָס אַנדערע, אָבער איך קען ניט מאַכן, אַז איינס זאָל אַרויסשטויסן דאָס צווייטע, אָדער איבערוועגן איינס דאָס אַנדערע. די מעשה איז, אַ פּנים, אַזוי: זי האָט יאָ געמוזט דערקענען מיין פּנים, מיין פיגור, מיין קול — וואָרום ווי קען דען אַנדערש זיין? דאָך האָט זי געזאָגט, אַז זי קען מיך ניט, און דאָס איז דער ריינער אמת, וואָרום זי קען קיין ליגן ניט זאָגן. אָבער וואַרט נאָר! איך רעכן, אַז איך הויב אָן צו פאַרשטיין. אפשר האָט ער אויף איר געווירקט, באַפוילן איר, געצוואונגען איר צו זאָגן אַ ליגן? יאָ, אַזוי איז עס! די רעטע־ניש איז געלייזט. זי האָט אויסגעזען טויט פון שרעק. זי איז גע־ווען אונטער זיין צוואַנג. איך וועל זי זוכן, איך וועל זי געפי־נען, און איצט, ווען ער איז דערביי ניטאָ, וועט זי זאָגן איר אייגענעם מיינונג, דעם אמת. זי וועט זיך דערמאָנען אָן די אַלטע צייטן, ווען מיר האָבן צוזאַמען געשפּילט, דאָס וועט דערווייכן איר האַרץ, און זי וועט מיך מער ניט פאַרראַטן, זי וועט מיך אָנערקענען. זי האָט ניט קיין פאַררעטעריש בלוט אין זיך. זי האָט דאָך מיך אַמאָל ליב געהאַט — און דאָס איז מיין באַוואָר־נונג, וואָרום וועמען מען האָט ליב, יענעם באַטריגט מען ניט.

ער האָט ענערגיש אַ שפּרייז געטאָן צום טיר, אָבער אין דעם מאָמענט האָט זיך די טיר געעפנט, און עדיט איז אַריין. זי איז געווען זייער בלאַס, אָבער זי איז געגאַנגען מיט אַ פעסטן טראָט, און האָט זיך געהאַלטן גראַציעז און פול מיט מילדער זעלבסטווירדע. איר פּנים איז געווען טרויעריק, ווי פריער:

מיילס האָט זיך צוטרוילאַך אַ וואָרף געטאָן איר אַנט־קעגן, אָבער זי האָט אים באַזייטיקט מיט אַ קוים באַמערקבאַרער האַנט־באַוועגונג. זי האָט זיך אַוועקגעזעצט און געבעטן אים זיצן.

אַזוי איינפאַך האָט זי אים געגעבן צו פילן, אַז זיי זיינען ניט מער קיין אַלטע פריינט, און געמאַכט אים פאַר אַן אומבאַקאַנטן און אַ גאַסט. די איבעראַשונג און אומגעריכטקייט פון אַזאַ האַנדלונג, האָט אים אַזוי צומישט, אַז ער האָט איין מינוט אָנגעוויבן צו צווייפלען, צו איז ער טאַקע דערזעלביקער, פאַר וועלכן ער גיט זיך אַרויס.

— סער־האָט ליידי עדיט געזאָגט, — איך בין געקומען וואָרנען אייך. מען קען אפשר ניט צווינגען משוגעאים אָפּצוזאָגן זיך פון זייער משוגעת, אָבער מען קען פיליכט איבעררעדן זיי, זיי זאָלן זיך פאַרהיטן פון געפאַר. איך רעכן, אַז איר האַלט אייער איינגערעדטע פאַנטאַזיע פאַרן ריינעם אמת און דעריבער איז עס ניט קיין פאַרברעכן, — אָבער טראָגט זיך מיט אים ניט אַרום דאָ, ווייל דאָ איז עס אַ סכּנה.

זי האָט זיך אַ ווײַלע גוט אײַנגעקוקט אין מיילס פּנים און צוגעגעבן:

— די געפאַר איז נאָך דערמיט גרעסער, וואָס איר זייט באמת ענלאַך צו אונזער יינגל, ווען ער וואָלט דערלעבט צו אייערע יאָרן.

— גאָט אין הימל, מאַדאַם איך בין דאָך טאַקע ער!

איך גלויב באמת, אַז איר מיינט אַזוי, סער, — איך צווייפל ניט אין אייער ערליכקייט, אָבער איך וואָרן אייך — דאָס איז גאָר. מיין מאַן איז הערשער אין גאַנצן געגנט. זיין מאַכט האָט קיין גרעניץ ניט; מענטשן ווערן גליקלאַך אָדער הונגערן נאָך זיין ווילן. וואָלט איר ניט געווען ענלאַך צו דעם מענטשן, פאַר וועלכן איר גיט זיך אַרויס, וואָלט, אפשר, מיין מאַן אייך ערלויבט דאָס פאַרגעניגן אומצוטראָגן זיך מיט אייער פאַנטאַזיע, אָבער, איצט גלויבט מיר, איך קען אים גוט. איך ווייס וואָס ער וועט טאָן: ער וועט אַלעמען זאָגן, אַז איר זייט אַ משוגענער באַטריגער און אַלע וועלן אים נאָכזאָגן.

זי האָט זיך ווידער אָנגעבויגן צו הענדאָנען מיט דעמזעלביקן פאַרשיקן בליק און צוגעגעבן:

— אויב איר וואָלט טאַקע געווען מיילס הענדאָן

און ער וואָלט עס געוואוסט, און די גאַנצע געגנט וואָלט עס געוואוסט—באַטראַכט וואָס איך זאָג אייך און איבערלייגט זיך,— וואָלט איר אויך געווען אין דערוועלביקער סכּנה און אייער אונ־טערגאַנג וואָלט אַלץ געווען אומפאַרמיידלאַך. ער וואָלט אייך ניט אָנערקענט, ער וואָלט אייך אָפּגעלייקנט, ער וואָלט אייך פאַר־ראַטן, און קיינער וואָלט ניט געוואַגט אָנצונעמען זיך אייער קריוודע.

— איך גלויב פאָלשטענדיק — האָט מיילס פאַרפּיטערט געזאָגט,—די קראַפט, וואָס קען צווינגען איין לעבנס־לענגלאַכן פריינד צו פאַרראַטן און אָפּלייקענען דעם צווייטן, — קען געוויס צווינגען געהאָרכזאַם צו זיין דאָרטן, וואו ברויט און לעבן איז אויפן וואָגשאָל, בפרט, אַז קיין פאַרבאַנד פון געטרייקייט און פריינדשאַפט איז צווישן ניטאָ.

אַלייכטע פאַרב האָט באַגאָסן עדיטס פּנים און זי האָט אַראָפּגעלאָזן די אויגן צו דער ערד, אָבער איר שטים איז געווען רואיק, ווען זי האָט ווייטער געזאָגט:

— איך האָב אייך געוואָרנט און מוז אייך ווייטער וואָרע־נען, איר זאָלט אַנטלויפן פון דאַנען, אַז ניט וועט אייך דער מענטש פאַרניכטן. ער איז אַ טיראַן, וואָס ווייס ניט פון קיין רחמנות, איך, זיין געשמיטע שקלאַפין, ווייס עס גאַנץ גוט. דער אָרימער אַרטור און מיילס און מיין טייערער באַשיצער סער ריטשאַרד זיינען שוין אין זייער אייביקער רו און באַפרייט פון אים—הלוואי וואָלט איר אויך געווען מיט זיי, איידער פאַרבלייבן דאָ און אַריינפאַלן אין די צוואַנגען פון דעמדאָזיקן מערדער. איי־ערע פאָדערונגען זיינען אַ שטערונג צו זיין טיטל און פאַרמעגן; איר זייט אויף אים אָנגעפאַלן אין זיין אייגענער הויז—איר זייט פאַרלאָרן, אויב איר בלייבט דאָ לענגער. אַנטלויפט—ניט געקלערט, אויב אייך פעלט געלט, נעמט מיין בייטל, איך בעט אייך, קויפט אונטער די דינערשאַפט זיי זאָלן אייך דורכלאָזן. אָ, זייט געוואָרנט, אומגליקלאַכער, און אַנטלויפט, כּל־זמן עס איז ניט צו שפּעט.

מיילס האָט מיט אַ באַוועגונג אָפּגעוועגדט דאָס בייטל און געשטעלט זיך פאַר איר.

— דערפילט מיין איינציקע בקשה—האָט ער געזאָגט, — קוקט מיר גלייך אין די אויגן און איך וועל זען, צי וועט איר אויסהאַלטן מיין בליק. אָט אַזוי. איצט ענטפערט מיר: בין איך מיילס הענדאָן?

— ניין, איך קען אייך ניט.

— שווערט.

שטיל, אָבער דייטלאַך האָט זי געענטפערט:

— איך שווער.

— אָ, דאָס איז מער וויפל איך קען גלויבן!

— אַנטלויפט! פאַרלירט ניט די טייערע צייט! אַנטלויפט און ראַטעוועט זיך!

אין דעם מאָמענט איז אַריין פּאָליציי, און אַ ווילדע ראַנגלעניש האָט זיך אָנגעהויבן. אָבער זיי האָבן גיך באַזיגט הענדאָנען, און ער מיטן קיניג זיינען אָפּגעפירט געוואָרן אין תפיסה.

זיבן=און=צוואַנציקסטער קאַפּיטל.

אין געפענגעניש.

די קאַמערן זיינען אַלע געווען איבערפולט, האָט מען די צוויי פריינד צוגעשמידט מיט אַ קייט אין אַ גרויסער קאַמער, וואו עס האָבן זיך אויפגעהאַלטן קליינע פאַרברעכערס. זיי זיינען אַריינגעפאַלן אין אַן עקלהאַפטער און טומלדיקער קאָמפּאַניע פון יאָסערע צוואַנציק מענער און פרויען. אַלע אין האַנט=און פיס=קייטן.

דער קיניג האָט זיך ביטער באַקלאָגט אויף דער גוואַלדי=קער ערנידערונג, וואָס איז באַגאַנגען געוואָרן קעגן זיין קיניגלאַ=כער פערזאָן, אָבער הענדאָן איז געווען פינסטער און שווייגנ=דיק. ער איז גאָר צעטומלט געווען.

ער איז צוריק געקומען אַהיים, ערוואַרטנדיק, אַז יעדערער וועט אים באַגעגענען מיט אָפענע אָרימס און מיט שמחה, אָבער אָנשטאָט דעם, האָט ער באַגעגנט אַ קאַלטן אויפנאַם און אַ געפענ=געניש. די ערוואַרטונג און דיווירקלאַכקייט זיינען געווען אַזוי פאַרשיידן, אַז ער איז ווי פאַרשטיינערט געוואָרן. ער האָט ניט געקענט באַשליסן, וואָס איז דאָ מער: טראַגישעס אָדער קאָמישעס. ער האָט זיך געפילט ווי אַ מענטש, וואָס איז אַרויסגעשפּרונגען אָנצוקוקן אַ רעגנבויגן און איז געטראָפן געוואָרן פון אַ דונער.

אָבער ביסלאַכווייז זיינען זיינע צעמישטע געדאַנקען געקו=מען אין אָרדענונג און האָבן זיך אָפּגעשטעלט אויף עדיטן.

ער האָט באַטראַכט און אַרומגעקלערט איר אויפפירונג פון אַלע זייטן, אָבער ער האָט ניט געקענט אויסגעפינען, צי האָט זי

אים דערקענט אָדער ניט. דאָס איז געווען אַ שווערע רעטעניש, אָבער געענדיקט האָט ער דערמיט, וואָס ער האָט באַשלאָסן, אַז זי האָט אים יאָ דערקענט, נאָר זי האָט זיך פון אים אָפּגעזאָגט צוליב עגאָאיסטישע טעמים. ער האָט געוואָלט פאַרשילטן איר נאָמען, אָבער דערדאָזיקער נאָמען איז אַזוי לאַנג געווען הייליק פאַר אים, אַז זיין צונג האָט זיך ניט באַוועגט צו לעסטערן אים.

פאַרוויקלט אין צעריסענע און פאַרשמאָלצענע טורמע־קאָלדרעס, האָבן דער קיניג און ה ע נ ד אָ ן פאַרבראַכט אַן אומרואיקע נאַכט. דער אונטערגעקויפטער וועכטער האָט פאַר אייניקע אַרעסטאַנטן געבראַכט בראַנפן. די אָנגעשיכורטע חברה האָט דערנאָך אַ לאַנגע צייט געזונגען אומפאַרשעמטע לידער, געשלאָגן זיך, געשריען און געלאַכט. נאָך האַלבע נאַכט, איז איינער פון די אַרעסטאַנטן באַפאַלן אַן אַרעסטאַנטקע און ער וואָלט זי דערהרגעט צום טויט, שלאָגנדיק איר מיט זיינע קייטן איבערן קאָפּ, ווען דער וועכטער וואָלט באַצייטנס ניט אַריינגעפאַלן און ניט באַרואיקט אים מיט עטלאַכע גוטע קלעפּ איבערן קאָפּ. נאָכדעם איז געוואָרן רואיק און יעדערער, וועמען ס׳האָבן ניט געקימערט דאָס קרעכצען און זיפצן פון די צוויי צעשלאָגענע, האָבן געהאַט די מעגלאַכקייט איינצושלאָפן.

אין פאַרלויף פון דער קומענדיקער וואָך זיינען די טעג און נעכט פאַרבייגעגאַנגען מיט דערזעלביקער איינאַרטיקייט וואָס דער ערשטער מעת־לעת. בייטאָג זיינען געקומען מענטשן, וואָס ה ע נ ד אָ ן האָט זיי, מער אָדער ווייניקער, געדענקט און, אָנקוקנדיק דעם „באַטריגער", געשימפּט און געזידלט אים. ביינאַכט האָבן זיך רעגלמעסיק איבערגעחזרט די שיכורע סקאַנדאַלן צום סוף איז דאָך פאָרגעקומען עפּעס אַ נייס: דער וועכטער האָט אַריינגעפירט אַן אַלטן מאַן און געזאָגט:

— דער לומפּ איז דאָ אין קאַמער. וואַרף נאָר אַרום מיט דיינע אַלטע אויגן און זע, צי קענסטו אים ניט דערקענען.

דאָס ערשטע פאַר דער גאַנצער צייט פון זיין געפאַנגענשאַפט האָט ה ע נ ד אָ ן דערפילט אַן אָנגענעם געפיל.

„דאָס איז דאָך ב ל ע ק א נ ד ר י ו ס — אַ דינער, וואָס האָט

זיין גאַנצן לעבן געדינט אין מיין פּאָטערס פּאַמיליע — אַ געטרייער ערלאַכער מאַן מיט אַן ערלאַך האַרץ אין זיין ברוסט-ווייניקסטנס, אַזוי איז ער פריער געווען. איצט זיינען אַלע פּאַלש. אָט וועט איר זען, אַז ער וועט מיך דערקענען; אָבער ער וועט זיך מאַכן, אַז ער קען מיך ניט, ווי די איבריקע.

דער אַלטער מאַן האָט זיך אַרומגעקוקט, באַטראַכט יעדער פּנים באַזונדער, און צום סוף געזאָגט:

— איך זע דאָ קיינעם ניט, אַחוץ קליינע גנבים און גאַסן-שלעפּער. וועלכער איז דאָ דער באַטריגער?

דער וועכטער האָט זיך צעלאַכט:

— באַטראַכט נאָר אָט די חיה און זאָג מיר דיין מיינונג.

דער אַלטער איז צוגעגאַנגען, באַטראַכט ה ע נ ד אָ נ ע ן פון קאָפּ ביז די פיס און געזאָגט:

— ניין, דאָס איז ניט ה ע נ ד אָ ן — און איז קיינמאָל ניט געווען ה ע נ ד אָ ן.

— ריכטיק! — האָט דער וועכטער צוגעשטימט, — דיינע אַלטע אויגן זעען נאָך גענוג גוט. ווען איך וואָלט געווען סער ג י ו, וואָלט איך גענומען אָט דעם שמוציקן נפש און וואָלט...

און, אויפהויבנדיק זיך אויף די שפּיץ פינגער און, פּלומרשט, פאַרציִענדיק אַ שטריק אַרום האַלז, האָט ער כאָרכ-לענדיק און כראָפּענדיק באַוויזן, ווי אַזוי ער וואָלט ה ע נ ד אָ נ ע ן אויפגעהאַנגען.

— זאָל ער דאַנקען גאָט, וואָס ער׳ט ניט כאַפּן אַן ער-גערן פּסק — האָט דער אַלטער מיט רציחה געזאָגט, — ווען עס ווענדט זיך אָן מיר, וואָלט איך אים געלאָזט אָפּבראָטן לעבעדי-קערהייט, ווי דו זעסט מיך אַ מענטשן!

דער וועכטער האָט זיך צעלאַכט מיט אַ ווילדן געלעכטער און געזאָגט:

— נעם אים אַ ביסל לעבער, אַלטער. אַלע טוען עס. דאָס וועט דיך פאַרווײַלן.

ווי נאָר דער וועכטער איז אַרויס, אַזוי האָט דער אַלטער אַ פאַל געטאָן אויף די קני און גענומען שעפּטשען:

— אַדאַנק דעם אויבערשטן, וואָס דו ביסט צוריקגע־קומען, מיין טייערער באַלעבאָס! איך האָב געגלויבט, אַז דו ביסט שוין זיבן יאָר טויט, און — אָ, אַדאַנק גאָט, איך זע דיך לעבעדיק! איך האָב דיך דערקענט די ערשטע מינוט, און ווי שווער ס'איז מיר געווען צו מאַכן אַ שטיינערנעם פּנים און זאָגן, אַז איך זע דאָ מער ניט ווי קליינע גנבימלאַך און גאַסן־יונגען! איך בין אַלט און אָרים, סער מיילס, אָבער זאָג נאָר אַ וואָרט און איך וועל גיין און אויפווייזן דעם אמת, מען זאָל מיך אַפילו דערוווערגן דערפאַר.

— ניין — האָט הענדאָן געזאָגט, — דו וועסט ניט גיין. דאָס וואָלט נאָר דיך אומגעבראַכט, און אונז וואָלט דערפון קיין טובה ניט אַרויסגעקומען. אָבער איך דאַנק דיר סיי־ווי־סיי דערפאַר, וואָס דו האָסט מיר אומגעקערט מיין גלויבן אין מענטשן.

דער אַלטער דינער איז שטאַרק צו ניץ געקומען הענ־דאָנען און דעם קיניג. ער פלעגט זיך אַריינכאַפּן עטלאַכע מאָל אין טאָג צו שפּאָטן פון דעם „באַטריגער" און, שטילער־הייט, ברענגען יעדעס מאָל עפּעס אַ נאַשעריי צו פאַרבעסערן די טורמע־מאַכלים. צו דערזעלביקער צייט פלעגט ער איבערגעבן אַלע נייסן. די נאַשערייען פלעגט הענדאָן איבערלאָזן פאַרן קיניג, ווייל זיין מאַיעסטעט, וואָס האָט ניט געקאָנט פאַרטראָגן די פוילע און שלעכטע שפּייזן פון טורמע, וואָלט אונטערגע־גאַנגען אָן די אַריינגעבראַכטע גוטע זאַכן.

אַנדריוס פלעגט זיך אויפהאַלטן אַ קורצע ווײַלע, כּדי ניט אַרויסצורופן קיין חשד, אָבער אים איז געלונגען יעדעס מאָל איבערצוגעבן געגוג ידיעות. די ידיעות פלעגט ער איבער־געבן אין דער שטיל, און אויפן קול פלעגט ער זידלען הענ־דאָנען מיט די לעצטע ווערטער, צום גרויס פאַרגעניגן פון די צוהערער.

ביסלאַכווייז האָט הענדאָן פון אים דערוואוסט אַלץ, וואָס ס'האָט פאַסירט אין זיין פאַמיליע. אַרטור איז געשטאָרבן מיט זעקס יאָר צוריק. זיין טויט און דאָס וואָס פון מיילסן

איז קיין שום ידיעה ניט געווען, האָבן אונטערגעבראָכן דעם פאָטערס געזונט. ער האָט געפילט, אַז ער וועט אין קורצן שטאַרבן און זיין וואונטש איז געווען צו זען גיו און עדיט פאַרהייראַט איידער ער וועט אַוועקגיין פון דער וועלט. עדיט האָט זיך שטאַרק געבעטן, מען זאָל אָפּלייגן די חתונה, אַלץ האָפנדיק, אַז מיילס וועט זיך אומקערן. דאַן איז אָנגעקומען דער בריוו מיט דער ידיעה וועגן זיין טויט. דאָס האָט אינגאַנצן אַוועקגעלייגט דעם אַלטן סער ריטשאַרד. ער האָט געגלויבט, אַז זיינע טעג זיינען געציילט, און ער און גיו האָבן דורכאויס געפאָדערט עס זאָל זיין חתונה. עדיט האָט זיך קוים איינגעבעטן, מען זאָל עס אָפּלייגן אויף אַ חודש צייט, דערנאָך האָט זי אויסגעבעטן אַ צווייטן חודש און אַ דריטן. די חופה איז פאָרגעקומען ביי סער ריטשאַרדס טויטן-בעט. דער שידוך איז ניט געווען קיין גליקלאַכער. מען האָט געשמועסט אומעטום, אַז איינגיכן נאָך דער חתונה האָט עדיט געפונען צווישן איר מאַנס פאַפירן עטלאַכע ניט געענדיקטע עקזעמפלאַרן פון „מיילס" בריוו און האָט אים באַשולדיקט אין אַ געמיינער פעלשונג, וואָס האָט דערנעענטערט די חתונה און סער ריטשאַרדס טויט. מען דערציילט, אַז ער באַגייט זיך זייער שלעכט מיט זיין ווייב און מיט דער דינערשאַפט. איבערהויפט, זינט דער פאָטער איז געשטאָרבן, געפינט ער ניט פאַר נייטיק צו פאַרשטעלן זיך און באַהאַנדלט אָן רחמנות יעדערן, וואָס קומט מיט אים אין באַרירונג אָדער וואָס איז אָפּהענגיק פון אים.

איין טייל פון אַנדריוס פלוידעריי האָט דער קיניג צוגעהערט מיטן גרעסטן אינטערעס.

— מען זאָגט, אַז דער קיניג איז משוגע—האָט דער אַלטער איינגערוימט,—אָבער גאָט זאָל אַייך היטן צו זאָגן, אַז איר האָט עס געהערט פון מיר, וואָרים זיי זאָגן, אַז עס קומט דערפאַר טויט-שטראָף.

זיין מאַיעסטעט האָט אַ בליק געטאָן אויף דעם אַלטן מיט די אויגן און געזאָגט:

— דער קיניג איז ניט משוגע, מיין גוטער אַלטער, און

ס'וועט זיין גלייכער פאר דיר, דו זאָלסט זיך פאַרנעמען מיט איי־גענע געשעפטן, איידער מיט אַזעלכע נאַרישע פלוידעריי.

— וואָס מיינט דער ייִנגל? — האָט דער אַלטער געפרעגט, ניט ערוואַרטנדיק פון דערדאָזיקער זייט קיין אָנפאַל. אָבער הענ־דאָן האָט אים אַ וואונק געטאָן און ער האָט ווייטער דערציילט:

— דער פאַרשטאָרבענער קיניג וועט ווערן געבראַכט צו קבורה אין אַ טאָג אָדער אין צוויי טעג אַרום — דעם זעכצנטן פון היינטיקן חודש, און דער נייער קיניג וועט געקרוינט ווערן אין וועסטמינסטער דעם צוואַנציקסטן.

— איך רעכן, אַז זיי דאַרפן אים פריער אויסגעפינען — האָט זיין מאַיעסטעט אַ מורמל געטאָן, און האָט צוטרויליך צוגע־געבן: נאָר מין הסתם וועלן זיי שוין דערפאַר זאָרגן — און איך אויך.

— אין נאָמען פון...

אָבער הענדאָן האָט אים ווידער אַ וואונק געטאָן און ער איז שטיל געבליבן. דערנאָך האָט ער זיך ווייטער אומגעקערט צו זיין שמועס:

— סער גיו פאָרט צו דער קרוינונג, און מיט גרויסע האָפענונגען. ער האָפט צו קומען צוריק אַפער, ווייל ער איז אין גרויס פריינדשאַפט מיט דעם לאָרד־רעגענט.

— וואָסער לאָרד־רעגענט? — האָט זיין מאַיעסטעט גע־פרעגט.

— זיין גנאָד דער הערצאָג פון סאָמערעסט.

— וואָסער הערצאָג פון סאָמערעסט?

— אָך, גאָט מיינער, ס'איז מער ניטאָ ווי איין הערצאָג פון סאָמערעסט — סיימאָר, גראַף הערטפאָרד.

— זינט ווען איז ער געוואָרן אַ הערצאָג און אַ לאָרד־רע־גענט? — האָט דער קיניג שאַרף געפרעגט.

— זינט דעם לעצטן טאָג פון יאַנואַר.

— און ווער, איך בעט דיך, האָט אים געמאַכט פאַר אַזאַ איינעם?

— ער אַליין און דער הויף־ראַט מיט דער הילף פון קיניג. זיין מאַיעסטעט האָט אויפגעציטערט.

— דער קיניג! — האָט ער אויסגעשריען. — וואָסער קיניג?

— וואָסער קיניג, אין דער אמתן! (באַרמהאַרציקער גאָט, וואָס פעלד דעם יינגל). אַזוי ווי מיר האָבן ניט מער ווי איין קיניג, איז ניט שווער צו ענטפערן: זיין העכסט הייליקע מאַיעסטעט קיניג עדוואַרד דער זעקסטער — גאָט באַשיץ אים! יאָ, יאָ, און ער איז אַ וואויל קינד אויך. און צי איז ער משוגע אָדער ניט — זיי זאָגן, אַז ער ווערט מיט יעדן טאָג בעסער — אָבער יעדערער לויבט אים. יעדערער בענטשט אים און אַלע בעטן גאָט, ער זאָל לאַנג קיניגן אין ענגלאַנד. וואָרים ער האָט אָנגעהויבן זיין קיניגטום מיט רחמנות, שענקענדיק דעם הערצאָג פון נאָרפאָלק דאָס לעבן, און איצט קלייבט ער זיך אָפּצושאַפן אַלע שווערע און שטרענגע געזעצן, וואָס דריקן דאָס אָרימע פאָלק.

די נייס האָט געטראָפן דעם קיניג ווי אַ דונער. ער האָט זיך אַזוי פאַרטיפט אין זיינע טרויעריקע געדאַנקען, אַז ער האָט מער ניט געהערט דעם אַלטנס פּלוידעריי. ער האָט זיך געבראָכן דעם מוח, ווער קען עס זיין „דאָס וואויל קינד". צי איז עס ניט יענער בעטלערל, וואָס ער האָט איבערגעלאָזן אין פּאַלאַץ, איבערגעטאָן אין זיינע קליידער? אָבער דאָס קען ניט זיין: זיין שפּראַך און זיינע מאַנערן וואָלטן אים אַרויסגעגעבן. מען וואָלט אים גלייך דורכגעטריבן און געגומען זוכן דעם אמתן פּרינץ. קען עס זיין, אַז דער הויף האָט אַוועקגעזעצט אויפן טראָן וועמען עס איז פון דער אַריסטאָקראַטיע? ניין, זיין פאָטער וואַלט עס ניט צולאָזן — ער איז געווען מעכטיק און ער וואָלט אָן רחמנות אונטערדריקט אַזאַ באַוועגונג, ווען זי וואָלט אויסגעבראָכן.

דעם יינגלס קלערן האָבן אים ניט געהאָלפן. וואָס מער ער האָט זיך געמאַטערט צו דערגיין די רעטעניש, אַלץ מער איז ער אין איר פאַרפּלאָנטערט געוואָרן, אַלץ מער האָט אים דער קאָפּ ווי געטאָן און אַלץ ערגער האָט ער געשלאָפן ביינאַכט. זיין אומגעדולד צו קומען קיין לאָנדאָן איז געוואַקסן מיט יעדער שעה

און וואָס ווייטער איז אים געוואָרן אַלץ שווערער איבערצוטראָגן די געפּאַנגענשאַפט.

הענדאָנס מי צו טרייסטן און באַרואיקן אים, האָט ניט געהאָלפן. דאָס איז געלונגען צוויי פרויען, וואָס זיינען געווען צו־געשמידט ניט ווייט פון אים. זייער צערטלאַכע באַהאַנדלונג האָט אים אַ ביסל באַרואיקט און געלערנט אים געדולד. ער איז זיי זייער דאַנקבאַר געווען און האָט זייער ליב געקראָגן זייער באַ־רואיקנדיקע און צאַרטלאַכע גוזעלשאַפט. ער האָט זיי געפרעגט, פאַרוואָס זיי זיצן אין געפענגעניש, און ווען זיי האָבן געענטפערט, אַז זיי זיינען באַפּטיסטן, האָט ער אַ שמייכל געטאָן און געזאָגט:

— איז עס דען אַזאַ פאַרברעכן מען זאָל דערפאַר פאַר־שפּאַרט ווערן אין געפענגעניש? עס טוט מיר זייער באַנג, וואָס איך וועל פאַרלירן אייער גוזעלשאַפט; אָבער זיי וועלן אייך דאָך געוויס ניט האַלטן לאַנג פאַר אַזאַ קלייניקייט.

די פרויען האָבן ניט געענטפערט, אָבער דער אויסדרוק פון זייערע פנימער האָבן אים געמאַכט אומרואיק און ער האָט געזאָגט:

— איר ענטפערט ניט. זעט, איך בעט אייך, זייט גוט צו מיר און זאָגט מיר: וועלן זיי אויף אייך קיין אַנדער שטראָף ניט אַרויפלייגן? זאָגט, איך בעט אייך, איר האָט ניט וואָס מורא צו האָבן.

זיי האָבן געפּרובירט אָפּצוּווענדן דעם שמועס אויף עפּעס אַנדערש, אָבער זיין אומרואיקייט האָט אים ניט אָפּגעלאָזן און ער האָט ווייטער געפרעגט:

— וועלן זיי אייך באַשטראָפן מיט ריטער? ניין, ניין, זיי וועלן ניט זיין אַזוי גרויזאַם! זאָגט אַז ניט. זאָגט־זשע אַז ניט, אמת?

זייערע פנימער האָבן אַרויסגעוויזן אומרואיקייט און פאַר־צווייפלונג און, זעענדיק, אַז זיי וועלן קיין ענטפער ניט אויסמיידן, האָט איינע פון זיי געזאָגט:

— אָ, דו ברעכסט אונזערע הערצער, דו איידל קינד! גאָט וועט אונז געבן כּוחות איבערצוטראָגן אונזער...

— אָ, איר האָט זיך מודה געווען! ווען זיי אייך יאָ באַשטראָפן, אָט די שטיינהאַרציקע חיות! אָבער, אָ, ווייגט ניט, איך קען עס ניט פאַרטראָגן. פאַרלירט ניט דעם מוט, איך וועל נאָך באַצייטנס צוריקקומען צו מיין מאַכט, איך זאָל אייך קענען פאַרהיטן פון דער ביטערער שטראָף, און איך וועל אייך פאַרהיטן!

ווען דער קיניג האָט זיך אינדערפרי אויפגעכאַפט, זיינען שוין די פרויען ניט געווען.

— זיי זיינען געראַטעוועט! — האָט ער פריילאַך אויסגעשריען, און נאָכהער טרויעריק צוגעגעבן: — אָבער וויי איז מיר! זיי זיינען דאָך געווען מיינע איינציקע טרייסטערינס.

יעדערער פון זיי האָט צוגעשפּילעט אַ שטיקל שנירל צו זיינע קליידער אַלס אָנדענקונג. ער האָט געזאָגט, אַז ער וועט אייביק האַלטן דאָס אָנדענקונג און, אַז אינגיכן וועט ער אויפזוכן זיינע טייערע פריינד און נעמען זיי אונטער זיין שוץ.

גראָד אין דער ווײַלע איז אַריינגעקומען דער תּפיסה־פאַרוואַלטער מיט עטלאַכע געהילפן און באַפוילן, אַז אַלע אַרעסטאַנטן זאָלן אַרויסגיין אויפן הויף. דער קיניג האָט געטאַנצט פון שמחה: ס'וועט זיין אַ גליק ווידעראַמאָל צו זען דעם בלויען הימל און אָטעמען די פרישע לופט. ער האָט זיך געכעסט און געבייזערט אויף די וועכטערס, דערפאַר וואָס זיי זיינען אַזוי לאַנגזאַם, אָבער צום סוף זיינען זיי צו אים אויך צוגעקומען, אָפּגעשמידט אים פון קייט און געהייסן, ער מיט הענדלאַנען זאָלן גיין נאָך די איבעריקע געפאַנגענע.

דער פירקאַנטיקער תּפיסה־הויף איז געווען געפלאַסטערט מיט פלאַכע שטיינער און איבערן קאָפּ האָט זיך געזען דער הימל.

די געפאַנגענע זיינען אַריינגעפירט געוואָרן דורך אַ דיקן שטיינערנעם טויער און אויסגעשטעלט געוואָרן אין איין שורה מיט די רוקנס צום וואַנט. פון פאָרנט איז פאַרצויגן געוואָרן אַ שטריק און עס האָבן זיך אויסגעשטעלט די וועכטער. ס'איז געווען אַ קאַלטער, גרויער פרימאָרגן, דער שניי, וואָס איז אַ גאַנצע נאַכט געפאַלן, האָט צוגעדעקט דעם גרויסן ליידיקן פלאַץ און

האָט נאָך טרויעריקער געמאַכט דאָס בילד. פון צייט צו צייט האָט אַ קאַלטער ווינט אויפגעהויבן הויפנס שניי און געשליידערט זיי הין און צוריק.

אינמיטן הויף זיינען געשטאַנען צוויי פרויען, צוגעשמידט צו סלופּעס. איין בליק האָט איבערצייגט דעם קיניג, אַז דאָס זיינען זיינע צוויי פריינד. ער האָט אויפגעציטערט און געקלערט: „אָך, זיי זיינען ניט באַפרייט געוואָרן, ווי איך האָב געמיינט. מען זאָל נאָר אַ קלער טאָן, אַז אַזעלכע מיידע, ווי זיי, זאָלן פאַרזוכן דעם בייטש! און וואו — אין ענגלאַנד! יאָ, דידאָזיקע שאַנד איז ניט ערגעץ אין אַ געצנדינעריש לאַנד, נאָר אין קריסטלאַכן ענגלאַנד! זיי וועלן געשמיסן ווערן מיט בייטשן און איך, וואָס איז פון זיי געטרייסט און געהיילט געוואָרן, מוז צוקוקן דאָס גרויסע אומרעכט און שווייגן. מאָדנע, זייער מאָדנע, אַז איך, דער הויפּט-קוואַל פון מאַכט אין דער מלוכה, בין מאַכטלאָז צו באַשיצן זיי! אָבער זאָלן די אויסוואורפן זיין פאָרזיכטיק: אַ טאָג וועט אָנשטיין, ווען איך וועל פון זיי פאָדערן דין-וחשבון פאַר אַלע זייערע מעשים, און פאַר יעדער קלאַפּ, וואָס זיי גיבן איצט אַנדערע, וועלן זיי דערפילן הונדערט קלעפּ אויף זיך".

עס האָט זיך געעפנט אַ גרויסער טויער און ס'האָט זיך אַריינגעשאָטן אַ מחנה בירגער. זיי אַרומגערינגלט די צוויי פרויען און פאַרשטעלט זיי פון דעם קיניגס אויגן. אַ גייסטלאַכער איז אַריין, האָט זיך דורכגעשפּאַרט צווישן עולם און איז אויך פאַרשוואונדן. דער קיניג האָט געהערט עפּעס פראַגן און ענטפערס, אָבער ער האָט ניט געקענט פאַרשטיין וואָס מען רעדט. דערנאָך האָבן זיך אָנגעהויבן הכנות, באַאַמטע זיינען געקומען און אַוועקגעגאַנגען און ווייטער געקומען, און נאָכהער איז רואיק געוואָרן און אַ טיפע שטילקייט איז אַריינגעטראָטן צווישן די פאַרזאַמלטע.

עס איז אָפּגעגעבן געוואָרן אַ באַפעל, און דער עולם האָט זיך צעטיילט און אָפּגעטראָטן אין ביידע זייטן. דער קיניג האָט דערזען אַ בילד, וואָס האָט פאַרגליווערט דעם מאַרך פון זיינע ביינער: אַרום די צוויי פרויען זיינען געלעגן אָנגעלייגט בערגלאַך

טרוקענע צווייגן און עפּעס אַ מענטש האָט, שטייענדיק אויף די ני, אונטערגעצונדן זיי.

די פרויען זיינען געשטאַנען מיט אַראָפּגעלאָזענע קעפּ און פאַרדעקט די פּנימער מיט די הענט.

די געלבע פלאַמען האָבן אָנגעהויבן צו קלעטערן איבער די קאָרטשענדיקע און טרעשטשענדיקע צווייגן; בלויע זיילן רויך זיינען אונטערגעכאַפּט געוואָרן און אַוועקגעטראָגן געוואָרן פון ווינט. דער גייסטלאַכער האָט אויפגעהויבן די הענט און אָנגעהויבן תּפילה צו טאָן. אין דער מינוט האָבן זיך דורך דעם אָפּענעם טויער אַריינגעריסן צוויי יונגע מיידלאַך און, שרייענדיק מיט שרעקלאַכע קולות, אַ וואָרף געטאָן זיך צו די פרויען אויפן שייטערהויפן. די באַאַמטע האָבן זיי גלייך אָפּגעריסן, איינע פון זיי האָט מען פעסט געהאַלטן, אָבער די צווייטע האָט זיך אַרויסגעריסן, שרייענדיק, אַז זי וויל שטאַרבן צוזאַמען מיט איר מוטער, און, איידער מען האָט נאָך צייט געהאַט אומצוקוקן זיך, האָט זי אַרומגעכאַפּט איר מוטער ביים האַלז. מען האָט זי ווידער אָפּגעריסן. מען האָט פון איר אַראָפּגעריסן איר ברענענדיק קלייד און געהאַלטן זי מיט אַלע כּוחות, זי אָבער האָט ניט אויפגעהערט צו ראַנגלען זיך און שרייען, אַז זי בלייבט עלנט אויף דער וועלט און געבעטן זיך, מען זאָל איר לאָזן שטאַרבן צוזאַמען מיט איר מוטער.ביידע מיידלאַך האָבן קיין איין מינוט ניט אויפגעהערט יאָמערלאַך צו קלאָגן און שרייען. מיטאַמאָל איז זייער געוויין און דער טומל איבערגעריסן געוואָרן דורך שרעקלאַכע, האַרצרייסיקע גסיסה-געשרייען. — דער קיניג האָט אַ קוק געטאָן אויפן שייטערהויפן, האָט אויף גיך אָפּגעקערט זיך, צוגעדריקט זיין אַש-בלייכן פּנים צום וואַנט און מער ניט געקוקט.

„דאָס, וואָס איך האָב איצט אין דער איין מינוט געזען — האָט ער געטראַכט — וועט שטיין פאַר מיינע אויגן גאָר מיינע טעג און וועט זיך מיר חלומען אַלע מיינע נעכט. עס וועט פאַרבלייבן אין מיין זכּרון אַזוי לאַנג, ווי איך וועל לעבן. הלוואַי וואָלט מיך בעסער גאָט בלינד געמאַכט, איידער איך זאָל עס זען!"

הענדאָן האָט אַכטונג געגעבן אויף דעם קיניג און צע־פרידן געקלערט: „זיין משוגעת איז פאַריבער. אויב ער וואָלט זיך געהאַלטן ביי זיין פאַנטאַזיע, וואָלט ער געשטורימט אויף די תלינים, ער וואָלט געשריען, אַז ער איז דער קיניג און וואָלט באַפוילן צו באַפרייען די פרויען. אינגיכן וועט זיך זיין איינריי־דעניש פעלן און ער וועט אינגאַנצן געזונט זיין, זאָל גאָט געבן וואָס גיכער!"

דעמזעלבן טאָג האָט מען אין טורמע געבראַכט איבערצו־בעכטיקן עטלאַכע געפאַנגענע, וואָס זיינען געפירט געוואָרן אין פאַר־שיידענע שטעט, וואו זיי האָבן געדאַרפט באַשטראָפט ווערן פאַר באַגאַנ־גענע פאַרברעכנס. דער קיניג, וואָס האָט ביי זיך אָפּגעמאַכט אויסצו־פרעגן געפאַנגענע, כדי ער זאָל דערנאָך בעסער וויסן ווי צו רע־גירן, — האָט זיך מיט זיי פונאַנדערגערעדט, און די געשיכטע פון זייערע ליידן האָט צעבראָכן זיין האַרץ.

איינע פון זיי איז געווען אַ האַלב־משוגענע פרוי, וואָס האָט געגנבעט ביי אַ וועבער אַן אַרשין אָדער צוויי אַרשין געוואַנט, און איז דערפאַר פאַרמשפּט געוואָרן צום הענגען. אַ צווייטער איז געווען, וואָס איז באַשולדיקט געוואָרן אין גנבענען אַ פערד, די באַשולדיקונג האָט ניט געקענט באַוויזן ווערן און ער האָט שוין געמיינט, אַז ער איז פריי פון דער תליה, אָבער ניין—מען האָט אים נאָך ניט באַוויזן צו באַפרייען, ווי ער איז באַשולדיקט גע־וואָרן אין שיסן אַ הירש אין קיניגלאַכן וואַלד; דאָס איז יאָ דערוויזן געוואָרן, און איצט איז ער געווען אויפן וועג צום עשאַ־פאָט.

עס איז געווען צווישן די געפאַנגענע אַן אָנגעשטעלטער אין אַ געוועלב, וואָס האָט מער ווי אַנדערע צעריסן דעם קיניגס האַרץ: דערדאָזיקער יינגל האָט דערציילט, אַז ער האָט געפונען אַ פאַלק־פויגל, וואָס איז אַנטלאָפן פון זיין אייגנטימער, און האָט עס צוגענומען, מיינענדיק, אַז ער האָט רעכט דערצו, אָבער דאָס געריכט האָט אים געמשפּט פאַר גנבה און פאַראורטיילט צום טויט.

דער קיניג איז געווען אויסער זיך פון אַזעלכע מערדע־

רייען און ער האָט געפּאָדערט פון הענדאָנען, ער זאָל איינברעכן די טורמע און זיי זאָלן אַנטלויפן קיין לאָנדאָן, וואו ער וועט אַרויפשטייגן אויפן טראָן און אויסשטרעקן אַ האַנט פון רחמנות איבער דידאָזיקע אומגליקלאַכע צו ראַטעווען זייער לעבן.

„אָרים קינד — האָט הענדאָן אָפּגעזיפצט — אָט די אַלע שרעקלאַכע מעשיות האָבן ווידער געריררט זיין פאַרשטאַנד. אַך, ווען ניט דאָס, וואָלט ער שוין גאָר אין קורצן געווען געזונט".

צווישן די געפאַנגענע איז געווען אַן אַלטער אַדוואָקאַט *)— אַ מענטש מיט אַ שטרענג און ערנסט פּנים. מיט דריי יאָר צוריק האָט ער אָנגעשריבן אַ פּאַמפלעט קעגן דעם לאָרד־קאַנצלער, באַשולדיקנדיק אים אין אומגערעכטיקייט. דערפאַר האָט מען אים אָפּגעשניטן ביידע אויערן, צוגעבונדן צום שאַנד־סלופּ, אויסגעשלאָסן פון אַדוואָקאַטן־שטאַנד און פאַרמשפּט צו דריי טויזנט פונט שטערלינג געלט־שטראָף. לעצטנס האָט ער ווידער געשריבן אַ פּאַמפלעט און איז פאַרמשפּט געוואָרן צו פאַרלירן דאָס, וואָס ס'איז אים נאָך פאַרבליבן פון זיינע אויערן, באַצאָלן פינף טויזנט פונט שטערלינג שטראָף, אָפּגעשטעמפּלט ווערן מיט אַ גליענדיקן שטעמפּל אויף ביידע באַקן און צו אייביקע געפענגעניש.

— אָט זיינען מיינע ערן־צייכנס! — האָט ער געזאָגט, אָפּשאַרנדיק די גרויע האָר און ווייזנדיק די ערטער, וואו עס זיינען אַמאָל געווען אויערן.

דעם קיניגס אויגן האָבן געברענט מיט צאָרן.

— קיינער גלויבט אין מיר ניט און דו וועסט אויך ניט גלויבן — האָט ער געזאָגט, — אָבער עס מאַכט ניט אויס. אין פאַר־

*) די געשיכטע, וואָס ווערט דערציילט אין דעם קאַפּיטל 27 מיט דעם אַדוואָקאַט, איז אַן אמתע און האָט פּאַסירט מיט אַ געוויסן אַדוואָקאַט וויליאַם פּריין, וואָס איז פאַרמשפּט געוואָרן צו די אַלע שטראָפן, וואָס ווערן דאָ אויסגערעכנט. פּאַסירט האָט עס אַ סך שפּעטער נאָך דער הערשאַפט פון עדוואַרד דעם 6־טן. ד"ר האַממאַנד: „בלויע געזעצן" ז. 12.

לויף פון אַ חודש וועסטו זיין פריי, און נאָך מער — די געזעצן, וואָס האָבן דיך געטריבט פון דיין ערע און פאַרשעמט דעם נאָמען פון ענגלאַנד, — וועלן אָפּגעמעקט ווערן פון געזעץ־בוך. די וועלט איז שלעכט איינגעאָרדנט: מלכים האָבן אָפט געדאַרפט אויף זיך אַליין פילן די געזעצן, וואָס זיי גיבן אַרויס, דאַן וואָלטן זיי געוואוסט צו זיין באַרימהאַרציק *).

*) נאָך די ענגלישע געזעצן פון 16־טן יאָר־הונדערט האָט פאַר גנבענען א פערד, א פאַלק־פויגל, וואָל־שטאָף פון וועבער, פאַר הרגענען א הירש אין קיניגס וועלדער און פאַר אַרויסשיקן שעפּסן אין אַנדערע לענדער, געקומט הענגען. ד״ר האַממאַנד: „בלוטיע געזעצן״, זייט 13.

אַכט־און־צוואַנציקסטער קאַפּיטל.

דער קרבן.

הענדאָן איז דערווייל געוואָרן אַלץ אומגעדולדיקער און מידער פון זיצן אין געפענגעניש און גאָרניט טאָן. צו זיין גרויס צופרידנקייט איז דער טאָג פון זיין משפט אָנגעקומען, און ער איז גרייט געווען איבערצוטראָגן יעדן אורטייל, אַבי ניט צוריק־גיין אין געפענגעניש. אָבער ער האָט אַ טעות געהאַט: ער איז אַרויס פון די כּלים, ווען ער האָט דערהערט, אַז ער איז אָנערקענט געוואָרן פאַר אַ „פאַרהאַרטעוועטן אַרומשלעפּער" און איז פאַרמשפּט געוואָרן צו זיין צוויי שעה צוגעשמידט צום שאַנד־סלופּ פאַר באַפאַלן דעם אייגנטימער פון הענדאָן־שלאָס אין זיין אייגענער הויז.

זיינע מעלדונגען, אַז ער איז דעם אָנקלאָגערס אַ ברודער און דער אמתער יורש פון דעם טיטל און גיטער, — זיינען מיט פאַראַכטונג אָפּגעוואָרפן געוואָרן, ווי ווערטער, וואָס עס לוינט אפילו ניט צו הערן.

אויפן וועג צום שטראָף־פּלאַץ האָט ער געקאָכט און גע־סטראַשעט, אָבער דאָס האָט אים ניט געהאָלפן. די באַאַמטע האָבן אים גראָב געשטויסן און, פון צייט צו צייט, מכבד געווען מיט אַ קלאַפּ פאַר זיין אומרואיקער אויפפירונג.

דער קיניג האָט ניט געקאָנט דורכשלאָגן זיך דורך דעם המון, וואָס איז נאָכגעלאָפן פון הינטן, האָט ער געמוזט נאָכגיין צום סוף, ווייט פון זיין פריינד און דינער. ער אַליין איז נאָך אַ האָר פאַרמשפּט געוואָרן צו דער זעלביקער שטראָף, פאַר זיין חברשאַפט מיט הענדאָנען, אָבער אדאַנק זיין יונגקייט, איז

ער אָפּגעקומען מיט מוסר אויסהערן און מיט אַ וואָרנונג אויף להבא. ווען דער המון האָט זיך אָפּגעשטעלט, האָט דער קיניג זיך געוואָרפן פון איין אָרט אויפן צווייטן, זוכנדיק אַ שפּעלטל וואו דורכצושפּאַרן זיך. נאָך גרויס מי איז עס אים געלונגען. דאָ איז געשטאַנען זיין נאָבעלער ריטער, אין די שאַנד־קלעצ־לאַך — אַ ציל פאַרן שפּאָט און געלעכטער פון שמוציקן המון — ער, דער לייב־וועכטער פון דעם ענגלישן קיניג!

עדוארד האָט פריער געהערט דעם אורטייל, אָבער ער האָט קוים פאַרשטאַנען וואָס דאָס באַדייט, און זיין כעס איז גע־וואַקסן מיט יעדער מינוט, וואָס ער האָט באַגריפן זיין באַדייטונג, און האָט דערגרייכט די העכסטע מדרגה, ווען אַן איי איז דורכ־געפלויגן דורך דער לופטן און געטראָפן הענדאָנען אין באַק, וואָס ס׳האָט אַרויסגערופן אַ ווילדן געלעכטער פון דעם המון.

ער האָט אַ שפּרונג געטאָן אויף דעם פרייען ראָד, איז צוגעלאָפן צום עלטסטן באַאַמטן, אויסשרייענדיק:

— שעמט זיך! דאָס איז מיין דינער! — לאָזט אים פריי! איך בין דער...

— אָ, שווייג! — האָט הענדאָן אַ פאַרציטערטער אויס־געשריען, — דו וועסט זיך אומגליקלאַך מאַכן! קוקט זיך אויף אים ניט אום, באַאַמטער, ער איז אַ משוגענער.

— האָב קיין מורא ניט, מיין טייערינקער — האָט דער באַאַמטער מיט איראָניע געזאָגט, — איך האָב ניט בדעה אומצו־קוקן זיך אויף אים, אָבער לערנען אים אַביסל דרך־ארץ קען ניט שאַטן.

און ווענדנדיק זיך צו איינעם פון זיינע אונטערטעניקע, האָט ער געזאָגט:

— גיב דעם קליינעם שוטה איין מאָל אָדער צוויי מאָל מיטן קאַנטשיק, ער זאָל ווייטער וויסן ווי אויפצופירן זיך.

— אַ האַלבע טוץ וועט אויף אים בעסער ווירקן — האָט געזאָגט סער גיו, וואָס איז געקומען צורייטן אויף זיין פערד אַ קוק טאָן וואָס הערט זיך.

ווען מען האָט דעם קיניג אַ כאַפּ געטאָן, האָט ער זיך אַפּילו ניט געראַנגלט — אַזוי פּאַראַליזירט איז ער געווען פון דעם איין געדאַנק, אַז עס וועט געלייגט ווערן אַ האַנט אויף זיין הייליקע פּערזאָן. אין דער געשיכטע איז שוין פאַראַן אַ־ין באַשרייבונג, ווי אַן ענגלישער קיניג איז געשמיסן געוואָרן מיט בייטשן — און ווי אומערטרעגלאַך איז דער געדאַנק, אַז ער דאַרף זיין דער צווייטער אָנצופילן נאָך אזא בלעטל אין דער געשיכטע. ער איז אין דער קלעם, און ס'איז ניטאָ פאַר אים קיין רעטונג: ער מוז ענטוועדער קריגן שמיץ אָדער בעטן רחמנות. זייער שווערע באַדינגונגען. ער וועט אָבער בעסער צונעמען די שמיץ — דאָס מעג אַ קיניג טאָן, — אָבער בעטן זיך — דאָס טאָר אַ קיניג ניט.

מ י י ל ס ה ע נ ד אָ ן האָט אים אָבער אויסגעלייזט פון דער שווערער לאַגע.

— לאָזט דאָס קינד פריי, — האָט ער געזאָגט, — זעט איר ניט, איר האַרצלאָזע הינט, ווי יונג און שוואַך ער איז? לאָזט אים אָפּ — איך וועל פאַר אים צונעמען די שמיץ.

— אָ, דאָס איז אַ גוטער איינפאַל — אַדאַנק דיר דערפאַר — האָט סער ג י ו געזאָגט, און זיין פּנים איז באַלויכטן געוואָרן מיט בייזוויליקער פרייד, — לאָזט דעם קליינעם שלעפּערל לויפן, און גיט דעם יונג אַ טוץ קאַנטשיקעס, אַ רעכטע טוץ, און אָרנטלאַך דערלאַנגט.

דער קיניג האָט שוין געוואָלט אַרויסטרעטן מיט אַ פייערדיקן פּראָטעסט, אָבער סער ג י ו האָט אים אָפּגעשטעלט מיט אַ וויכטיקע באַמערקונג.

— רייד, רייד, און מאַך דיר גרינגער דיין האַרץ, אָבער, זיי וויסן, אַז פאַר יעדעס וואָרט וואָס דו וועסט אויסריידן, וועט ער באַקומען זעקס שמיץ מער.

מען האָט ה ע נ ד אָ נ ע ן אַרויסגענומען פון די קלעצלאַך און אָפּגעדעקט דעם רוקן. ווען מען האָט אים גענומען שמייסן, האָט זיך דער אָרימער קליינער קיניג אָפּגעקערט אָן אַ זייט, און ניט

קיניגלאַכע טרערן האָבן גערונען איבער זיינע באַקן אָן אויפהער.

„אַך מוטיק, גוט האַרץ — האָט ער געקלערט, — דערדאָזיקער נאַבעלער טהאַט וועט קיינמאָל ניט אָפּגעמעקט ווערן פון מיין געדעכעניש. איך וועל עס קיינמאָל ניט פאַרגעסן, דאָס גלייכן וועלן זיי עס ניט פאַרגעסן!" — האָט ער צוגעגעבן מיט היץ.

און וואָס מער ער האָט באַטראַכט העגדאָנס גרויס-מוטיקן טהאַט, אַלץ גרעסער איז ער אויסגעוואַקסן אין זיינע אויגן, און אַלץ דאַנקבאַרער איז ער אים געוואָרן.

„ווער עס פאַרהיט זיין הערשער פון וואונדן און פון מעגלאַכן טויט — און דאָס האָט ער געטאָן פאַר מיר — טוט שוין אַ גרויסע זאַך. אָבער דאָס איז אַ קליינינקייט — ס'איז גאָרניט, אָ, מער ווי גאָרניט, אין פאַרגלייך מיט פאַרהיטן דעם קיניג פון ש אַ נ ד!

העגדאָן האָט קיין פּיפּס ניט געטאָן אונטער די קאַנטשיקעס. ער האָט איבערגעטראָגן די שמיץ מיט די אויסגעהאַלטנקייט פון אַ זעלנער, דאָס, צוזאַמען מיט זיין באַפרייען דאָס יינגל פון שמיץ, נעמענדיק זיי אויף זיך, — האָט גרויסגערופן אַ געוויסן רעספּעקט אַפילו ביי דעם נידריקן און ווילדן המון, וואָס האָט זיך דאָ פאַרזאַמלט. די גלייכווערטלאַך און שפּאָטעריי האָבן אויפגעהערט, און ס'האָט זיך ניט מער געהערט ווי דאָס שווישץ פון די בייטשן. די שטילקייט, וואָס האָט געהערשט ווען מען האָט העגדאָנען צוריק אַוועקגעשטעלט אין זיינע שאַנדקלעצלאַך, איז געווען פונקט דער היפּך פון דעם שפּאָטיקן טומל און גוואַלד, מיט וועלכן ער איז פריער באַגעגנט געוואָרן.

דער קיניג האָט זיך שטיל צוגעשלייכט צו זיין זייט און איינגערוימט אים אין אויער: — קיסרים קענען דיך ניט נאָבעלער מאַכן, דו גרויסע זעל, ווייל דאָס האָט שוין געטאָן דער, וואָס איז העכער פון אַלע מלכים. אָבער דער קיניג קען באַשטעטיקן דיין גרויסמוטיקייט פאַר דער וועלט.

ער האָט זיך אָנגעבויגן צו דער ערד, אויפגעהויבן די בייטש און, אָנרירנדיק מיט איר הענדאָנס צובלוטיקטן רוקן, איינגערוימט:

— עדוואַרד, קיניג פון ענגלאַנד, באַערט דיך מיט דעם טיטל גראַף!

הענדאָן איז געווען גערירט. זיינע אויגן זיינען פול געוואָרן מיט טרערן. אָבער צו דערזעלבער צייט איז די קאָמישע זייט פון דער זאַך אַזוי דייטלאַך אַרויסגעטראָטן פאַר אים, אַז ער האָט זיך קוים איינגעהאַלטן ניט אַרויסצוגעבן עס מיט אַ שמייכל.

מיט איין מאָל דערהויבן ווערן — אַן אויסגעלאַכטער, אַ באַקעטער און אַ געשמיסענער — פון די שאַנד-קלעצלאַך צו דער אַלפן-הויכער מדרגה פון אַ גראַף, — האָט אים אויסגעזען מער ווי קאָמיש — „איצט בין איך אויף אַן אמת באַפליטערט! — האָט ער געקלערט, — דער גייסטן-ריטער פון חלומות-און שאָטנס-קיניגרייך איז געוואָרן אַ גייסטן-גראַף! אַ קאָפּ-שווינדלדיקער פלי פאַר אַ ניט-באַפעדערטן פליגל! אויב דאָס זאָל אַזוי ווייטער אָנגיין, וועל איך אינגיכן זיין באַהאַנגען ווי אַ שטעקן מיט פאַנטאַסטישע ערע-צייכנס און כלומרשדיקע טיטלען. אָבער ווי ווערטלאָז זיי זאָלן ניט זיין, וועל איך זיי דאָך שאַצן, ווייל זיי קומען פון ליבע. בעסער באַקומען דידאָזיקע כלומרשדיקע אָרימע ערע-צייכנס, וואָס קומען אומגעבעטן פון אַ ריין האַנד און אַ גוט האַרץ, איידער אמתע טיטלען, וואָס ווערן געקויפט דורך חניפה און קנעכטשאַפט פון אויסגערעכנטע און ענג-האַרציקע הערצער.

דער גרויזאַמער סער גיו האָט אויסגעקערעוועט זיין פערד און איז אַוועקגעריטן צווישן די צוויי לעבעדיקע ווענט, וואָס האָבן שטיל געמאַכט וועג פאַר אים, און שטיל צוריק געשלאָסן זיך. קיינער איז ניט געגאַנגען אַזוי ווייט צו דערוועגן זיך זאָגן אַ גוט וואָרט פאַרן געפאַנגענעם, אָדער אויסדריקן אים מיטגעפיל, אָבער דאָס, וואָס מען האָט אים ניט אויסגע-

שפּאָט, איז שוין געווען אַ גענוגנדיקער סימן פון רעספּעקט פאַר אים.

ווען איינער וואָס איז שפּעטער אָנגעקומען און האָט ניט געוואוסט וואָס דאָ איז געשען, האָט געפּרובט חוזק מאַכן פון דעם „באַטריגער" און געוואָלט אַ וואָרף טאָן אויף אים אַ געפּגר־טע קאַץ, — האָט מען אים אָן ווערטער אַרויסגעוואָרפן פון צווישן עולם, און ס'איז ווידער שטיל געוואָרן.

ניין־און־צוואַנציקסטער קאַפּיטל.

קיין לאָנדאָן.

ווען הענדאָן איז אָבגעקומען זיין שטראָף ביים שאַנדסלופּ, איז ער באַפרייט געוואָרן און אים איז פאַראָרדנט געוואָרן צו פאַרלאָזן דעם געגנד און קיינמאָל צוריק ניט צו קומען. מען האָט אים אומגעקערט זיין שווערד, זיין אייזל און זיין מויל־אייזל. ער מיטן קיניג האָבן זיך אַרויפגעזעצט און אַוועקגעריטן צווישן דעם עולם, וואָס האָט מיט שטילן רעספּעקט געמאַכט אַ וועג פאַר זיי און פאַרנאַנדערגעגאַנגען זיך, ווי נאָר זיי זיינען אַוועקגעפאָרן.

הענדאָן האָט זיך איינגיכן פאַרטיפט אין זיינע געדאַנקען. ער האָט געמוזט פאַרענטפערן אייניגע וויכטיקע פראַגן: וואָס זאָל ער טאָן? און וואוהין זאָל ער גיין? ער מוז געפינען גרויסע פּראָטעקציע, הילף פון אַ שטאַרקע האַנט, אַז ניט וועט ער זיך מוזן אָפּזאָגן פון זיין ירושה און נאָך בלייבן מיט אַ נאָמען פון אַ באַטריגער אַלס צוגאָב. וואו קען ער האָפן צו געפינען דידאָזיקע הילף? אין דער אמתן, וואו? ס'איז געווען אַ פאַרפלאָנטערטע פראַגע. מיט אַמאָל איז אים איינגעפאַלן אַ געדאַנק, וואָס האָט אים אָנגעוויזן אַ מעגלאַכקייט,—אמת, די ווייטעסטע פון די ווייטעסטע מעגליכקייטן, דאָך איז כדי אַ קלער צוטאָן וועגן דעם, ווען ס'איז סיי ווי סיי קיין אַנדער אויסוועג ניטאָ: ער האָט זיך דערמאָנט וואָס דער אַלטער אַנדריוס האָט געזאָגט וועגן דעם יונגן קיניגס גוטסקייט און זיין באַשיצונג פון אָרימע און געקריוודעטע.

פאַרוואָס ניט פּרובירן דערשלאָגן זיך צו אים און בעטן גערעכטיקייט? אָ, י , אָבער קען אַזאַ אָבגעריסענער בעטלער זיך דערשלאָגן צו אַ מ [illegible]רד? נאָר ס'מאַכט ניט אויס, מען דאַרף דאָס

לאָזן דער נאַטור. ס׳איז אַ בריק, וואָס מען דאַרף אים ניט איבערגיין ביז מען קומט ניט צו אים, צו וואָס ברעכן זיך דעם מח פאַר דער צייט? ער איז אַן אַלטער זעלנער און איז געוויינט צו אַלערליי צופאַלן, וועט ער אין דעם פאַל אויך געפינען אַן אויסוועג. יאָ, אַזוי בלייבט עס: ער וועט זיך אַוועקלאָזן אין דער הויפּטשטאָט. אפשר וועט זיין פאָטערס אַלטער פריינד, סער העמפרי מאַרלאָאו באַהילפיק זיין אים — דער גוטער, אַלטער סער העמפרי, הויפּט-לייטנאַנט פון דעם קיניגס קיך, שטאַלן אָדער ווייס איך וואָס — מיילס האָט זיך ניט געקענט דערמאָנען וועלכעס.

איצט, אַז ער האָט געהאַט וואוהין און אויף וואָס אָנצווענדן זיין ענערגיע, אַ געוויסן ציל אויסצופירן, זיינען די וואָלקנס פון ערנידרונג און דערשלאָגנקייט, וואָס האָבן זיך געוועזן פאַרשפּרייט אויף אים, פאַרשוואונדן און ער האָט אויפגעהויבן זיין קאָפּ און אַרומגעקוקט זיך.

ער האָט זיך פאַרוואונדערט ווי ווייט זיי זיינען שוין פאַרפאָרן. דער קיניג איז נאָכגעפאָרן נאָך אים מיט אַן אַראָפּגעלאָזענעם קאָפּ — אויך פאַרטיפט אין זיינע געדאַנקען און פּלענער. איין זאַך האָט באַאומרואיגט הענדאָנען: וועט דער יינגל וועלן צוריקגיין אין דער שטאָט, וואו ער האָט קיין זאַך, אויסער שלעכטע באַהאַנדלונג און ביטערער נויט קיינמאָל ניט געוואוסט?

דאָס מוז קלאָר געמאַכט ווערן. הענדאָן האָט אָפּגעשטעלט דעם מויל-אייזל און אויסגערופן:

— איך האָב פאַרגעסן צו פרעגן וואוהין מיר פאָרן. וואָס איז דיין באַפעל, מיין האַר?

— קיין לאָנדאָן!

הענדאָן איז געווען צופרידן און צו דערזעלביקער צייט איבערראַשט מיט דעם ענטפער.

די גאַנצע נסיעה איז דורכגעגאַנגען אָן וועלכע עס איז וויכטיקע פאַסירונגען, נאָר געענדיקט האָט זי זיך יאָ מיט איינער. צען אַ זייגער אין אָוונט, דעם ניינצעטן פעוורואַל זיינען זיי אַרויפגעפאָרן אויף לאָנדאָן-בריק צווישן אַ טומלדיקן געדראַנג פון „הוראַ"-שרייענדיקע מענטשן, וועמעס ביר-פריילאַכע פּנימער

האָבן אַרויסגעשיינט צווישן די פלאַמען פון די ברענענדיקע פאַקעלן. אין דערזועלביקער מינוט איז פון דער הויך אַראָפּגעפאַלן דער צעפוילטער קאָפּ פון אַ געוועזענעם הערצאָג אָדער, אַן אַנדער גרויסן מענטשן און, אָפּשלאָגנדיק זיך אָן הענדאָנס עלנבויגן האָט ער זיך אַוועקגעקייקלט אונטער די פיס פון המון. אָט אַזוי פאַרביייגייענד און ניט דויערהאַפט זיינען די מעשים פון מענטשן! דער קיניג איז געשטאָרבן ערשט מיט דריי וואָכן צוריק, איז געלעגן אין קבר ניט מער ווי דריי טעג, און די נאָבעלע באַפּוצונגען, וואָס ער האָט מיט אַזאַ גרויסער מי אויסגעקליבן פאַר זיין גרויסאַרטיקן בריק צווישן די וויכטיקסטע מענטשן פון ענגלאַנד,— האָבן שוין אָנגעהויבן צו פאַלן... אַ בירגער האָט זיך אויסגעגליטשט אָן דעם קאָפּ און איז מיט זיין אייגענעם קאָפּ אַריינגעפאַלן אין אַ פרעמדן רוקן, יענער האָט זיך אומגעקערט און אַ זעץ געטאָן דעם ערשטן, וואָס האָט זיך אים אונטערגערוקט אונטערן האַנט, האָט אים דער חבר פון דעם געשלאָגענעם געגעבן אַ רעשט, נו, און אַ צייט פאַר אַ געשלעג איז איצט געווען די סאַמע פאַסיקע: מאָרגן האָט געדאַרפט פאָרקומען די קרוינונג און אַלע זיינען געווען פאַרשיכורט מיט ביר און פאַטריאָטיזם. אין פינף מינוט אַרום האָט זיך דאָס געשלעג פאַרשפּרייט אויף אַ גרויסן שטח, אין צען אָדער צוועלף מינוט אַרום האָט עס שוין פאַרנומען אַן ערך אַ מייל און איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַן אמתע שלאַכט.

אָט אין דער צייט זיינען הענדאָן און דער קיניג אָפּגעריסן געוואָרן איינער פון דעם צווייטן און זיינען פאַרלאָרן געוואָרן צווישן דעם טומל און געשריי פון דעם רעשדיקן המון.

און דאָ וועלן מיר זיי איבערלאָזן.

דרייסיקטער קאַפּיטל.

טאָמס ערפּאַלג.

אין דער צייט, וואָס דער אמתער קיניג האָט זיך אַרומ־געוואַלגערט איבערן לאַנד אָפּגעריסן, הונגעריק, דאָ געשלאָגן און אויסגעשפּאָט פון שלעפּערס און באַנדיטן, דאָרט געזעסן אין גע־פענגעניש מיט גנבים און מערדער און פון יעדערן אָנגענומען פאַר אַ אידיאָט און אַ משוגענעם, — אין דערוזעלביקער צייט האָט דער כּלומרשטדיקער קיניג ט אָ ם ק ע נ ט י איבערגעלעבט גאָר עפּעס אַנדערש.

ווען מיר האָבן אים צום לעצטן מאָל געזען, האָט דאָס קיניגן ערשט אָנגעהויבן צו ווייזן אים אַ ליכטיקע זייט. דידאָזיקע ליכטיקע זייט האָט זיך מיט יעדן טאָג אַלץ מער און מער פאַר־ברייטערט און איז אין אַ קורצער צייט געוואָרן בלויז גלאַנץ און זונענשיין. ער האָט אויפגעהערט צו שרעקן זיך; זיין אומגעשיקט־קייט און דער געפיל פון אומבאַקוועמלאַכקייט זיינען פאַרשוואונדן און האָבן אָפּגעטראָטן דעם אָרט פאַר לייכטקייט און זיכערקייט. ער האָט אויסגענוצט דעם שמייס־ייִנגלס קוואַל ביז צום גרונט.

האָט זיך אים פאַרגלוסט שפּילן אָדער פאַרווײַלן זיך, האָט ער איינגעלאַדן די פּרינצעסין ע ל י ז אַ ב ע ט און ד ז ש ע נ י ג ר י י: האָבן זיי אים דערעסן, האָט ער זיי אָפּגעשיקט מיט דער מינע פון אַ מענטשן, וואָס איז געוואוינט צו אַזעלכע זאַכן, און ער איז שוין מערניט געקומען אין פאַרלעגנהייט, ווען זיי האָבן אים פאַרן אוועקגאַנג געקושט די האַנט.

אים האָט שוין אָנגעהויבן געפעלן צו ווערן דער פאַראַד וואָס מען פלעגט מאַכן ביים לייגן אים שלאָפן בייננאַכט, און די

צערעמאָניע פון אָנטאָן אים אינדערפרי. ער האָט אָנגעהויבן צו
פילן אַ שטאָלצע באַפרידיקונג פון גיין צו מיטאָג, אַרומגערינגלט
מיט אַ גלענצנדער סוויטע, באַגלייט פון אַן ערן־וואַך, — ס'איז אים
אויף אַזויפיל געפעלן געוואָרן, אַז ער האָט פאַרדאָפּלט די צאָל
פון די ערן־וועכטער ביז אַ הונדערט. ער האָט ליב געהאַט צו
הערן די טראָמפּייטן־סיגנאַלן און דעם אויסרוף: „מאַכט וועג
פאַרן קיניג!"

אים האָט אַפילו אָנגעהויבן צו געפעלן די פאַראַדנע רע=
גירונגס=זיצונגען, דאָס זיצן בעת מעשה אויפן טראָן און די מעג=
לאַכקייט צו באַווייזן, אַז ער איז עפּעס מער ווי אַ פּשוטער אַוו=
טאָמאַט, וואָס גיט איבער דעם לאָרד=רעגענטס ווערטער. ער
האָט ליב געקראָגן אויפצונעמען אויסלענדישע געזאַנדטע מיט
זייערע גלענצנדע סוויטעס און אויסהערן די פריינדלאַכע באַגריי=
סונגען אין נאָמען פון זייערע באַרימטע מלכים, וואָס האָבן אים
גערופן „ברודער".

אָ, גליקלאַכער טאָם קענטי פון שמוץ=הויף!

ער האָט הנאה געהאַט פון זיינע פּראַכטיקע קליידער און
האָט באַשטעלט נאָך. ער האָט געפונען, אַז פיר הונדערט דינער
זיינען ניט גענוג פאַר זיין שטאַט און ער האָט זייער צאָל פאַר=
דרייפאַכט. די חניפה פון די בוקנדיקע הויף=לייט האָט אָנגעהויבן
צו קלינגען אין זיינע אויערן ווי די זיסטע מוזיק. ער איז פאַר=
בליבן צאַרט און פריינדלאַך, און אַ פעסטער און אַנטשלאָסענער
באַשיצער פון אָרימע און אונטערדריקטע. ער האָט אָנגעפירט
אַ ביטערע מלחמה מיט אומגערעכטע געזעצן. דאָך, ווען עמיצער
ון די הויף=לייט האָט אים אָנגערירט מיט אַ וואָרט אָדער ווי=
דערשפעניקט, פלעגט ער וואַרפן אַזאַ בליק אויף אַ גראַף אָדער
אַפילו אויף אַ הערצאָג, אַז יענער פלעגט פאַרציטערט ווערן.
איינמאָל, ווען זיין שטרענג־הייליקע „שוועסטער" מערי האָט מיט
אים גענומען אייגטענהן קעגן זיין פּאָליטיק פון באַפרייען אַזוי=
פיל מענטשן, וואָס וואָלטן געדאַרפט פאַרשפאַרט ווערן אין גע=
פענגעניש, געהאַנגען אָדער פאַרברענט ווערן, און האָט אים דער=
מאָנט אַז אין זייער קיניגלאַכן פאָטערס טורמעס זיינען צייטנ=

ווייז געזעסן ביז זעכציק טויזנט פאַראורטיילטע און, אַז אין פאַרלויף פון זיין הערלאַכער רעגירונג האָט ער איבערגעגעבן צוויי-און-זיבעציק טויזנט גנבים און רויבער צום תלין, — איז דאָס יינגל געוועזן אויסער זיך פון אויפרעגונג און האָט איר באַפוילן צו גיין צו איר אין צימער און בעטן גאָט, ער זאָל איר געבן אַ האַרץ, אָנשטאָט דעם שטיין, וואָס עס ליגט אין איר ברוסט.

האָט זיך טאָם קענטי ניט באַאומרואיקט וועגן דעם אומגליקלאַכן אמתן קליינעם פּרינץ, וואָס איז מיט אַזאַ היץ אַרויסגעלאָפן נוקם זיין זיך מיט דעם וועכטער, וואָס האָט באַליידיקט אים, דעם אָרימען שלעפּער? — יאָ, זיינע ערשטע קיניגלאַכע טעג זיינען געווען גענוג פאַרביטערט מיט דעם געדאַנק וועגן דעם פאַרשוואונדענעם פּרינץ, מיט אַ וואונטש ער זאָל זיך אומקערן און גליקלאַך פאַרנעמען דעם אָרט און די רעכט, וואָס אים געהערט. אָבער טעג זיינען פאַרבייגעגאַנגען און דער פּרינץ האָט זיך ניט אומגעקערט, טאָמס געדאַנקען זיינען אַלץ מער און מער פאַרנומען געוואָרן מיט די נייע באַצויבערישע איבערלעבונגען און אַלץ ווייניקער און ווייניקער מיט דעם פאַרשוואונדענעם פּרינץ. און ווען ער האָט זיך יאָ אַמאָל אָן אים דערמאָנט, איז ער פאַר אים געווען אַן אומגעווינשטער גייסט פון יענער וועלט, מחמת טאָם פלעגט זיך בעת-מעשה פילן ניט גוט און פאַרשעמט.

טאָמס אָרימע מוטער און שוועסטער זיינען אויך פאַרגעסן געוואָרן. צום אָנהויב האָט ער געבענקט נאָך זיי, געגאַרט צו זען זיי; אָבער שפּעטער, האָט דער געדאַנק, אַז זיי קענען ווען עס איז קומען אין זייערע שמוציקע שמאַטעס און אַרויסגעבן אים מיט זייערע קושן און אַראָפּשלעפּן אים פון זיין דערהויבנקייט צוריק צו אָרימקייט, דערנידערונג און שמוציקע חורבות, — געמאַכט אים שוידערן, אָבער ביסלעכווייז האָבן זיי אינגאַנצן אויפגעהערט צו באַאומרואיקן זיינע געדאַנקען, און ער איז געווען צופרידן, כמעט גליקלאַך, וואָרים ווען נאָר זייערע טרויעריקע און באַשולדיקנדיקע פּנימער פלעגן אַרויסטרעטן פאַר זיינע אויגן, פלעגט ער זיך אַליין פאַראַכטן מער ווי דעם וואָרים, וואָס פויזעט אויף דער ערד.

דעם נײַנצעטן פעווראַל אום האַלבע נאַכט, האָט טאָם קענטי אײַנגעשלאָפן אין פּאַלאַץ אויף זײַן רײַכער בעט, באַוואַכט פון געטרײַע קנעכט און אַרומגערינגלט מיט קיניגלאַכן לוקסוס, פילנדיק זיך אַ גליקלאַך יינגל: מאָרגן האָט ער באַדאַרפט געקרוינט ווערן אַלס קיניג פון ענגלאַנד.

אין דערזעלביקער שעה איז עדואַרד, דער אמתער קיניג — אַ הונגעריקער און אַ דורשטיקער, פאַרשמירט און פאַרשמוצט, אַן אָפּגעריסענער און אַן אָפּגעפליקטער — אַ רעזולטאַט פון דעם גרויסן געשלעג — געשטאַנען אײַנגעקוועטשט צווישן אַ מענגע מענטשן, וואָס האָבן מיט גרויס אינטערעס צוגעקוקט ווי קאָמפּאַניעס אַרבעטער גייען אַרײַן און אַרויס פון וועסטמינסטער קירך און אַרבעטן פלײַסיק, מאַכנדיק די לעצטע פאָרבערייטונגען צו דער קיניגלאַכער קרוינונג.

איין־און־דרייסיקטער קאַפּיטל.

די קרוינונגס־פּראָצעסיע.

ווען טאָם קענטי האָט זיך אינדערפרי אויפגעכאַפּט, האָט אַלץ אַרום אים געלעבט און באַוועגט זיך. דער טומל האָט געקלונגען אין זיינע אויערן ווי מוזיק, ווייל דאָס האָט באַטייט, אַז גאַנץ ענגלאַנד האָט אַרויסגעשאָטן אויפן גאַס צו באַגריסן דעם דאָזיקן גרויסן טאָג.

אין גיכן האָט טאָם ווידער געדאַרפט זיין די הויפּט־פּערזאָן פון אַ וואונדערפולער פּראָצעסיע איבער דער טעמז, ווייל נאָכדעם אַלטן מנהג האָט די „אָנערקענונגס־פּראָצעסיע״, וואָס קומט פאָר פאַר דער קרוינונג פון אַ קיניג, — געדאַרפט אָנהויבן זיך פון „לאָנדאָן־טאַוער״ (לאָנדאָנער פעסטונג) און דורכגעענדיק די גאַנצע שטאָט, צוריקקומען אַהין.

ווען טאָם איז אַהין אָנגעקומען, האָבן די ווענט פון דער אַלטער פעסטונג ווי געפּלאַצט אין טויזנד ערטער מיט איין מאָל, און פון יעדער שפּאַרונע האָבן אַ שפּאַר געטאָן רויטע צינגער פלאַמען און ווייסע זיילן רויך. ס'האָט זיך דערהערט אַ מוראַדיקער אויפרייס פון פייערווערק, וואָס האָט פאַרטויבט די פרייד־אויסגעשרייען פון המון און געמאַכט ציטערן די ערד. די סנאָפּעס פייערן, די אויפרייסן און די באַגריסונגען האָבן זיך ווידערהאָלט מיט אַ גוואַלדיקער קראַפט און שנעלקייט, אַזוי אַז אין גיכן איז די גאַנצע פעסטונג איינגעהילט געווען אין געדיכטן רויך, אַחוץ דעם „ווייסן טורם״, וואָס איז אַרויסגעטראָטן מיט זיין שפּיץ און פלאַטערדיקע פאָנען אויף אים, ווי דער שפּיץ פון אַ באַרג איבער די וואָלקנס

טאָם קענטי האָט געריטן אויף אַ פּראַכטיקן ריין-בלוטיקן רייט-פערד, ביי וועלכן די רייכע באַפּוצונגען האָבן דערגרייכט כמעט ביז דער ערד. זיין „פּעטער", דער לאָרד-רעגענט סאָ-מערעסט, אויך אויף אַ זעלטענעם קריגס-פערד, איז אים נאָכגע-ריטן פון הינטן. פון ביידע זייטן זיינען געריטן צוויי שורות קיניג-ליכע גוואַרדיע, באַהאַנגען מיט בלישטשענדיק געווער. נאָך דעם רעגענט האָט זיך אָן אַ סוף געצויגן אַ פּראָצעסיע פון אַדעליקע מיט זייערע וואַסאַלען. נאָך זיי איז געפאָרן דער לאָרד-מער מיט די שטאָטישע ראַט-מענער אין סאַמעטענע פּורפּור-מאַנטלען מיט גאָלדענע קייטן אויף זייערע ברוסטן. דערנאָך זיינען געגאַנגען די באַאַמטע און מיטגלידער פון אַלע לאָנדאָנער גילדעס אין רייכע קליידער, טראָגנדיק שניי-ווייסע פאָנען פון אַלערליי קאָרפּאָראַציעס. אין דער פּראָצעסיע איז אויך געגאַנגען אַ באַזונדער ערן-וואַך פון דער „אַלטער און געאַכטער ראָטע אַרטילעריע," וואָס האָט שוין עקזיסטירט דריי הונדערט יאָר און וואָס איז געווען די איינציקע מיליטער-אָפּטיילונג מיט דער פּריווילעגיע ניט צו זיין אָפּהענגיק פון פּאַרלאַמענט" (און וואָס האָט די פּריווילעגיע ביז היינטיקן טאָג). דאָס איז געווען אַ פּראַכטיק בילד און איז באַגעגנט געוואָרן מיט באַ-גריסונגען און אויסרופן די גאַנצע צייט וואָס די פּראָצעסיע האָט זיך באַוועגט צווישן דעם גוואַלדיקן געזעמל פון בירגער.

דער כראָניק-שרייבער דערציילט:

„ווען דער קיניג איז אַריינגעפאָרן אין שטאָט, איז ער אויפ-גענומען געוואָרן פון דער באַפעלקערונג מיט תּפילות, מיט ברכות, מיט באַגריסונגס-אויסרופן, מיט צערטלאַכע ווערטער און מיט אַלע צייכנס פון אמתער ליבע פון געטרייע אונטערטאַנער צו זייער קיסר. און דער קיניג, אומקערנדיק זיין צופרידענעם פּנים צו די, וואָס זיינען געווען ווייט פון אים און וועגנדיק זיך מיט העכסט פריינדלאַכע ווערטער, די, וואָס זיינען געשטאַ-נען נאָענט פון אים. — האָט ער אַרויסגעוויזן, אַז ער איז ניט ווייַ-ניקער גליקלאַך אָנצונעמען דאָס פאָלקס אויסדרוק פון ליבשאַפט, ווי דאָס פאָלק אויסצודריקן עס. אַלע, וואָס האָבן אים געוואונטשן אַלדאָס גוטס, האָט ער האַרציק געדאַנקט און די, וואָס האָבן אים

געבענטשט מיט די ווערטער: „גאָט באַשיץ זיין גנאָד!“, — האָט ער צוריק געענטפערט מיט אַ ברכה: גאָט זאָל אייך אַלעמען באַשיצן!“ און צוגעגעבן, אַז „ער דאַנקט זיי פון גאַנצן האַרצן“. דאָס פאָלק איז געווען אַנטציקט פון זייער קיניגס ליבענס־ווירדיקע ענטפערס און האַנט־באַוועגונגען“.

אין פענטשערטש גאַס איז „אַ שיין קינד אין פּראַכטיקע קליידער“ געשטאַנען אויף אַן עסטראַדע און באַגריסט דעם קיניג מיט אַ שיר, וואָס האָט זיך געענדיקט מיט די ווערטער:

„זיי באַגריסט, אָ, קיניג, ווי ווייט אַהאַרץ קען נאָר פילן,
זיי ווידער באַגריסט, ווי ווייט אַ צונג קען נאָר זאָגן.
באַגריסט זיי פון ציינגער און הערצער. וואָס ווען קיינמאָל
נית פעלשן.
מיר בעטן ביי גאָט ער זאָל דיך באַשיצן
און ווינטשן דיר אייביקן גליק“

דאָס פאָלק האָט אויסגעבראָכן אין אַ צופרידענעם דונער-געשריי און האָט איבערגעחזרט דאָס קינדס לעצטע פערז. טאָם קענטי האָט געקוקט אויף דעם ים באַוועגדיקע און פריידיקע פנימער און האָט געטראַכט. אַז דאָס איינציקע צוליב וואָס ס׳איז כדי לעבן אויף דער וועלט, איז צו זיין אַ קיניג און דער ליבלינג פון אַ פאָלק. מיטאַמאָל האָט ער פונווייטן דערזען צוויי פון זיינע שמוץ-געסל חברים. איינער פון זיי איז געווען לאָרד־אַדמיראַל פון זיין אַמאָליקער פאַנטאַסטישער מלוכה און דער צווייטער איז געווען לאָרד הויפּט־קאַמערדינער פון דעם פאַנטאַסטישן „קייזערלאַכן הויף“.—אָ, ווען זיי וואָלטן אים איצט געקענט דערקענען! וואָס פאַר אַן אויסערגעווייגלאַכער גליק דאָס וואָלט געווען, ווען זיי וואָלטן אים געקענט דערקענען און זען, אַז דער אַמאָליקער אויסגעשפּאָטער שפּיל־„קיניג“ פון די חורבות און הינטער-געסלאַך איז איצט אַן אמתער קיניג, וואָס ווערט באַדינט פון הערצאָגן און פּרינצן ווי פון געוויינלאַכע קנעכט און ביי וועמען גאַנץ ענגלאַנד ליגט צו די פיס! אָבער ער האָט זיך געמוזט איינהאַלטן און פאַרשטיקן אין זיך דעם פאַרלאַנג, וואָרים די דערקענונג וואָלט אים געקענט קאָסטן מער וויפל דאָס פאַרגעניגן איז ווערט.

ער האָט זיך אָפּגעקערט און געלאָזן די צוויי אָפּגעריסענע יינגלאַך ווייטער צערייסן זיך שרייענדיק, ניט חושד זייענדיק וועמען זיי באַגריסן עס אַזוי הייס און פריידיק.

פון צייט צו צייט האָט זיך פון המון געטראָגן אַ געשריי: „אַ מתנה! אַ מתנה!" טאָם האָט יעדעס מאָל אַ שאָט געטאָן אַ הויפן בייאינקע שייַנענדיקע מטבעות און דער עולם האָט זיך אַ וואָרף געטאָן כאַפּן.

דער כראָניק-שרייבער דערציילט:

„אין אָנהייב פון גרייסטשערטש-גאַס, פאָרן אָדלער, האָט די שטאָט אויפגעבויט אַ מוראדיק גרויסן טריאומף-טויער, אונטער וועלכן עס האָט זיך איבער די גאַנצע ברייט פון דער גאַס געצויגן אַן עסטראַדע. אויפן טריאומף-טויער איז געווען אַ היסטאָריש בילד פון דער קיניגלאַכער-הויז. דאָ איז געווען פאָרגעשטעלט די פיגור פון דער קיניגין עליזאַבעט פון יאָרק אינמיטן פון אַ גיגאַנטישער רויז, די בלעטלאַך פון וועלכער ס'האָבן זי אַרומגענומען ווי מיט אַ ראַם. לעבן איר האָט אַרויסגעקוקט פון אַ רויטער רויז הענרי דער זיבעטער. די הענט פון דער קיניגלאַכער פּאָר זייגן געווען פאַראייניקט און אויף זייערע פינגער האָבן זיך געזען די קדושן-פינגערלאַך. פון דער ווייסער און רויטער רויז האָט זיך אויפגעהויבן אַ שטענגל צו אַ צווייטן עטאַזש אויף וועלכן עס האָט פון אַ רויט-ווייסער רויז אַרויסגעקוקט הענרי דער אַכטער מיט דעם נייעם קיניגס מוטער אַננאַ סיימיור, ביי זיין זייט. פון דערדאָזיקער פּאָר האָט אַרויסגעשפּראָצט אַ צווייגל, וואָס האָט דערגרייכט אַ דריטן שטאָק, וואו ס'איז געווען פאָרגעשטעלט די געשטאַלט פון עדוואַרד דעם זעקסטן אַליין, זיצנדיק אויפן טראָן אין קייזערלאַכן גלאַנץ. דאָס גאַנצע בילד, איז געווען אַרומגענומען מיט אַ ראַם פון רויטע און ווייסע רויזן".

דערדאָזיקער זעלטענער און פּראַכטיקער בילד האָט אַריינגעבראַכט דעם עולם אין אַזאַ התפעלות, אַז די אויסגעשרייען האָבן אינגאַנצן פאַרטויבט די שטים פון דאָס קינד, וואָס האָט אין שירים דערקלערט די באַדייטונג פון דעם בילד. אָבער טאָם

קענטי האָט דערפון קיין עגמת־נפש ניט געהאַט, ווייל די באַגריסונגען און פרייד־אויסגעשרייען פון פאָלק איז געווען אַ זיסערע מוזיק פאַר אים ווי די בעסטע פּאָעזיע. ווען טאָם האָט אומגעקערט זיין יונג גליקלאַך פּנים צום פאָלק, זיינען אַלע איבעראַשט געוואָרן פון דער ענלאַכקייט צווישן דעם לעבעדיקן קיניג און זיין גיפּסענעם געשטאַלט, און נייע שטורימדיקע באַגריסונגען האָבן זיך געטראָגן פון אַלע זייטן.

די פייערלאַכע פּראָצעסיע האָט זיך באַוועגט ווייטער און ווייטער, פון איין טריאומף־טויער צום צווייטן, פאַרביי צאָללאָזע לעבעדיקע און סימבאָלישע בילדער, וואָס האָבן פאַרגעשטעלט אָדער געריימט דעם קליינעם קיניגס מעלות, טאַלאַנטן אָדער פאַרדינסטן. „פון יעדער דאַך און יעדער פענסטער — דערציילט דער כראָניק־שרייבער, — זיינען אַראָפּגעהאַנגען פאָנען און פלאַגן; די רייכסטע טעפּיכער, שטאָפן און גאָלד־געשטריקטע געוועבן האָבן באַפּוצט די הייזער — מוסטערן פון די גרויסע עשירות, וואָס געפינט זיך אינעווייניק. דידאָזיקע פּראַכט איז געווען אויף אַנדערע גאַסן אויך און אויף אייניקע האָט עס נאָך איבערגעשטייגט”.

„און אָט די אַלע וואונדערס און זעלטנהייטן זיינען אַלץ פון מיינטוועגן!” — האָט טאָם קענטי געמורמלט צו זיך אַליין.

דעם כלומרשטיקן קיניגס באַקן האָבן געפלאַקערט פון אויפרעגונג, די אויגן האָבן געפינקלט און אינגאַנצן איז ער געשוואומען ווי אין אַ פאַנטאַסטישן חלום. אין דערדאָזיקער מינוט, ווען ער האָט אויפגעהויבן זיין האַנט און געקליבן זיך אַ שאָט טאָן אַ פרישן הויפן מטבעות אין המון, — האָט זיין אויג באַמערקט אַ בלאַס, איבערראַשט פּנים, וואָס האָט זיך געריסן פון די היינטערשטע ציילן פאָראויס מיט די אויגן צוגעשמידט צו אים. ער האָט דערקענט זיין מוטער! און זיין האַנט, מיט דער אינעווייניקסטער זייט אַרויס, האָט אַ פלי געטאָן צו זיינע אויגן, — אַן אַלטע, ניט ווילנדיקע באַוועגונג, וואָס איז געקומען פון אַ לאַנג פאַרגעסענעם צופאַל און איז געוואָרן אַן אייביקע געוויינהייט. אין אַ מינוט אַרום, האָט זי זיך דורכגעדרונגען צווישן עולם, פאַרביי געלאָפן די וואַך און אַרומכאַפּנדיק זיין פוס, באַדעקט מיט

קושן, שרייענדיק: „אָ מיין קינד, מיין טייערער!", אויפהייבנדיק צו אים דעם פּנים, וואָס האָט געלויכטן מיט פרייד און ליבע.

אין דעמזעלביקן מאָמענט האָט אַן אָפיצער פון דער קיניגלאַכער גוואַרדיע אַ כאַפּ געטאָן די פרוי און, מיט אַ זידלוואָרט אַ שליידער געטאָן זי מיט אַזאַ קראַפט, אַז זי איז אָפּגעפלויגן צו דעם אָרט, פונוואַנען זי איז געקומען. „איך קען דיך ניט, פרוי"—זיינען געווען די ווערטער, וואָס האָבן זי באַגלייט, בעת זי איז אָפּגעוואָרפן געוואָרן פון אים. אָבער עס האָט אים פאַרדריקט דאָס האַרץ, זעענדיק ווי מען באַהאַנדלט זי. און ווען זי האָט צום לעצטן מאָל, איידער זי איז פאַרשלונגען געוואָרן צווישן געדיכטן המון, געוואָרפן אויף אים אַ בליק, — האָט זי אויסגעזען אַזוי באַליידיקט, אַזוי נידערגעשלאָגן און צעבראָכן, אַז ער האָט ניט געוואוסט, וואו אַהינצוטאָן זיך פון חרפּה. זיין גאַנצער שטאָלץ איז געוואָרן צו אַש און זיין געגנבעטע קיניגלאַכע גרויסקייט איז פאַרוועלקט געוואָרן. דער גאַנצער כּבוד האָט פאַרלאָרן זיין ווערט. עס האָט אויסגעזען, ווי אַלץ וואָלט פון אים אַראָפּגעפאַלן ווי איבערגעפוילטע שמאַטעס.

די פּראָצעסיע האָט זיך ווייטער באַוועגט צווישן דער אַלץ פאַרגרעסערטער הערלאַכקייט און וואַקסנדיקע דונערן פון באַגריסונגען, אָבער טאָם קענטיק האָט שוין קיינזאַך ניט געהערט און ניט געזען, ווי זיי וואָלטן גאָר אויף דער וועלט ניט געווען. די קיניגלאַכע קרוין האָט פאַר אים פאַרלאָרן איר פּראַכט און גלאַנץ און דער גאַנצער פּאַראַד איז געווען ווי אַ פאָרוואורף פאַר אים. חרטה האָט אויסגעגעסן זיין האַרץ און ער האָט געטראַכט, ווי אין די ערשטע טעג פון זיין געפאַנגענשאַפט: „הלוואַי העלפט מיר גאָט צו באַפרייען זיך פון דער תּפיסה".

די פּראַכטיקע פּראָצעסיע האָט זיך ווי אַן ענדלאָזער, גלענצנדער שלאַנג געצויגן איבער די געדרייטע גאַסן און געסלאַך פון דער אייגנאַרטיקער אַלטער שטאָט, צווישן דער טומלדיקער באַפעלקערונג. אָבער דער קיניג איז געפאָרן מיט אַן אַראָפּגעבויגענעם קאָפּ און אַראָפּגעלאָזענע אויגן, וואָס האָבן נאָר גע-

זען זיין מוטערס פנים מיט דעם אויסדרוק פון טיפער באַליידי־קונג אין אים.

— אַ געשאַנק, אַ מתּנה! — האָט געשריען דער המון.

אָבער דער געשריי איז געפאַלן ווי אין אַ וויסטע, — טאָם איז געווען גלייכגילטיק־טויב צו אַלץ.

— לאַנג לעבן זאָל עדוואַרד, קיניג פון ענגלאַנד! האָט אַ דונער געטאָן, ווי די ערד וואָלט געפּלאַצט, אָבער דער קיניג האָט ניט געענטפערט אויף דער באַגריסונג. ער האָט עס געהערט ווי איינער הערט דעם געררויש פון ים־כוואַליעס, ווען זיי קומען פון ערגעץ זייער ווייט, ווייל די קולות זיינען פאַרטויבט געוואָרן מיט אַן אַנדער קול, וואָס איז געקומען פון אַ סך נענטער — פון זיין אייגן געוויסן און וואָס האָט כּסדר ווידערהאָלט: „איך קען דיך ניט, פרוי!"

דידאָזיקע ווערטער האָבן געקלונגען אין דעם קיניגס אויערן, ווי דער קלאַנג פון אַ לוויה־גלאָק קלינגט אין די אויערן פון איינעם, וואָס ווייס, אַז ער האָט באַגאַנגען אַ גרויסע עוולה קעגן דעם געשטאָרבענעם.

אויף יעדער ווינקל האָבן זיך אַנטפּלעקט נייע פּראַכטן, נייע וואונדער, נייע איבערראַשונגען זיינען אַרויסגעשפּרונגען פאַר די אויגן; אַ שיסעריי פון האַרמאַטן האָט געמאַכט ציטערן די ערד, נייע באַגריסונגען און פרייד־געשרייען האָבן זיך געריסן פון טויזנטער מיילער, אָבער דער קיניג האָט בלויז געהערט איין קול — דעם באַשולדיקונגס־קול פון זיין האַרץ, וואָס האָט ניט געקענט געטרייסט ווערן.

ביסלאַכווייז איז ביי דער באַפעלקערונג פאַרשוואונדן די צופרידנקייט פון די פּנימער און האָט זיך פאַרביטן מיט אַן אויסדרוק פון זאָרג און אומרואיקייט. די באַגריסונגען האָבן אָנגעהויבן אָפּגעשוואַכט צו ווערן. צייטנווייז האָבן די באַגריסונגען אינגאַנצן אויפגעהערט. דער לאָר־רעגענט האָט עס באַלד באַמערקט און ער האָט גלייך פאַרשטאַנען די סיבה דערפון אויך. ער איז צוגעריטן צום קיניג, נידעריק אָנגעבויגן זיך אין זיין זאָטל און אַראָפּגענומענדיק זיין הוט, געזאָגט:

— מיין קיניג, איצט איז ניט קיין צייט צו פאַנטאַזירן.

דאָס פּאָלק באַמערקט דיין אַראָפּגעלאָזענעם קאָפּ, דיין פאַרטונקלטן פּנים און נעמט עס אָן פאַר אַ שלעכטן סימן. פּאָלג מיין ראָט: אַנטפּלעק דיין קיניגלאַכע זון און זאָל זי אויפשיינען איבער די וואָלקנס פון פאַרגעפּיל און צעשטרייען זיי. הייב אויף דיין קאָפּ און שמייכל צום פּאָלק.

אַזוי ריידנדיק, האָט דער הערצאָג אַ שאָט געטאָן אַ הויפן מטבעות רעכטס און לינקס און איז אָפּגעריטן אויף זיין אָרט. דער כּלומרשטיקער קיניג האָט געטאָן ווי מען האָט אים געהייסן. זיין שמייכל האָט אין זיך קיין לעבן ניט געהאַט, אָבער עס זיינען ניט געווען קיין סך אויגן נאָנט גענוג אָדער שאַרף גענוג צו באַמערקן עס. די נייגונגען פון זיין באַפּעדערטן קאָפּ, ווען ער האָט געענטפערט זיינע אונטערטאַנער אויף זייערע באַגריסונגען, זיינען פול געווען מיט אַזויפיל גראַציע און גנאָדיקייט, די מתנות, וואָס ער האָט געוואָרפן אין המון, זיינען געווען אַזוי קיניגלאָך רייך, אַז דאָס פּאָלק האָט באַלד פאַרגעסן אָן זיין אומרואיקייט און האָט ווידער אויסגעבראָכן אין מעכטיקע אויסגעשרייען ווי פריער.

דאָך אַ ביסל פריער, איידער די פּראָצעסיע האָט זיך געענדיקט, האָט דער הערצאָג געמוזט נאָך אַמאָל צורייטן צום קיניג און דערמאָנען אים:

— אָ, גרויסער קיניג! טרייסלט אָפּ פון זיך דעמדאָזיקן אומגליקלאַכן אומעט! די אויגן פון דער גאַנצער וועלט זיינען געווענדט אויף אייך. דער טייוול האָט געמעגט נעמען די משוגענע בעטלערקע, דאָס האָט זי צעשטערט די שטימונג פון אייער מאַיעסטעט! — האָט ער מיט פאַרדרוס צוגעגעבן.

דער אויסגעפּוצטער „קיניג" האָט אַ קוק געטאָן אויף דעם הערצאָג מיט אויסגעלאָשענע אויגן און האָט מיט אַ טויטן קול געזאָגט:

— דאָס איז געווען מיין מוטער!

— גאָט מיינער! האָט אויסגעקרעכצט דער רעגענט, אָפּהאַלטנדיק דעם פערד אויף צוריק. — דער סימן איז געווען אַ נביאות: ער איז ווידער משוגע געוואָרן!...

צווײ־און־דרײסיקסטער קאַפּיטל.

דער קרױנונגס־טאָג.

לאָמיר זיך אומקערן און לאָמיר פאַרנעמען אַן אָרט אין װעסטמינסטער־קירך פיר אַ זײגער אינדערפרי אין דעם היסטאָרישן קרױנונגס־טאָג. מיר װעלן דאַרפן ניט זײן אַלײן: כאָטש ס'איז נאָך שטאָק־פינסטער, פונדעסטװעגן זײנען שױן די פּאַקעל־באַלױכטענע גאַלערײען פול מיט מענטשן, װאָס זײנען צופרידן צו זיצן זיבן אָדער אַכט שעה ביז זײ װעלן זען אַ זאַך, װאָס קען זײ ניט אױסקומען צו זען נאָך אַמאָל אין זײער לעבן — די קרױנונג פון אַ קיניג. יאָ, לאָנדאָן און װעסטמינסטער זײנען שױן פון דרײ אַ זײגער בײנאַכט אָן אויף די פיס. רײכע מענטשן, װאָס האָבן אָבער ניט געהאַט קײן טיטלען, האָבן פאַר געלט געקױפט זיך פּלעצער אין דער גאַלערײ, האָבן זיך אױפגעהױבן מיטן ערשטן האַרמאַטן־שאָס דרײ אַ זײגער בײנאַכט און האָבן איצט געאײלט צו פאַרנעמען זײערע ערטער.

די שעהן האָבן זיך געצױגן גענוג לאַנגזאַם. יעדע באַװעגונג האָט שױן פון אַ געװיסע צײט אױפגעהערט, מחמת די גאַלערײען זײנען שױן לאַנג פול געפּאַקט. מיר קענען איצט זיצן רואיק און צוקוקן, און באַטראַכטן יעדער זאַך גאַנץ געלאַסן. אין דער טונקלקײט פון דער קירך קענען מיר כאַפּן אַ קוק אױף אײניקע טײלן פון די גאַלערײען און באַלקאָנען, װאָס זײנען געפּאַקט מיט מענטשן, אין דער צײט, װאָס אַנדערע טײלן זײנען פון אונז פאַרשטעלט מיט זײלן און װענטלאַך. מיר זעען פאַר זיך די גאַנצע צפון־זײט פון דער קירך, װאָס שטײט לײדיק און װאַרט אױף די יחסנים און אַריסטאָקראַטיע פון ענגלאַנד. מיר

זעען אויך די גרויסע, מיט טייערע שטאָפֿן באַדעקטע, עסטראַדע, אינמיטן פֿון וועלכער עס שטייט דער טראָן, צו וועלכן עס פֿירן פֿיר טרעפּלאַך. אין געזעס פֿון טראָן איז אײַנגעפּאַסט אַ פּראָסטער פּלאַכער שטיין, אויף וועלכן עס זײַנען געקרוינט געוואָרן אַ סך דורות שאָטלענדישע קיסרים, און דער שטיין איז מיט דער צייט געוואָרן גענוג הייליק, ער זאָל דינען פֿאַר ענגלישע קיסרים אויך. דער טראָן און דאָס פֿוס־בענקל זײַנען געווען באַדעקט מיט גאָלד־שטאָף.

אין קירך הערשט אַ שטילקייט; די פֿאַקעלן לייכטן טונקל, די צייט ציט זיך לאַנגזאַם. נאָר צום סוף קומט אָן דער פֿאַרשפּעטיקטער פּרימאָרגן, די פֿאַקעלן ווערן אויסגעלאָשן און אַ ווייכע ליכטיקייט צעגיסט זיך איבער דער גרויסער קירך. אַלע שטריכן און קאָנטורן פֿון דער נאָבעלער געבײַדע טרעטן איצט אַרויס, אָבער ניט שאַרף, נור ווייך און פֿאַרחלומט, ווײַל די זון איז אַ ביסל פֿאַרהילט אין וואָלקנס.

זיבן אַ זייגער ווערט צום ערשטן מאָל געבראָכן די לאַנגווײַליקייט, ווײַל ווי נאָר דער זייגער האָט געשלאָגן זיבן, איז אין צפֿון־טייל פֿון קירך אַרײַן די ערשטע אַדל־פֿרוי, פֿאַרפּוצט ווי שלמה המלך אין דער בליענדיקסטער צייט פֿון זײַן הערשאַפֿט. איין באַאַמטער, אָנגעטאָן אין סאַמעט און אַטלאַס, האָט זי אָפּגעפֿירט אויף איר אָרט און דער צווייטער האָט אונטערגעטראָגן איר שלעפּע און, ווען זי האָט זיך אַנידערגעזעצט, צורעכטגעמאַכט די שלעפּע אַרום אירע פֿיס און אַוועקגעשטעלט איר קרוינדל צום האַנט, זי זאָל זי קענען באַקוועם נעמען, ווען ס'וועט קומען די צייט פֿאַר דער אַריסטאָקראַטיע אָנצוטאָן זייערע קרוינען.

איצט האָט אָנגעהויבן אַרײַנצושטראָמען אַ גלענצנדער שטראָם פֿון אַדל־פֿרויען. די סאַמעט־און־אַטלעס געקליידטע באַאַמטע לויפֿן אום הין־און־צוריק, צעזעצן זיי אויף די ערטער און מאַכן זיי באַקוועם. דאָס בילד ווערט אָפּגעלעבט. אומעטום איז לעבן, באַוועגונג און פֿאַרבן־וועקסלונג.

אין אַ ווײַלע אַרום ווערט ווידער שטיל. אַלע אַריסטאָקראַטישע דאַמען זײַנען שוין אויף זייערע ערטער, פֿאַרשטעלנדיק מיט

זיך אַ לעבעדיקן בלומען גאָרטן פון אַלערליי פאַרבן. זיי זיינען באַשאָטן מיט דימאַנטן ווי דער „מילך=וועג“ אויפן הימל. דאָ זיינען פאָרגעשטעלט פרויען פון יעדן עלטער: פאַראַן דאָ געלב-פנימדיקע, צעקנייטשטע, גרוי=האָריקע אַלטע אַלמנות, וואָס געדענקען נאָך די קרוינונג פון ריטשאַרד דעם דריטן און די אומרואיקע טעג פון יענער לאַנג-פאַרגעסענער צייט. פאַראַן דאָ שיינע מיטל=יאָריקע דאַמען, ליבנסווירדיקע, גראַציעזע יונגע פרויען און פּראַכטיקע יונגע מיידלאַך מיט שיינענדיקע אויגן און צאַרטע פנימער, וואָס וועלן אפשר מיט פאַרלעגנהייט אָנטאָן זייערע קרוינען, ווען די צייט וועט קומען*), ווייל די זאַך איז פאַר זיי ניי און זייער אויפרעגונג קען זיי שטערן. אָבער גיכער וועט עס ניט פּאַסירן, ווייל די אַלע דאַמען און פריילינס האָבן אַזוי פאַרקאַמט די האָר, די קרוין זאָל זיך לייכט אָנטאָן און גוט צופּאַסן, ווען דער סיגנאַל דערצו וועט געגעבן ווערן.

מיר האָבן שוין געזען, אַז די גאַנצע געזעלשאַפט פון די אַריסטאָקראַטישע דאַמען זיינען געדיכט באַשאָטן מיט דימאַנטן און בריליאַנטן און מיר האָבן געזען, וואָס פאַר אַ וואונדערפולע בילד דאָס איז, אָבער איצט וועלן מיר ערשט אויף אַן אמת נתפעל ווערן: אַרום ניין אַ זייגער זיינען די וואָלקנס מיטאַמאָל פאַרשוואונדן און שטראָמען זונען-שיין האָבן זיך אַריינגעריסן אין קירך און באַגאָסן די רייען דאַמען. יעדער ריי דאַמען, וואָס ווערט באַרירט פון די זון-שטראַלן, פלאַמט אויף מיט אַלע קאָליאָרן פון רעגנבויגן, און ווי אַן עלעקטרישער שטראָם גייט דורך איבער אונז, ווען מיר זען די פּראַכט און גלאַנץ פון דעם בילד! אָט איז, צוזאַמען מיט אַנדערע אויסלענדישע געזאַנדטע, דורכגעגאַנגען דורך דער זון-אַלייע אַ געזאַנדטער פון עפּעס אַ ווייטער מזרח=מלוכה. ער איז פון קאָפּ ביז די שפּיץ פינגער באַשאָטן מיט דימאַנטן און שאַץ-שטיינער, וואָס פינקלען און בלישטשען ביי זיין יעדער באַוועגונג, און עס פאַרכאַפּט ביי אונז דער אָטעם פון דעם שפּרינגענדיקן גלאַנץ, וואָס ער צעגיסט אַרום זיך.

---

*) ביי דער קרוינונג פון אַ קיניג האָט יעדער געטיטלטע און אַדעליקע דאַמע אָנגעטאָן איר פאַמיליען-קרוין.

די צייט איז געגאַנגען. ס'איז אַוועק אַ שעה, צוויי שעה, דריטהאַלבן שעה. דערנאָך האָט די דונערדיקע שיסעריי פון האַרמאַטן אָנגעזאָגט, אַז דער קיניג מיט זיין גלענצנדער סוויטע זיינען אָנגעקומען, און דער פאַרזאַמלטער עולם האָט אָפּגעלעבט. אַלע האָבן געוואוסט, אַז עס וועט נאָך אויסקומען צו וואַרטן, ווייל דער קיניג דאַרף נאָך פאָרבערייט און אָנגעטאָן ווערן פאַר דער פייערלאַכער צערעמאָניע, אָבער די צייט וועט מען קענען פאַרטרייבן אין באַטראַכטן די אָנגעקומענע פּערען *) אין זייערע פּאַראַד-קליידער.

די פּערען זיינען מיט דעם גאַנצן געהעריקן עטיקעט פונאַנדערגעפירט געוואָרן אויף זייערע ערטער, און לעבן יעדערן איז אַוועקגעלייגט געוואָרן זיין קרוין, אים זאָל זיין באַקוועם צום האַנט. דער עולם אין די גאַלערייען, האָט מיט דער גרעסטער נייגעריקייט באַטראַכט די הערצאָגן, גראַפן און באַראָנען, וועמעס נעמען עס זיינען שוין באַוואוסט געווען אין דער ענגלישער געשיכטע פינף הונדערט יאָר. אַ סך פון די פאַרזאַמלטע אין די גאַלערייען האָבן דאָס ערשטע מאָל אין זייער לעבן געזען גראַפן און הערצאָגן. ווען אַלע האָבן זיך צעזעצט אויף זייערע ערטער, האָט זיך פאַר די, וואָס זיינען געזעסן אין דער גאַלערייע און אויף די באַלקאָנען, געעפנט אַ זעלטן בילד, וואָס איז ווערט געווען אָנצוקוקן און צו געדענקען.

אויף דער עסטראַדע האָבן זיך באַוויזן די פּאָטערס פון דער קירך — בישופס, באַגלייט פון אַ גאַנצער מחנה גלחים אין זייערע גלחישע קליידער און בישאָף-מיצן. נאָך זיי זיינען געקומען דער לאָרד-רעגענט און אַנדערע וויכטיקע שטאַטס-מענער, הינטער וועלכע עס איז געגאַנגען אַן אָפּטיילונג פון דער קיניגלאַכער גוואַרדיע, אין גלאַנציקע שטאָלענע פּאַנצערס.

אין קירך איז שטיל געוואָרן. דער גאַנצער עולם האָט געוואַרט מיט דער גרעסטער שפּאַנונג. דערנאָך האָט זיך דערהערט אַ סיגנאַל, און גלייך נאָכדעם — די קלאַנגען פון פייערלאַכער

---

*) פּער — די העכסטע פון ענגלישן אַדל-שטאַנד — Высшее дворянство.

מוזיק, און ט אָ ם ק ע נ ט י, אָנגעטאָן אין אַ לאַנגער גאָלד-געוועבטער קיניג-קלייד — איז אַריין פון אַ טיר און איז אַרויף אויפן עסטראַדע. די גאַנצע פאַרזאַמלונג איז אויפגעשטאַנען אויף די פיס, און די קרוינונג האָט זיך אָנגעהויבן.

די באַצויבערנדיקע קלאַנגען פון אַ פסאַלם האָט זיך צעגאָסן איבער דער קירך, און ט אָ ם ק ע נ ט י, וואָס איז פייערלאַך באַגעגנט געוואָרן, איז צוגעפירט געוואָרן צום טראָן. די פאַרצייטיקע אַלטע צערעמאָניע איז ווייטער אָנגעגאַנגען מיט דער גאַנצער פייערלאַכקייט און די פאַרזאַמלטע האָבן אָנגעקוקט. וואָס נעענטער די צערעמאָניע איז געקומען צום סוף, אַלץ בלאַסער און בלאַסער איז ט אָ ם ק ע נ ט י געוואָרן. טיפער טרויער און יאוש האָט געדריקט זיין געמיט און זיין האַרץ, וואָס איז צעריסן געוואָרן פון חרטה.

עס איז אָנגעשטאַנען דער לעצטער אַקט פון דער צערעמאָניע. דער אַרצבישוף פון ק ע נ ט ע ר ב ע ר י האָט גענומען פון קישן די ענגלישע קרוין און אויפגעהויבן זי איבער דעם ציטערנדיקן כלומרשטיקן קיניגס קאָפּ. אין זעלביקן מאָמענט האָט אין דער צפון-אָפּטיילונג פון קירך אַ בליץ געטאָן ווי אַ רעגנבויגן, ווייל די אַדל-לייט און אַרל-דאַמען האָבן אַלע ווי איינער אויפגעהויבן זייערע קרוינען איבער די קעפּ און געבליבן וואַרטן אין אַזאַ פּאָזע.

אַ טיפע שטילקייט איז אָנגעשטאַנען אין קירך. אין דעמדאָזיקן פייערלאַכן מאָמענט, האָט זיך אויף דער סצענע באַוויזן אַ שרעקנדיק געשטאַלט, — אַ געשטאַלט, וואָס קיינער פון דעם פאַרטיפטן עולם האָט ניט באַמערקט, ביז עס האָט זיך ניט גענומען באַוועגן איבער דעם הויפּט-דורכגאַנג. דאָס איז געווען אַ ייִנגל אָן אַ היטל, אין צעריסענע שיך, אין גראָבע, צעריסענע, אָרימע קליידער, וואָס זיינען צעפאַלן אויף שטיקלאַך. ער האָט אויפגעהויבן זיין האַנט מיט אַ פייערלאַכקייט, וואָס האָט ניט האַרמאָנירט מיט זיין שמוציקן און טרויעריקן אויסזען, און האָט אויסגערופן:

— איך פֿאַרבאָט אייך אַרויפֿצולייגן די קרוין פֿון ענגלאַנד אויף דעמדאָזיקן פֿאַררעטערס קאָפּ. איך בין דער קיניג!

עטלאַכע הענט האָבן גלייך אַ כאַפּ געטאָן דאָס ייִנגל, אָבער אין דערועלביקער מינוט איז ט אָ ם ק ע נ ט י אין זיינע קיניגלאַכע קליידער שנעל אַרויסגעטראָטן פֿאָראויס און מיט אַ קלינגענדיק קול אויסגעשריִען:

— לאָזט אים אָפּ און ניט באַרירט אים! ע ר א י ז דער קיניג!

אַ מוראדיקע ערשטוינונג האָט אַרומגעכאַפּט די פֿאַרזאַמלטע. אַלע האָבן זיך אויפֿגעהויבן פֿון זייערע ערטער און מיט איבער־ראַשונג געקוקט איינער אויפֿן צווייטן און אויף די הויפּט־פֿיגורן פֿון דער סצענע, ווי זיי וואָלטן אַליין ניט געוואוסט, צי זעען זיי דאָס אויפֿן וואָר אָדער אין חלום. דער לאָרד־רעגענט איז אויך געווען ערשטוינט ווי די איבעריקע, ער איז אָבער גיך צו זיך געקומען און מיט אַ פֿעסטן טאָן באַפֿוילן:

— הערט זיך ניט צו צו זיין מאַיעסטעטס רייד. זיין קראַנק־הייט איז אים ווידער באַפֿאַלן. כאַפּט דעם וואַגאַבונד!

מען האָט אים שוין געוואָלט פּאַלגן, אָבער דער כלומר־שטיקער קיניג האָט אַ טופּע געטאָן מיטן פֿוס און אויסגעשריִען:

— אונטער געפֿאַר פֿון אייער טויט־שטראָף! באַרירט אים ניט—ער איז דער קיניג!

די הענט האָבן זיך צוריקגעצויגן און אַלע זיינען ווי פּאַ־ראַליזירט געוואָרן. קיינער האָט זיך ניט באַוועגט און קיינער האָט אַ וואָרט ניט גערעדט. קיינער האָט אַפֿילו ניט געוואוסט, וואָס צו זאָגן אָדער וואָס צו טאָן—אַזוי מערקווירדיק און אומדערוואַרט איז געווען דער צופֿאַל. אין דער צייט, ווען אַלע האָבן זיך באַ־מיט צו באַגרייפֿן וואָס דאָ קומט פֿאָר, האָט זיך דאָס ייִנגל אַלץ באַוועגט פֿאָראויס מיט זיכערע טריט און מיט אַן אויפֿגעהויבע־נעם קאָפּ, ניט אָפּשטעלנדיק זיך אויף איין מאָמענט. און אין דער צייט, וואָס די צעמישטע מוחות האָבן נאָך אַלץ ניט געקענט צו זיך קומען, איז ער אַרויף אויף דער עסטראַדע, און דער

בלומרשטער קיניג איז אים מיט אַ גליקלאַך פּנים אַנטקעגן געלאָפן און, אַ פּאַל געבנדיק אויף די קני, געזאָגט:

— אָ, מיין הערשער און קיניג, לאָז דעם אָרימען ט אָ ם קענטי צו זיין דער ערשטער צו שווערן טרייהייט צו דיר און זאָגן: „טו אָן דיין קרוין און פאַרנעם ווידער דעם אָרט, וואָס דיר געהערט!"

דער לאָרד-רעגענט האָט שטרענג אַ קוק געטאָן אויף דעם אָנגעקומענעם, אָבער די שטרענגקייט איז גלייך פאַרשוואונדן און זיין פּנים האָט אויסגעדריקט גרויס איבערראַשונג. דאָס זעלביקע האָט פּאַסירט מיט די איבעריקע הויף-לייט. זיי האָבן זיך איבערגעקוקט צווישן זיך און אָפּגעטראָטן אַהינטער. ביי אַלעמען איז געווען איין געדאַנק: „וואָס פאַר אַ מערקווירדיקע ענלאַכקייט!"

דער לאָרד-רעגענט האָט אַ ווײַלע געטראַכט ווי אין פאַרלעגנהייט, נאָכהער ערנסט און מיט גרויס רעספּעקט געזאָגט:

— מיט אייער ערלויבעניש, סער, ערלויבט מיר צו פרעגן אייך עטלאַכע פראַגן, וואָס...

— איך וועל אויף זיי ענטפערן, מיין לאָרד.

דער הערצאָג האָט אים געשטעלט אַ סך פראַגן, וועגן דעם הויף, וועגן דעם געשטאָרבענעם קיניג, וועגן דעם פּרינץ און פּרינצעסינס—דאָס ייִנגל האָט אויף אַלץ געענטפערט ריכטיק און ניט געקווענקלט. ער האָט אָפּגעמאָלדן די פּאַראַד-זאַלן פון פּאַלאַץ, די צימערן פון געוועזענעם קיניג און פון פּרינץ.

ס'איז געווען מערקווירדיק, ס'איז געווען וואונדערלאַך, עס איז געווען ניט צו פאַרשטיין — אַזוי האָבן געזאָגט אַלע, וואָס האָבן אים געהערט. די מיינונג פון די פאַרזאַמלטע האָט זיך אָנגעהויבן נייגן אויף דעם צד פון געקומענעם און ט אָ מ ס האָפענונגען האָבן זיך שוין געשטאַרקט, ווען דער לאָרד-רעגענט האָט, שאָקלענדיק מיטן קאָפּ געזאָגט:

— אמת, דאָס איז מערקווירדיק, אָבער דאָס איז ניט מער וויפל אונזער קיניג ווייס. דאָס זיינען נאָך ניט קיין ר א י ו ת.

דידאָזיקע באַמערקונג און דאָס, וואָס מען האָט פון אים

גערעדט ווי פון קיניג, האָט ווידער טרויעריק געמאַכט טאָם קענטי און זיינע האָפענונגען האָבן אָנגעהויבן צו זינקען.

דער שטראָם האָט זיך איצט געענדערט און טאָם האָט געפילט, אַז אָט, אָט ווערט יענער אַרויסגעוואָרפן און ער בלייבט ווידער אויפן טראָן. דער לאָרד-רעגענט האָט דערווייל געשאָקלט מיטן קאָפּ און געשלאָגן זיך מיט דער דעה: „אַזאַ מין רעטעניש איז אַ סכנה פאַר דער מלוכה און פאַר אונז אַלעמען — האָט ער געקלערט,—דאָס קען צעטיילן דאָס פאָלק אין צוויי לאַגערן און אונטערגראָבן דעם טראָן”.

— סער טאָמאַס!—האָט ער זיך אַ קער געטאָן צו איינעם פון די הויף-באַאַמטע,—אַרעסטירט אָט דעם... ניין, וואַרט! —

זיין פנים איז באַלויכטן געוואָרן, און ער האָט זיך געווענדט צום אָפּגעריסענעם קאַנדידאַט אויפן ענגלישן טראָן מיט דידאָזיקע ווערטער:

— וואו ליגט דער גרויסער מלוכה-שטעמפּל? — ענטפער מיר אויף דערדאָזיקער פראַגע און די רעטעניש איז געלייזט. ווארים נאָר דער אמתער פּרינץ פון וועלש קען ענטפערן אויף דער פראַגע. פון אַזאַ קלייניקייט איז אָפּהענגיק אַ טראָן און אַ דינאַסטיע!

דאָס איז געווען אַ גוטער איינפאַל, אַ גליקלאַכער איינפאַל. אַלע הויפליים איז געפעלן דער געדאַנק,—דאָס האָט מען געקענט זען נאָך דעם, ווי זיי האָבן צווישן זיך איבערגעקוקט זיך. יאָ, מער ווי דער פּרינץ קען נים אַנטדעקן די טיפע געהיימעניש פון דעם פאַרשוואונדענעם שטעמפּל. דער אָפּגעריסענער באַטריגער האָט גוט אויסגעלערנט זיין ראָליע, אָבער דאָס האָט אים זיין לערער אויך נים געקענט לערנען, ווייל ער ווייס אַליין נים וואו דער שטעמפּל ליגט. אָך, זייער גוט, זייער גוט, איצט וועט מען גיך פּטור ווערן פון דעם אומגעריכטן פּלאָנטער!

און זיי האָבן צוגעשאָקלט מיט די קעפּ צופרידן שמייכלענדיק ביי דעם געדאַנק, אַז דער קליינער שווינדלער וועט דאָ באַלד בלייבן צום נאַר. אָבער ווי איבערראַשט זיינען זיי געוואָרן, ווען זיי האָבן געזען, אַז עס הייבט זיך גאָר נים אָן! ווי פאַר=

וואונדערט זיי זיינען געוואָרן, ווען זיי האָבן געהערט דאָס יינגל גלייך ענטפערנדיק זיכער און רואיק:

— דאָס איז ניט קיין האַרבע רעטעניש.

און, ניט פרעגנדיק קיינעמס ערלויבעניש, האָט ער זיך אומגעקערט און, מיט דער לייכטקייט און זיכערקייט פון אַ מענטשן, וואָס איז געווינט צו באַפוילן, האָט געזאָגט:

— מיין לאָרד סענט דזשאָן, גייט גלייך אין מיין פּריוואַט-קאַבינעט, וואָס אין פּאַלאַץ—ווער ווייס נאָך אַזוי גוט ווי איר, וואו ער געפינט זיך—און דאָרטן, האַרט ביים דיל אין לינקן ווינקל, אין וויטסטן פון טיר, וואָס פירט פון אַריינגאַנגס-צימער, וועט איר געפינען אין וואַלד אַ מעשן קעפּל פון אַ נאָגל. דריקט אויף דאָס קעפּל און עס וועט זיך עפענען אַ געהיים שרענקל, וועגן וועלכן אַפילו איר ווייסט ניט—איבערהויפּט ווייס פון אים קיינער אין דער וועלט ניט, אחוץ מיר אַליין און דער מייסטער, וואָס האָט עס פאַר מיר געמאַכט, — די ערשטע זאַך, וואָס איר וועט אין שרענקל דערזען, איז דער גרויסער שטעמפּל. גייט און ברענגט עס אהער.

די גאַנצע געזעלשאַפט האָט זיך פאַרוואונדערט פון דער רעדע, און האָט זיך נאָך מער געוואונדערט דערפון, וואָס דער קליינער שלעפּער האָט אויסגעקליבן צו שיקן אין דער שליחות דווקא דעמדאָזיקן לאָרד אָן שום קווענקלונג אָדער מורא פאַר אַ טעות און האָט אים אָנגערופן ביים נאָמען מיט אַזאַ רואיקער זיכערקייט, ווי ער וואָלט אים געקענט זיין גאַנץ לעבן. דער פּער איז פון גרויס איבעררעאַשונג שוין גרייט געווען צו פאָלגן, ער האָט שוין אַפילו געווען געמאַכט אַ באַוועגונג, ווי ער וואָלט זיך געקליבן צו גיין, אָבער ער האָט זיך באַלד צוריק אַ כאַפּ געטאָן און אָנגענומען די פריערדיקע רואיקע פּאָזע, און נאָר די פאַרב אין זיין פּנים האָט עדות געזאָגט, אַז ער האָט זיך אַליין פאַרשעמט פאַר דעם טעות, וואָס ער האָט געווען געמאַכט.

טאָם קענטי האָט זיך אַ קער געטאָן צו אים און געזאָגט:

— פאַרוואָס ווייַלט איר? האָט איר דען ניט געהערט דעם קיניגס באַפעל? — גייט!

דער לאָרד סענט דזשאָן האָט זיך פאַרנייגט — און אַלע האָבן באַמערקט, אַז ער איז געווען גענוג פּאָרזיכטיק ניט צו נייגן זיך ניט דעם, ניט יענעם קיניג, נאָר דעם שטח צווישן ביידע קיסרים — און איז אַרויסגעגאַנגען.

איצט האָט זיך אָנגעהויבן אַ באַוועגונג צווישן די פאַרזאַמלטע. די באַוועגונג איז געווען קוים באַמערקבאַר, אָבער אָן אויפהער.

ווי אין אַ קאַליידעסקאָפּ, וואָס ווערט לאַנגזאַם געדרייט, פאַלן אָפּ טיילכעלאַך פון איין קערפּער און באַהעפטן זיך צום צווייטן קערפּער, — אַזוי זיינען דאָ לאַנגזאַם אָבער זיכער איינס נאָכן אַנדערן אָפּגעפאַלן די פאַרזאַמלטע אַרום טאָמען און צוגעשטאַנען צום אָפּגעריסענעם יינגל.

טאָם קענטי איז געשטאַנען כמעט אַליין. עס האָט געדויערט נאָך אַ ווײַלע, און אַפילו די עטלאַכע, וואָס האָבן נאָך ביז איצט געהאַט דעם מוט צו בלייבן לעבן טאָמען, זיינען איצט, איינציקווייז איבערגעגאַנגען צו דער מערהייט, אַזוי אַז טאָם קענטי אין זיינע קיניגלאַכע קליידער און באַשאָטן מיט דימאַנטן איז געשטאַנען אויסגעשטעלט אויף דער עסטראַדע איינער אַליין, און אָפּגעזונדערט פון דער וועלט.

נאָר אָט האָט זיך באַוויזן דער לאָרד סט. דזשאָן. ווען ער איז געגאַנגען איבערן מיטלסטן דורכגאַנג, איז די שפּאַנונג געווען אַזוי גרויס, אַז יעדער שמועס האָט אויפגעהערט, און אין קירך האָט געהערשט אַ טויטע שטילקייט, אין וועלכער ס'האָבן זיך נאָר געהערט זיינע דייטלאַכע טריט. אַלע אויגן זיינען געווען געווענדט אויף אים. ער איז אַרויף אויפן עסטראַדע, געוואַרט אַ מאָמענט, נאָכהער איז ער צוגעגאַנגען צו טאָם קענטי און טיף פאַרנייגנדיק זיך געזאָגט:

— גנעדיקער קיניג, דער שטעמפּל איז דאָרטן ניטאָ!

אַ המון אַנטלויפט ניט אַזוי האַסטיק פון אַ כאָלערע-קראַנקן, ווי די קופּקע בלאַס-געוואָרענע און אויף טויט-דערשראָקענע הויף-לייט זיינען זיך צעלאָפן פון דעם אָפּגעריסענעם טראָן-קאַנדידאַט. אין איין מאָמענט איז ער געבליבן שטיין איינער אַליין

אָן אַ פריינד און אָן אַ גואל, אַ ציל פאַר צאָרנדיקע און פאַר־אַכטנדיקע בליקן.

דער לאָרד־רעגענט האָט מיט כעס אויסגעשריען:

— וואַרפט אַרויס דעם שלעפּער אויפן גאַס און יאָגט אים דורך פון שטאָט מיט בייטשן. דער געמיינער אויסוואורף פאַרדינט ניט, מען זאָל מער טראַכטן וועגן אים!

אייניקע גוואַרדיע־אָפיצירן זיינען שוין צוגעשפּרונגען אויס־צופירן דעם באַפעל, אָבער ט אָ ם ק ע נ ט י האָט זיי אָפּגעשאַרט אָן אַ זייט און אַ געשריי געטאָן.

— צוריק! ווער עס וועט אים באַרירן, וועט באַצאָלן מיט זיין לעבן.

דער לאָרד־רעגענט איז געווען צעטומלט אויף דער העכס־טער מדרגה, און ווענדנדיק זיך צום לאָרד ס ט. ד ז ש אָ ן, האָט ער געפרעגט:

— האָט איר גוט געזוכט? — אָבער עס לוינט גאָרניט צו פרעגן. קלייניקייטן קענען אַמאָל פאַרפאַלן ווערן, אָבער אַזאַ גרויסער חפץ, ווי דער מלוכה־שטעמפּל פון ענגלאַנד, קען ניט פאַרפאַלן ווערן, אַז קיין לעבעדיקער מענטש זאָל ניט וויסן, וואו עס איז אַהינגעקומען. דאָס איז דאָך אַ מאַסיווער גאָלדענער עיגול.

ט אָ ם ק ע נ ט י האָט מיט שיינענדיקע אויגן אַ שפּרונג געטאָן פאָראויס און אויסגעשריען:

— שטייט! דאָס איז גענוג! איז עס קיילאַכדיק? און דיק? און אויף דעם זיינען אויסגעקריצט אותיות און דעוויזן? יאָ? אָ, איצט ווייס איך שוין, וואָס אַזוינס איז דער „גרוי־סער שטעמפּל", צוליב וועלכן עס איז געווען אַזאַ טומל מיט אַזויפיל זוכעניש. ווען איר זאָגט עס מיר פריער, וואָלט איך אייך אים געגעבן נאָך מיט דריי וואָכן צוריק. איך ווייס גאַנץ גוט, וואו עס ליגט, אָבער ניט איך האָב עס דער ערשטער דאָרטן אַוועקגעלייגט.

— ווער דען, מיין קיניג? — האָט געפרעגט דער לאָרד־רעגענט.

— אָט דער, וואָס שטייט דאָרטן, דער אמתער קיניג פון

ענגלאַנד. און ער אַליין וועט אייך זאָגן, וואו עס ליגט, דאַן וועט איר גלייבן, אַז ער האָט עס שוין לאַנג געוואוסט. דערמאָן זיך נאָר, מיין קיניג — האָט ער זיך געווענדט צו עדוואַרדן, — שטרענג אָן דיין זכרון — דאָס איז געווען די לעצטע, די ס אַ מ ע ל ע צ ט ע זאַך, וואָס דו האָסט געטאָן יענעם טאָג, איידער דו ביסט אַרויס־געלאָפן אין מיינע שמאַטעס צו באַשטראָפן דעם זעלנער, וואָס האָט מיך באַליידיקט.

עס איז אָנגעשטאַנען אַ שטילקייט, וואָס איז ניט געשטערט געוואָרן ניט מיט אַ וואָרט, ניט מיט אַ באַוועגונג. אַלעמענס אויגן זיינען געווענדט אויף דעם ניי־געקומענעם, וואָס איז געשטאַנען מיט אַן אָנגעבויגענעם קאָפּ און פאַרקנייטשטן שטערן און האָט צווישן טויזנטער אַנדערע געשעענישן געזוכט אין זיין זכרון דעם איין קליינעם פאַקט, וואָס אויב ער געפינט אים, זיצט ער אויפן טראָן, אויב ניט, — בלייבט ער אויף אייביק וואָס ער איז איצט — אַ היימלאָזער בעטלער. אַ מאָמענט נאָך אַ מאָמענט זיינען פאַרביי־געגאַנגען, פון די מאָמענטן זיינען געוואָרן מינוטן — דאָס יינגל האָט זיך אַלץ געראַנגלט מיט זיין זכרון, ניט געבנדיק קיין שום צייכן, אַז ער דערמאָנט זיך.

צום סוף האָט ער, פאַרשטיקנדיק אַ זיפץ, לאַנגזאַם געשאָקלט מיטן קאָפּ און מיט ציטערדיקע ליפּן מיט אַ געבראָכענעם קול געזאָגט:

— איך דערמאָן זיך די גאַנצע סצענע — פון אָנהייב ביזן סוף, אָבער דער שטעמפּל איז דאָ ניטאָ.

ער האָט זיך אַ ווײַלע אָפּגעשטעלט, נאָכהער האָט ער ווידער אויפגעהויבן דעם קאָפּ און מיט מילדער זעלבסטווערדע געזאָגט:

— מיינע לאָרדן און דזשענטלמענער, אויב איר ווילט רויבן פון אייער אמתן קיניג זיינע רעכט דערפאַר, וואָס ער קען אייך זיי ניט אויפווייזן, קען איך זיך אייך ניט אַנטקעגנשטעלן: איך בין מאַכטלאָז קעגן אייך, אָבער...

— אָ, אומזין, אָ, וואָס פאַר אַ משוגעת, מיין קיניג! — האָט טאָם אין ציטערניש אויסגעשריען, — וואַרט! טראַכט! גיב זיך ניט אונטער, לאָז ניט אָפּ! די זאַך איז נאָך ניט פאַרלאָרן! און

וועט ניט זיין פאַרלאָרן! הער זיך צו, וואָס איך וועל דיר זאָגן—
צו יעדעס וואָרט הערט זיך צו. איך וועל דיר דערמאָנען יענעם
פרימאָרגן, יעדעס ברעקל, טריט ביי טריט, ווי עס האָט פאַסירט·
הער. מיר האָבן געשמועסט—איך האָב אייך דערציילט פון מיינע
שוועסטער בעט און נען, איר געדענקט דאָס?—און וועגן מיין ביי·
זער באָבען, און וועגן די פראָסטע שפּילן מיט די יינגלאַך פון שמוץ=
געסל—איר געדענקט דאָס אויך? זייער גוט. הערט·זשע מיך ווייטער
און איר וועט זיך אַלץ דערמאָנען. איר האָט מיר געגעבן עסן
און טרינקען און האָט, מיט פּרינצלאַכער איידלקייט, אַרויסגעשיקט
די דינערשאַפט, איך זאָל זיך ניט שעמען עסן—אָ, איר געדענקט
עס אַלץ!

ווען טאָם האָט איינס פאַר איינס אויסגערעכנט, וואָס זיי
האָבן געטאָן, און דער צווייטער יינגל האָט אין הסכמה צוגע
שאָקלט מיטן קאָפּ, האָבן זיי די הויף=באַאמטע און די גאַנצע
הויכע פאַרזאַמלונג אָנגעקוקט מיט דעם גרעסטן וואונדער: די
געשיכטע האָט געקלונגען ווי אמת, אָבער וואָס פאַר שייכות
האָט דאָ געקענט זיין צווישן דעם פּרינץ און אַ בעטלער יינגל?
קיינמאָל אין לעבן האָט זיך אַ געזעלשאַפט ניט געפילט אַזוי
פאַראינטערעסירט, אַזוי פאַרווירט און אַזוי איבערראַשט ווי איצט.

— פון שפּאַס וועגן—האָט טאָם ווייטער גערעדט,—האָבן מיר
זיך געביטן מיט די קליידער, און אַזוי זייענען מיר געשטאַנען פאַרן
שפּיגל. מיר האָבן אויסגעזען אַזוי ענלאַך איינער אויפן צווייטן, אַז
מיר האָבן געזאָגט: „עס זעט אויס, ווי מיר וואָלטן זיך גאָרנישט גע=
ביטן”—איר געדענקט דאָס, יאָ? דאַן האָט איר באַמערקט, אַז
דער זעלנער האָט פאַרוואונדעט מיין האַנט—זעט! אָט איז דער
צייכן. עס טוט אַזוי וויי. איך קען נאָך איצט מיט דער האַנט
ניט שרייבן—אַזוי שטייף זייענען די פינגער. דאָ איז אייער מאַיע=
סטעט אויפגעשפּרונגען און, אויסרייענדיק, אַז איר וועט זיך אָפּ=
רעכענען מיטן זעלנער, זייט איר געלאָפן צום טיר. איר זייט
פאַרבייגעלאָפן אַ טיש—יענע זאַך, וואָס איר רופט שטעמפּל, אי
געלעגן אויף יענעם טיש—איר האָט עס אַ כאַפּ געטאָן און אַרומ=
געקוקט זיך, וואו צו באַהאַלטן עס. אייער אויג האָט באַמערקט אַ...

— שטיי, געגוג! און זאָל גאָטס נאָמען זיין געבענטשט!—
האָט דער אָפּגעריסענער פּרעטענדענט אויפן טראָן אויסגעשריען
אין גרויס אויפרעגונג, — גיי, מיין ליבער סט. דזשאָן — אין
אַ האַנט־באַשיצער פון דעם מילאַנער פּאַנצער וועסטו געפינען
דעם שטעמפּל!

— ריכטיק, מיין קיניג, ריכטיק! — האָט טאָם קענטי
אויסגעשריען,—איצט געהערט די קרוין פון ענגלאַנד צו דיר. און
פאַר דעם, וואָס וועט עס וועלן אָפּלייקענען, וואָלט גלייכער געווען
געבאָרן צו ווערן אַ שטומער! גיי, מיין לאָרד סט. דזשאָן, זאָלן
דיינע פיס באַקומען פליגלען!

די גאַנצע פאַרזאַמלונג איז געווען אויף די פיס און אויסער
זיך פון אומרואיקייט, פאַרגעפיל און שרעקלאַכער אויפרעגונג.
די גאַנצע קירך און די עסטראַדע האָט געהוזשעט מיט אַ מיש־
מאַש פון קולות און אַ היבשע ווײַלע האָט קיינער ניט געהאַט
און ניט געוואָלט הערן קיין זאַך, אַחוץ דאָס, וואָס זיין נעגטסטער
שכן האָט אים אַריינגעשריען אין אויער, אָדער וואָס ער האָט
אַריינגעשריען זיין נעגטסטן שכן אין אויער.

די צייט—קיינער האָט ניט געוואוסט וויפל - איז געפלויגן
אומבאַמערקט. מיטאַמאָל איז שטיל געוואָרן און לאָרד סט. דזשאָן
האָט זיך באַוויזן אויף דער עסטראַדע, האַלטנדיק הויך איבערן
קאָפּ דעם שטעמפּל. און די גאַנצע פאַרזאַמלונג האָט אויסגעשריען:

— לאַנג לעבן זאָל דער אמתער קיניג!

פינף מינוט נאָכאַנאַנד האָט די לופט געציטערט פון דונער־
געשרייען, פון מוזיק־קלאַנגען און איז ווייס געווען פון טיכלאַך,
וואָס האָבן געפּאַכט אין דער לופט. און אין צענטער פון דעם
אַלעמען איז אַן אָפּגעריסענער יינגל—די וויכטיקסטע פּערזאָן פון
ענגלאַנד—געשטאַנען אינמיטן עסטראַדע אַ גליקלאַכער, אַ שטאָל־
צער, ארומגערינגלט מיט קניענדיקע געטיטלטע קנעכט און וואַ־
סאַלן.

אַלע זיינען אויפגעשטאַנען און טאָם קענטי האָט אויס־
געשריען:

— איצט, אָ, מיין קיניג, נעם דיראָזיקע קיניגלאַכע קליי־

דער און גיב דיין קנעכט, דעם אָרימען טאָם קענטי, צוריק זיינע טראַנטעס און שמאַטעס!

דאָ האָט זיך דער לאָרד-רעגענט אַריינגעמישט:

— רייסט אַראָפּ פון דעם קליינעם פּשוט זיינע זאַכן און וואַרפט אים אַריין אין פעסטונג!

אָבער דער נייער קיניג, דער אמתער קיניג האָט ניט דערלאָזן.

— איך וועל עס ניט דערלאָזן — האָט ער געזאָגט — נאָר צוליב אים האָב איך באַקומען ווידער מיין קרוין. קיינער זאָל אויף אים ניט אַרויפליגן זיין האַנט אָדער שלעכטס טאָן אים. און וואָס אָנבאַלאַנגט דיר, מיין גוטער פעטער, מיין לאָרד-רעגענט, ביסטו זייער ניט דאַנקבאַר דעם אָרימען יינגל: איך האָב געהערט, אַז ער האָט דיך געמאַכט פאַר אַ הערצאָג — דער רעגענט האָט זיך פאַרשעמט — ער איז אָבער קיין קיניג ניט געווען. וואָס-זשע איז דיין פיינער טיטל איצט ווערט? מאָרגן זאָלסטו זיך משתדל זיין פאַר מיר דורך אים, איך זאָל באַשטעטיקן דעם טיטל, ווען ניט בלייבסטו אַ פּשוטער גראַף ווי פריער, אָבער ניט קיין הערצאָג.

אויסהערנדיק דעמדאָזיקן אויסרייד, איז דער הערצאָג אויף אַ ווײַלע אָפּגעטראָטן אַהינטער. דער קיניג האָט זיך געווענדט צו טאָמען און פריינדלאַך געזאָגט:

— מיין אָרים יינגל, ווי קומט עס, דו זאָלסט געדענקען, וואו איך האָב אַוועקגעלייגט דעם שטעמפּל, אין דער צייט, וואָס איך אַליין האָב עס ניט געדענקט?

— אָ, מיין קיניג, דאָס איז זייער גרינג געווען פאַר מיר צו געדענקען, מחמת איך האָב עס עטלאַכע טעג באַנוצט.

— באַנוצט עס — און דאָך ניט געוואוסט, וואָס דאָס איז אַזוינס?

— איך האָב ניט געוואוסט, אַז דאָס איז די זאַך, וואָס זיי זוכן. זיי האָבן עס מיר ניט אָפּגעמאָלט, אייער מאַיעסטעט.

— ווי-זשע האָסטו עס באַנוצט?

— טאָם איז רויט געוואָרן איבער די אויערן, האָט אַראָפּגעלאָזן דעם קאָפּ און געשוויגן.

— זאָג, זאָג, גוטער ייִנגעלע, האָב קיין מורא ניט — האָט געזאָגט דער קיניג, — צו וואָס האָסטו באַנוצט דעם גרויסן מלוכה־שטעמפּל פון ענגלאַנד?

טאָם האָט אַ ווײַלע פאַרשעמט געמורמלט, נאָכהער האָט ער אויסגעזאָגט:

— אויף צו קנאַקן ניס דערמיט!

אָרים קינד! דער געלעכטער, וואָס האָט אויסגעבראָכן, האָט אים באַלד אומגעוואָרפן פון די פיס. טאָמער איז נאָך געווען אַ שטיקל ספק, אַז ער איז דער קיניג, האָבן דידאָזיקע ווערטער זײַנע צעשטרײַט יעדן ספק.

דערווײַל האָט מען פון טאָמען אַראָפּגענומען דעם רײַכן קיניגלאַכן מאַנטל און אַרויפגעלייגט אים אויף דעם קיניגס אַקסלען, צודעקנדיק מיט אים די צעריסענע קליידער. דאַן האָט זיך ווידער אָנגעהויבן די קרוינונגס־צערעמאָניע. דער קיניג איז געזאַלבט געוואָרן, און די קרוין איז אַרויפגעלייגט געוואָרן אויף זײַן קאָפּ, אין דער צײַט, וואָס האַרמאַטן האָבן אָנגעזאָגט די שמחה דער גאַנצער שטאָט, און גאַנץ לאָנדאָן האָט ווי געוויגט זיך פון אַפּלאָדיסמענטן.

דריי־און־דרייסיקסטער קאַפּיטל.

עדוואַרד אַלם קיניג.

מייל ס הענדאָן האָט אויסגעזען גענוג אויפפאַלנדיק, איידער ער האָט זיך אַריינגעמישט אין דעם געשלעג אויף „לאָנ-דאָן-בריק", און נאָך שענער האָט ער אויסגעזען, ווען ער איז אַרויס פון געשלעג. ער האָט געהאַט זייער ווייניק געלט, ווען ער איז אַריינגעפאַלן אין דעם געדרענג; ער האָט גאָרניט געהאַט, ווען ער איז אַרויס פון דאָרטן: קעשענע-גנבים האָבן אויסגע-ליידיקט זיינע טאַשן ביזן לעצטן פאַרדינג. אָבער דאָס מאַכט ניט אויס, זאָל ער נאָר געפינען דאָס יינגל. ניט אומזיסט איז ער געווען אַ זעלנער — ער וועט ניט אַרבעטן גלאַט אין דער וועלט אַריין: פריער פון אַלץ דאַרף מען אויסאַרבעטן אַ פּלאַן פון דער אַרבעט.

וואָס דאַרף דאָס יינגל געוויינלאַך טאָן? וואוהין וועט ער, על־פי שכל, גיין? קיין ספק, אַז ער וועט גיין צו זיינע פריער־דיקע ערטער: אַזוי איז שוין די טבע פון משוגעים — און פון קלאָרע אויך — צו גיין אין דער אַלטער היים, ווען זיי בלייבן עלנט און היימלאָז. וואו קען זיך געפינען זיין אַמאָליקע היים? זיין אָפּגעריסנקייט צוזאַמען מיט יענעם באַנדיט, וואָס גיט זיך אַרויס פאַר זיין פאָטער, זאָגן עדות, אַז זיין היים דאַרף זיך גע-פינען אין איינער פון די אָרימסטע און געמיינסטע געגנטן פון לאָנדאָן. וועט אים זיין שווער צו געפינען, און וועט ער אים דאַרפן לאַנג זוכן? ניין, עס זעט אויס צו זיין אַ קורצע און גרינגע אַרבעט. ער וועט ניט זוכן דאָס יינגל, — ער וועט זוכן אַ המון: פריער אָדער שפּעטער, וועט ער געפינען דאָס יינגל

אינמיטן פון אַ גרעסערע אָדער קלענערער חברה לײדיקגײערס, וואָס שטײט און מאַכט חוזק, און רײצט זיך מיט דעם אָרימען ייִנגל, וואָס שרײַט, אַז ער איז קיניג, ווי געווײנלאַך. מיילס הענדאָן ווערט דאַמאָלסט עטלאַכע פון זײ צעשעדיקן, צונעמען פון זײ זײַן קלײנעם „האָדולניק", באַרואיקן און אײַנשטילן אים מיט גוטע ווערטער, און קײנמאָל מער ניט צעשײדן זיך מיט אים.

אויסגעאַרבעט דעם פּלאַן, האָט זיך מיילס אַרויסגעלאָזן זוכן. שעה נאָך שעה האָט ער געוואַנדערט איבער לאָנדאָנער שמוציקע גאַסן און הינטער־געסלאַך, געזוכט געזעמלס, געפונען זײ אָן אַ שיעור, אָבער ערגעץ איז ניט געווען קײן סימן פונם ייִנגל. דאָס האָט אים זײער געוואונדערט, אָבער ניט אָפּגענומען דעם מוט. נאָך זײַן מײנונג, איז זײַן פּלאַן אַ ריכטיקער פּלאַן, ניט מער, עס פאַרציט זיך אַ ביסל לענגער, ווי ער האָט גערעכנט.

ווען ס'איז געוואָרן טאָג, איז ער שוין געווען דורכגעגאַנגען אַ סך מײלן און געזוכט צווישן אַ סך קופּעס מענטשן, אָבער מיט דעם אײנציקן רעזולטאַט, וואָס ער איז געווען שרעקלאַך מיד, געגנוג הונגעריק און זײער שלעפעריק. ער וואָלט געוואָלט עפּעס אָנבײסן, אָבער ס'איז ניט געווען פאַרוואָס צו קויפן. בעטלען איז אים אַפילו ניט אײַנגעפאַלן; פאַרמשכנען דעם שווערד — איז פאַר אים געווען דאָסזעלביקע, וואָס שײדן זיך מיט ערע. ער וואָלט זיך געקענט שײדן מיט עפּעס פון זײַנע מלבושים, אָבער געפינען אַ קונה אויף אַזעלכע מלבושים איז ניט גרינגער, ווי צו געפינען אַ בעלן אויף אַ גוטער קרענק.

בײַ האַלבן טאָג האָט ער זיך נאָך אַלץ אַרומגעשלעפּט, געזוכט צווישן דעם המון, וואָס איז נאָכגעגאַנגען נאָך דער קרוינונגס-פּראָצעסיע, אויסרעכנענדיק, אַז אַ קיניגלאַכער פּאַראַד דאַרף געוויס צוציען צו זיך דעם ייִנגל, וואָס איז צעמישט אויף דעם פּונקט. ער איז נאָכגעגאַנגען די פּראָצעסיע איבער אַלע גאַסן, ביז צו וועסטמינסטער־קירך. ער האָט זיך אומעטום אויסגעמישט צווישן עולם, ביז ער איז צום סוף, גאָר אַ צעטומלטער, אַוועקגעגאַנגען אָן אַ זײַט, צו באַטראַכטן און אויסבעסערן זײַן פּלאַן. ווען ער האָט זיך אַרומגעקוקט, האָט ער דערזען, אַז ער

געפינט זיך אונטערן שטאָט, און עס ווערט שוין שפּעט. ער איז געווען ניט ווייט פון טייך, אין אַ פּאַרשטאָט מיט רייכע פּריוואַט־הייזער, וואו מען נעמט ניט גאָר פריינדלאַך אויף פאַרשווינגען אין אַזעלכע מלבושים, ווי זיינע.

עס איז געווען ניט קאַלט, האָט ער זיך אויסגעצויגן אויף דער ערד אונטער אַ פּאַרקאַן, אָפּצורוען אַ ביסל און באַטראַכטן זיך עס איז אים באַפאַלן אַ שלעפעריקייט, פונדערווייטנס האָט דער־גרייכט דער אָפּקלאַנג פון האַרמאַטן־שיסעריי; ער האָט אַ טראַכט געטאָן: „דער נייער קיניג איז געקרוינט געוואָרן"—און איז פעסט איינגעשלאָפן. — ער האָט פריער דרייסיק שעה ניט געשלאָפן און ניט גערוט.—אויפגעכאַפּט האָט ער זיך ערשט אויף מאָרגן אַרום האַלבן טאָג.

ער איז אויפגעשטאַנען אַ שטייפער, מיט אָפּגעלעגענע פיס, אַ האַלב־פאַרחלשטער. ער האָט זיך איינגעוואַשן אין טייך, באַרו־איקט דעם מאָגן מיט אַ גוטן טרונק וואַסער און געלאָזן זיך גיין צו וועסט־מיניסטער, וואָרטשענדיק אויף זיך אַליין, למאַי ער האָט צעריבן אַזויפיל צייט אומזיסט. הונגער האָט אים געהאָלפן אויס־צואַרבעטן אַ נייעם פּלאַן: ער וועט זיך פּרובירן צושלאָגן צו סער העמפרי מאַרלאָאו און לייען ביי אים אַ פּאָר מאַרק און...— אָבער דאָס איז דערווייל גענוג. אַז ער וועט דאָס אויספירן, וועט ער צייט האָבן אויסצואַרבעטן דעם פּלאַן ווייטער.

אַרום עלף אַ זייגער איז ער צוגעקומען צום פּאַלאַץ, און כאָטש אַ גרויסער עולם איז געגאַנגען אין דערזעלביקער ריכטונג איז ער געווען גענוג קענטיק צווישן אים—זיין אָנטאָן האָט שוין געזאָרגט דערפאַר.—ער האָט זיך גוט איינגעקוקט אין די פּנימער, זוכנדיק אַזאַ איינעם, וועמען ער זאָל קענען בעטן אָנזאָגן דעם אַלטן לייטענאַנט מאַרלאָאו, אַז ער וויל אים זען. וועגן אַליין דערשלאָגן זיך אין פּאַלאַץ איז ניט געווען וואָס צו קלערן.

אין אַ ווײַלע אַרום איז פאַרביי העני דאָנען דורכגעגאַנגען אונזער באַקאַנטער שמיס־ייִנגל. ער האָט זיך אומגעקערט און, גוט באַטראַכטנדיק אים, אַ קלער געטאָן: אויב דאָס איז ניט יענער שלעפער, וועגן וועלכן זיין מאַיעסטעט באַאומרואיקט זיך אַזוי,—

בין איך אַן אייזל—כאָטש דאָס בין איך אַזוי אויך.—ער פּאַסט זיך צו צו דער באַשרייבונג ביז צום לעצטן פּאָדים. אַז גאָט זאָל באַשאַפן צוויי פּונקט פון איינע,—וואָלט געהייסן גלאַט ביליג מאַכן וואונדער דורך אָפּטע ווידערהאָלונג. איך וואָלט געוואָלט געפינען עפּעס אַן אויסרייד צו פאַרפירן מיט אים אַ שמועס.

מיילס הענדאָן האָט אים פאַרשפּאָרט די טירחה. ער האָט זיך אַליין צו אים אומגעקערט — ווי עס טרעפט אָפט, ווען איר פילט, אַז עמיצער קוקט אייך פון הינטן נאָך—און, באַמערקנדיק אין דעם יינגלס אויגן אַ גרויס אינטערעס צו זיך, איז ער צו אים צוגעגאַנגען און געזאָגט:

— דו ביסט ניט לאַנג אַרויס פון פּאַלאַץ, געפינסטו זיך דאָרטן?

— יאָ, אייער גנאָד.

— קענסטו סער העמפרי מאַרלאָאו?

דאָס יינגל האָט אַ ציטער געטאָן. „גאָט מיינער — האָט ער געטראַכט — דאָס איז דאָך מיין פאַרשטאָרבענער פאָטער" — און געענטפערט הויך:

— זייער גוט, אייער גנאָד.

— גוט. איז ער דאָרטן?

— יאָ — האָט דאָס יינגל געענטפערט, און צוגעגעבן פאַר זיך: „אין קבר".

— קען איך בײַ דיר בעטן די טובה, דו זאָלסט אַזוי גוט זיין איבערגעבן אים מיין נאָמען און זאָגן אים, אַז איך וויל אים זאָגן אַ פּאָר ווערטער בסוד?

— איך וועל עס גערן טאָן, סער.

— זאָג-זשע אים, אַז מיילס הענדאָן, אַ זון פון סער ריטשאַרד, וואַרט דאָ דרויסן. איך וועל דיר דערפאַר זייער דאַנקבאַר זיין, מיין וואוילער יינגל.

דאָס יינגל האָט אויסגעזען אַנטטוישט. „דער קיניג האָט אים אָנגערופן מיט אַן אַנדער נאָמען — האָט ער געטראַכט. — אָבער עס מאַכט ניט אויס. אויב דאָס איז ניט דער, וואָס דער קיניג

זוכט, איז עס זיין צווילינג־ברודער, וואָס וועט קענען דערציילן דעם קיניג נייס פון דעם אַנדער „סער־שטיקלאַך־און־ברעקלאַך".

און, ווענדנדיק זיך צו מ י י ל ס ן, האָט ער געזאָגט:

— שטעלט זיך אָט אַהער אַ ווײַלע, גוטער הער. איך וועל אײַך באַלד ברענגען אַ תשובה.

ה ע נ ד אָ ן האָט זיך געשטעלט, וואו מען האָט אים אָנגעוויזן — דאָס איז געווען אַ נישע אין וואַנט מיט אַ שטיינערנער באַנק אינעווייניק, וואו די וואַך־זעלנער פלעגן זיך באַהאַלטן אי אַ שלעכט וועטער. ער האָט זיך נאָר־וואָס צוגעזעצט, ווען עטלאַכע אַלעבאַרדיסטן מיט אַן אָפיצער אָן דער שפּיץ זײַנען פאַרבײַגעגאַנגען. דערזעענדיק אים, האָט דער אָפיצער אַ קאָמאַנדע געטאָן, די סאָלדאַטן זאָלן זיך אָפּשטעלן און געהייסן ה ע נ ד אָ נ ע ן צוגיין. הענדאָן איז צוגעגאַנגען—און איז גלייך אַרעסטירט געוואָרן אַלס פאַרדעכטיקע פּערזאָן, וואָס דרייט זיך אַרום פּאַלאַץ.

דאָס איז געווען אַ מיאוסע מעשה. ה ע נ ד אָ ן האָט געוואָלט דערקלערן, וואָס ער טוט דאָ, אָבער דער אָפיצער האָט אים גראָב אָפּגעהאַקט און געהייסן די סאָלדאַטן אָפּנעמען בײַ אים זיין געווער און באַזוכן אים.

— הלואי זאָל דער באַרימהאַרציקער גאָט געבן, זיי זאָלן עפּעס געפינען—האָט מ י י ל ס געזאָגט, — איך האָב גענוג געזוכט און האָב גאָרנישט געפונען, כאָטש איך נייטיק זיך מער פון זיי...

— קיין זאַך ניט געפונען, אויסער עפּעס אַ פּאַפּיר — האָט געמאָלדן דער אונטער־אָפיצער.

דער אָפיצער האָט עס אויפגעעפנט, און ה ע נ ד אָ ן האָט אַ שמייכל געטאָן, דערקענענדיק די „גרייזלאַך און דריידלאַך", וואָס זיין קליינער פריינד האָט אָנגעשמירט אויף „דריי שפּראַכן" יענעם ביטערן טאָג אין הענדאָן־שלאָס.

דעם אָפיצערס פּנים איז פינסטער געוואָרן, ווען ער האָט איבערגעלייענט דעם ענגלישן נוסח פון פּאַפּיר, און ה ע נ ד אָ ן איז פאַרקערט בלייך געוואָרן, ווען ער האָט דערהערט דעם אָפיצער זאָגנדיק:

— אַ נייער בעלן אויף דער קרוין! זיי מערן זיך היינט

וי די העזלאַך, אויף מיין וואָרט! האַלט נאָר גוט צו דעם שופּט, ביז איך וועל אַריינטראָגן דעם זעלטענעם פּאַפּיר אין פּאַלאַץ און אָפּשיקן עס צום קיניג.

ער איז שנעל אַוועקגעגאַנגען, איבערלאָזנדיק דעם אַרעסטירטן אין די הענט פון די זעלנער.

— נו, איצט וועלן זיך, דוכט זיך, ענדיקן אַלע מיינע צרות — האָט הענדאָן געמורמלט, — איך וועל זיך שוין געוויס וויגן אויף אַ שטריקל, צוליב דאָס שטיקל פּאַפּיר. וואָס וועט עס ווערן פון מיין אָרימען ייִנגל — אָ, איין גאָט ווייס!

נאָר אָט האָט ער דערזען דעם אָפיצער לויפנדיק צוריק אין גרויס איילעניש, און ער האָט זיך געמאַכט האַרץ צו באַגעגענען זיין גורל מיט מוט, ווי עס פּאַסט פאַר אַ זעלנער. דער אָפיצער האָט באַפוילן די זעלנער, זיי זאָלן אָפּלאָזן דעם געפאַנגענעם און אָפּגעבן אים צוריק זיין שווערד. נאָכהער האָט ער זיך מיט גרויס אָפּשיי פאַרנייגט פאַר אים און געזאָגט:

— זייט אַזוי גוט, סער, נאָכגיין נאָך מיר.

הענדאָן איז נאָכגעגאַנגען, קלערנדיק:

„ווען איך וואָלט איצט ניט געפירט ווערן צום טויט, ווען מען קען זיך ניט ערלויבן צו טאָן אַ פרישע עבירה, וואָלט איך דעם לומפּ דערוואָרגן פאַר זיין חוזק מאַכן פון מיר".

זיי זיינען דורכגעגאַנגען אַ גרויסן הויף און צוגעקומען צום הויפּט־אַריינגאַנג פון פּאַלאַץ, וואו דער אָפיצער האָט, ווידער טיף פאַרנייגנדיק זיך, איבערגעגעבן הענדאָנען אין די הענט פון אַ פּאַרפּוצטן הויכן באַאַמטן, וואָס האָט אים אויפגענומען מיט גרויס כבוד און דורכגעפירט דורך אַ גרויסן אויפנאַמס־צימער צווישן צוויי ציילן דינער (וואָס האָבן זיך נידעריק געבוקט ביי זייער דורכגאַנג, אָבער, וואָס האָבן זיך געשטיקט פון געלעכטער ווי נאָר אונזער „פאַרשטעלעניש" איז געווען צו זיי מיטן רוקן), אויפגעהויבן זיך אויף ברייטע טרעפּ צווישן גאַנצע מחנות הויפלייט, און צום סוף אַריינגעפירט אים אין אַ גרויסן זאַל, מאַכנדיק פאַר אים אַ וועג צווישן דער ענגלישער אַריסטאָקראַטיע, וואָס איז דאָ געווען פאַרזאַמלט, דערמאָנענדיק אין איין גאַנג הענ-

דאָנען ער זאָל אַראָפּנעמען זיין הוט, און געלאָזן שטיין אים אינמיטן זאַל—אַ ציל פאַר אַלע אויגן, פאַר אַ סך בייזע בליקן און געגוג פריילאַכע און שפּאָטישע שמייכלען.

מיילס הענדאָן איז געווען גאָר צעטומלט: פינף טריט פון אים איז אונטער אַ חופּה געזעסן אויפן טראָן דער יונגער קיניג דעם קאָפּ אָנגעבויגן און אָפּגעקערט אָן אַ זייט און גע־שמועסט מיט אַ פאַרשוין, וואָס האָט אויסגעזען ווי אַ גן־עדן־פייגל— אַ הערצאָג אפשר.—הענדאָן האָט אַ טראַכט געטאָן, אַז שטאַרבן אין די בעסטע יאָרן איז גענוג שווער אויך אָן אַזעלכע בזיונות פאַר אַזאַ עולם. ער וואָלט געוואָלט, דער קיניג זאָל שוין מאַכן אַ סוף דערמיט—צו שווער צו פאַרטראָגן די ערנידערונגען פון אייניקע פון די וויכטיקע פאַרשוינען, וואָס דרייען זיך דאָ אַרום.

אין דעם מאָמענט האָט דער קיניג אַ ביסל אויפגעהויבן דעם קאָפּ און הענדאָן האָט זיך אין אים גוט איינגעקוקט. עס האָט אים דער אָטעם פאַרכאַפּט פון דעם, וואָס ער האָט דערזען! ווי אַ פאַרכישופטער האָט ער געקוקט אויף דאָס יונג פּנים און נאָכהער אויסגערופן:

— וואָס, דער קיניג פון דעם „חלומות־און־שאָטנס־קיניג־רייך" אויף זיין טראָן!

ער האָט אַלץ געמורמלט און גערעדט האַלבע ווערטער, ניט אויפהערנדיק צו קוקן און וואונדערן זיך. נאָכהער האָט ער זיך אַרומגעקוקט אויף אַלע זייטן, ריידנדיק צו זיך אַליין: „אָבער די אַלע זיינען דאָך אמתע, לעבעדיקע מענטשן, אויף מיין וואָרט, אמתע—בנאמנות, ס'איז ניט קיין חלום...

ער האָט ווידער אָנגעשטעלט די אויגן אויפן קיניג און געטראַכט: איז עס אַ חלום?... אָדער איז ער טאַקע דער אמתער הערשער פון ענגלאַנד און ניט דער עלנטער אָרימער טאָם פון משוגעים־הויז, פאַר וועלכן איך האָב אים געהאַלטן?—ווער וועט מיר אויפלייזן די רעטעניש?

מיטאַמאָל האָט אַ געדאַנק אויפגעבליצט אין זיינע אויגן: ער האָט אַ שפּריין געטאָן צים וואַנט, געבראַכט אַ שטול און אַנידערגעזעצט זיך!

אלע זיינען געוואָרן אויסער זיך. איינער פון די הויף־לייט האָט אים אַ כאַפּ געטאָן ביים קאָלנער און אויסגעשריען:

— שטיי אויף, דו אָפּגעריסענער נאַר! דו קלייבסט זיך זיצן אין דער געגנוואַרט פון קיניג ?!

דער טומל האָט צוגעצויגן דעם קיניגס אויפמערקזאַמקייט. ער האָט אויסגעצויגן זיין האַנט און אויסגעשריען:

— באַרירט אים ניט. דאָס איז זיין רעכט!

דער עולם איז אָפּגעטראָטן צוריק געוואַלדיק איבערראַשט. דער קיניג האָט ווייטער געזאָגט:

— זייט וויסן איר אַלע, ליידיס, לאָרדן און דזשענטלמענער, אַז דאָס איז מיין אָנפאַרטרויטער און שטאַרק־באַליבטער דינער, מ י י ל ס ה ע נ ד אָ ן, וואָס האָט מיט זיין גוטן שווערד געראַטעוועט זיין קיניג פון קערפּערלאַכער באַשעדיקונג און אפשר — פון טויט, און דערפאַר איז ער, ביי דעם קיניגס ווילן, דערהויבן געוואָרן צום ריטער־ראַנג. זייט ווייטער וויסן, אַז פאַר אַ העכערער דינסט—דערפאַר, וואָס ער האָט פאַרהיט זיין הערשער פון שמיץ און שאַנד, נעמענדיק עס אויף זיך, — איז ער געמאַכט געוואָרן פּ ע ר פון ענגלאַנד, גראַף פון ק ע נ ט און וועט באַקומען גאָלד און גיטער ווי עס פּאַסט פאַר זיין כבוד. נאָך מער, דעם זכות, וואָס ער האָט איצט געטאָן אויסנוצן,—געהערט אים דורך אַ קיניגלאַכן געשאַנק, ווארים מיר האָבן געטאָן באַפוילן, אַז די בכורים פון דער משפחה הענדאָן זאָלן האָבן דאָס רעכט צו זיצן אין דער געגנוואַרט פון ענגלאַנדס מאַיעסטעט פון היינט אָן און ווייטער, דור נאָך דור, אַזוי לאַנג, ווי דער טראָן וועט אַ קיום האָבן. באַרירט אים ניט!

צוויי פּערזאָן, וואָס האָבן על־פּי סיבה פאַרשפּעטיקט און זיינען נאָר־וואָס אָנגעקומען פון דער פּראָווינץ, זיינען געשטאַנען און צוגעהערט זיך און געקוקט דאָס אויפן קיניג, דאָס אויף דער „פּאַרזעניש", ווידער אויפן קיניג און נאָכאַמאָל אויף דער „פּאַרזעניש" אין אַ מין ווילדן וואונדער. דאָס זיינען געווען סער ג י ו און ליידי ע ד י ט. אָבער דער נייער גראַף האָט זיי ניט באַמערקט.

ער האָט אַלץ ניט אַראָפּגענומען די אויגן פון מאָנאַרך און גע־מורמלט:

— אָ, גאָט מײַנער! און דאָס איז מײַן בעטלער! דאָס איז מײַן משוגענער; דאָס איז דער, פאַר וועמען איך האָב זיך געוואָלט באַרימען מיט די זיבעציק צימערן אין מײַן הויז און מיט די זיבן־און־צוואַנציק דינער! דאָס איז דער, וואָס האָט קיינ־מאָל קיין אַנדער זאַך ניט געהאַט, ווי שמאַטעס פאַר קליידער, איבערגעבליבענע ברעקלאַך פון טיש צום עסן און קלעפּ אויף פאַרבײַסן! דאָס איז דער, וועמען איך האָב צוגענומען פאַר אַ זון, און געוואָלט מאַכן אים פאַר אַ מענטשן! אָ, הלוואַי וואָלט איך געהאַט אַ זאַק צו באַהאַלטן אין אים מײַן קאָפּ פון חרפּה!

מיטאַמאָל האָט ער זיך דערמאָנט און האָט אַ פאַל געטאָן אויף די קני און, אָנכאַפּנדיק דעם קיניגס האַנט, געשוואָרן גע־טרײַקייט און געדאַנקט פאַר דעם טיטל און גיטער. נאָכהער איז ער אויפגעשטאַנען און אָפּגעטראָטן אָן אַ זײַט — אַ ציל פאַר אַלע אויגן און פאַר געגנוג קנאה אויך.

איצט האָט דער קיניג באַמערקט סער ג׳יו און האָט מיט אַ צאָרנדיקער שטים און ברענענדיקע אויגן געזאָגט:

— נעמט אַוועק פון דעמדאָזיקן רויבער זײַנע גענולטע גיטער און טיטל און האַלט אים אונטערן שלאָס און ריגל, ביז איך וועל אים אויפפאָדערן.

דער געוועזענער סער ג׳יו איז אַרויסגעפירט געוואָרן.

איצט איז אין צווייטן עק זאַל פאָרגעקומען עפּעס אַ באַ־וועגונג. די פאַרזאַמלטע האָבן געמאַכט אַ וועג און טאָם קענטי, איינפאַך, אָבער רײַך געקליידט, געפירט פון אַ צערעמאָניאַל־מײַס־טער איז דורכגעגאַנגען צווישן צוויי לעבעדיקע ווענט. ער האָט געקניט פאַרן קיניג, וואָס האָט געזאָגט:

— איך האָב זיך דערוואוסט די געשיכטע פון די פאַר־גאַנגענע עטלעכע וואָכן און איך בין צופרידן מיט דיר. דו האָסט געטאָן רעגירן די מלוכה מיט וואָרהאַפטיקער קיניגלעכער גוט־האַרציקייט און רחמנות. האָסטו געפונען דײַן מוטער און שוועס־טער? — זיי וועלן באַזאָרגט ווערן. און דײַן פאָטער וועט אויפ־

געהאַנגען ווערן, אויב דאָס איז דיין פאַרלאַנג און דאָס געזעץ ערלויבט עס. זייט וויסן, איר אַלע, וואָס טוט הערן מיין שטים, אַז פון היינט אָן און ווייטער וועלן אַלע, וואָס געפינען זיך אין „קריסטוס יתומים־הויז" *) און געניסן פון קיניגס צדקה, — באַקו־מען שפייז פאַר זייערע מוחות און הערצער אַזוי גוט ווי פאַר זייערע קערפּערס, און דערדאָזיקער ייִנגל וועט טאָן וואוינען דאָרטן און וועט שפּעטער זיין גאַנצן לעבן פאַרנעמען דאָרטן אָן ערן־אָרט צווישן די לערער. און אַזוי ווי ער איז געווען אַ קיניג, דאַרף אים אָפּגעגעבן ווערן באַזונדער כבוד, זייט־זשע אויפמערק־זאַם אויף זיין באַזונדער קליידונג, דורך וועלכע אַלע דאַרפן אים דערקענען און קיינער טאָר זיי ניט נאָכמאַכן. און וואוהין ער זאָל ניט קומען, וועט עס דערמאָנען דעם פאָלק, אַז ער איז אַמאָל געווען אַ קיניג און קיינער זאָל זיך ניט דערוועגן ניט צו אַכטן אים און ניט צו באַגריסן אים. ער טוט זיך געפינען אונ־טער דער שוץ פון טראָן, ער האָט די שטיצע פון דער קרוין, ער וועט זיין באַוואוסט און גערופן מיט דעם ערן־טיטל:

„דעם קיניגס האָדעוואַניק".

דער שטאָלצער און גליקלאַכער טאָם קענטי איז אויפ־געשטאַנען, געקושט דעם קיניגס האַנט און איז נאָכהער אַרויס־געפירט געוואָרן. ער האָט ניט פאַרלאָרן קיין צייט, נאָר גלייך געפלויגן צו זיין מוטער דערציילן איר, בעט און נען די גאַנ־צע מעשה, זיי זאָלן זיך פרייען צוזאַמען מיט אים.

---

*) די עלטסטע שול און קינדערהיים פאַר אָרימע קינדער אין לאָנדאָן.

שלוס.

שטראָף און באַלוינונג.

ווי גיו הענדאָן האָט זיך אַליין מודה געווען, האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז זיין ווייב האָט זיך דאַמאָלסט אָפּגעזאָגט אין הענדאָן־שלאָס פון מיילסן, ווייל זי איז דערצו געצוואונגען געווען פון אים, גיו הענדאָן, וואָס האָט צוגעזאָגט — און מען האָט אים געקענט גלויבן, — אַז אויב זי וועט אים ניט פאָלגן און לאָזן זיך דערקענען צו מיילסן, וועט ער איר נעמען דאָס לעבן. און ווען זי האָט אים געזאָגט: „נעם מיין לעבן, ער איז מיר ניט טייער", — האָט ער געזאָגט, אַז איר וועט ער לאָזן לעבן, אָבער ער וועט טויטן מיילסן. דאָס איז שוין געווען אַן אַנדער זאַך, האָט זי געגעבן דאָס וואָרט ניט צו דערקענען מיילסן און האָט דאָס וואָרט געהאַלטן.

גיו איז ניט באַשטראָפט געוואָרן פאַר באַשווינדלען זיין ברודער און פאַר אַלע זיינע מעשים, ווייל זיין פרוי און זיין ברודער האָבן ניט געוואָלט עדות זאָגן קעגן אים. און די ווייב וואָלט ניט געקענט באַווייזן קעגן אים, ווען זי זאָל אַפילו וועלן, ווייל ער האָט זי אַוועקגעוואָרפן און איז אַוועק אין פרעמדע לענדער, וואו ער איז אינגיכן געשטאָרבן. מיט דער צייט האָט דער אַמאָליקער מיילס הענדאָן און איצטיקער גראַף קענט חתונה געהאַט מיט זיין אלמנה.

אין דאָרף הענדאָן איז געווען ששון ושמחה, ווען דאָס פאָר איז צום ערשטן מאָל געקומען אין שלאָס.

טאָם קענטיס פאָטער איז ווי אין וואַסער אריין.

דער קיניג האָט אויפגעזוכט דעם פאַרמער, וועלכן מען האָט בעשטעמפּלט און פאַרקויפט פאַר אַ קנעכט, האָט אים אויסגעלייזט פון זיין זינדיק לעבן אין דעם „סקאַנדאַליסטס" באַנדע און באַזאָרגט אים מיט אַ פיינע הכנסה.

ער האָט אויך באַפרייט דעם אַלטן אַדוואָקאַט פון געפענגעניש און אומגעקערט אים זיין געלט-שטראָף.

ער האָט פאַרזאָרגט די טעכטער פון די צוויי פאַרברענטע פרויען און שטרענג באַשטראָפט דעם באַאַמטן, וואָס האָט געשמיסן הענדלאָגען.

ער האָט געראַטעוועט פון עשאַפאָט דאָס יינגל, וואָס האָט געכאַפּט דאָס פאַלק-פויגל און די פרוי, וואָס האָט געגנבעט ביים וועבער אַ שטיקל געוואַנט.

ער האָט אָבער פאַרשפּעטיקט צו ראַטעווען דעם מענטשן, וואָס איז פאַראורטיילט געוואָרן פאַר דערשיסן אַ הירש אין קיניגס וואַלד.

ער האָט באַוויזן גנאָד דעם ריכטער, וואָס האָט אויף אים רחמנות געהאַט, בעת ער איז באַשולדיקט געוואָרן אין גנבענען אַ חזירל און עס האָט אים הנאה געטאָן צו זען, ווי דער ריכטער איז מיט דער צייט געוואָרן אַ גרויסער און פון אַלעמען געאַכטער מענטש.

זיין גאַנץ לעבן האָט דער קיניג ליב געהאַט צו דערציילן זיינע פּאַסירונגען פון דער שעה אָן, וואָס ער איז אַרויסגעלאָפן פון פּאַלאַץ אין די בעטלער-קליידער ביז דער לעצטער נאַכט, ווען ער האָט זיך אַריינגעגנבעט אין קירך צוזאַמען מיט אַ קאָמפּאַניע אַרבעטער און באַהאַלטן זיך אין טויטן-געצעלט פון קיניג עדוואַרד דעם בעל-תשובה און איז אַזוי פעסט איינגעשלאָפן, אַז ער האָט נאָך אַ האָר פאַרשלאָפן די קרוינונגס-צערעמאָניע. ער האָט געזאָגט, אַז דאָס אָפטע איבערדערציילונג פון דער געשיכטע פאַרפעסטיקט זיין ווילן צו ציען פון איר נוצן פאַרן פאָלק, און ער וועט דעריבער ניט אויפהערן צו דערציילן די מעשה ווי לאַנג ער וועט לעבן, כדי צו האַלטן פריש אין זיין זכרון די טרויערי-

קע בילדער און דעם קוואַל פֿון רחמנות, וואָס זיי וועקן אין זיין האַרץ.

מיילס הענדאָן און טאָם קענטי זיינען געווען דעם קיניגס ליבלינגס די גאַנצע צייט פֿון זיין קורצער הערשאַפֿט, און זיי האָבן מיטן גאַנצן האַרצן געטרויערט נאָך זיין טויט.

דער גוטער גראַף קענט איז געווען צו פֿאַרנונפֿטיק אויסצונוצן זיין זונדערבאַרע פּריווילעגיע, אָבער צוויי מאָל אין זיין לעבן האָט ער עס יאָ אויסגענוצט: איין מאָל, ווען די קיניגין מערי האָט באַשטייגט דעם טראָן, און דאָס צווייטע מאָל ווען די קיניגין עליזאַבעט איז געקרוינט געוואָרן. איינער פֿון זיין ווייטערדיקן דור האָט אויסגענוצט די פּריווילעגיע ווען דזשיימס דער ערשטער איז געוואָרן קיניג. איידער דעמדאָזיקן גראַפֿס זון האָט זיך אויסגעקליבן אויסצונוצן זיין זכות, איז פֿאַרבייגעגאַנגען אַ פֿערטל יאָרהונדערט און „די פּריווילעגע פֿון די קענטס" איז כּמעט ווי פֿאַרגעסן געוואָרן, און ווען איינער פֿון די קענטס האָט אין געגנוואַרט פֿון טשאַרלז דעם ערשטן און זיין גאַנצן הויף גענומען און אָוועקגעזעצט זיך, כּדי פֿעסטצושטעלן זיינע רעכט, איז געוואָרן נישקשה פֿון אַ גערודער! אָבער די זאַך איז באַלד ערקלערט געוואָרן און זיין רעכט באַשטעטיקט. דער לעצטער פֿון דער פֿאַמיליע קענט איז געפֿאַלן אין דער בירגער־קריג, קעמפֿנדיק פֿאַרן קיניג, און די זונדערבאַרע פּריווילעגיע האָט זיך געענדיקט צוזאַמען מיט אים.

טאָם קענטי האָט דערלעבט ביז אַ טיפֿן עלטער. ער איז געווען אַ שיינער גריין־גראָער זקן מיט אַן ערנסט און גוטמוטיק פּנים. זיין גאַנצן לעבן איז ער פֿון אַלעמען געאַכט געווען. מען האָט אים אויך אָפּגעגעבן כּבוד פֿאַר זיין באַזונדער קליידונג וואָס האָט אַלעמען דערמאָנט, אַז „ער איז אַמאָל געווען קיניג", און וואו נאָר ער האָט זיך באַוויזן, האָט מען פֿאַר אים געמאַכט וועג און איינער דעם צווייטן פֿלעגט זאָגן: „טו אויס דיין הוט, דאָס איז דער אויסגעהאָדעוועטער פֿון קיניג!"

ער פֿלעגט ענטפֿערן אויף די באַגריסונגען מיט אַ ליבלאַכן

שמייכל, וואָס איז פון אַלעמען געשאַצט געוואָרן, ווייל יעדערער האָט געוואוסט זיין בכבודיקע לעבנס-געשיכטע.

דער קיניג עדוואַרד דער זעקסטער האָט אינגאַנצן גע־לעבט עטלאַכע יאָר, אָרים ייִנגל! — אָבער געלעבט ווי עס געהערט צו זיין. זייער אָפט, ווען עמיצער פון די וויכטיקע הויף-באַאמטע, עפּעס דאָרטן אַ באַגילדטער הויף־קנעכט פלעגט אַרויסטרעטן קעגן דעם קיניגס מילדקייט און אויפווייזן, אַז דאָס געזעץ, וואָס ער וויל לינדערן, איז אַזוי אויך גענוג מילד און פאַרשאַפט גאָרניט די באַשטראָפטע קיין יסורים, — פלעגט דער יונגער קיניג אָנווענדן אויף דעם בעל־עצה זיינע גרויסע, אויסדרוקפולע, רחמנותדיקע אויגן און ענטפערן:

— וואָס ווייסטו פון יסורים און אונטערדריקונג? איך און מיין פאָלק ווייסן וואָס דאָס מיינט, אָבער ניט דו.

די הערשאַפט פון עדוואַרד דעם זעקסטן איז געווען אַ באַרימהאַרציקע הערשאַפט, וועדליק פאַר יענע גרויזאַמע צייטן. לאָמיר־זשע דאָס ניט פאַרגעסן איצט, ווען מיר צעשיידן זיך מיט אים און דערמאָנען אים שטענדיק צו גוטן.